STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03233

MIT DER SHIF TSHITSHERIN

A. Rives

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. ריוועס / מיט דער שיף טשיטשערין

א. ריוועס

מיט דער שיף
טשיטשערין

ראמאן

פארלאג
י.ל. פרץ
ביבליאטעק
תל־אביב, ישראל

1959

A. RIVES
MIT DER SHIF "TSHITSHERIN"
Publishing I. L. Pertz Library
31 Allenby str., Tel-Aviv, Israel

א. ריווּעס / מיט דער שיף "טשיטשערין"

אַרויסגעגעבער: פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק

תל־אביב, רח' אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „מגן", רח' בני־ברק 20 תל־אביב

א. ריוועס / מיט דער שיף טשיטשערין

דאָס פּאַפּיר איז אַ מתנה פון ייד. פּען־קלוב, ניו־יאָרק

1

די שיף „טשיטשערין“ פּיבערט מיט קלענערן פֿאַרע־דרוק אין די שטילערע וואַסערן פֿון עגעישן ים. די שיף האָט זיך נאָך כמעט נישט באַפֿרייט פֿון דעם נעכטיקן שליידערן אין די צעבייזערטע כוואַליעס פֿון שוואַרצן ים. פּאַסאַזשירן טראָגן נאָך אין זיך דעם גרויל און געווירבל פֿון שטורעם, איצט אָטעמען זיי פֿרייער אויפֿן דעק און קוויקן זיך פֿון שפּע ליכט, וואָס בלויט פֿון אומענדלעכן הימל און ים.

רינאַ, אַ פֿלאַטערנדיק מיידל אין הויכע ברוינע שטיוועלעך האָט זיך אָפּגעפֿונען אַן אָרט ביים נאָז פֿון שיף. דער ווינט האָט מיט וואָגיקן כוח געפּאַטשט און געלופּטערט אירע קליידלעך, איר פּנים און האָר. רינעס אויגן האָבן זיך גיריק געראַנגלט מיטן ווינט און נאָכגעקוקט ווי די שיף שניידט די ברוסטיקע וואַסערן, וואָס צעשפּיגלען זיך אין בלאָ און גרין — און ווייסער שוים קאָכט אויף, צעגייט זיך איןביידע זייטן שיף אין לאַנגע קוועליקע שלעפּעס.

רינא וויל זיין וואָס ווייטער אָפּגעזונדערט פֿון אירע חברים, ביי איר איז אַ פֿלאַנטער פֿון געפֿילן, אומקלאָרע, מטושטשע — אין אירע בלוטן לייכט אַלעמאָל אויף ד א נ י ע, זי וויל זיך פֿון איר דערווייטערן — און געפֿינט זיך דווקא אין זיין חברותא. זי דערשטיקט אין זיך יענע נאַכט, ערב זייער אָפּפֿאָר פֿון אָדעס, זי איז דעמאָלט געזונקען מיט אַ פֿאַרלוירענעם קאָפּ אין פֿיינלעכע, פֿייערדיקע תהומען, זי וויל פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן — און אויף צולהכעיס קאָכט עס אין די בלוטן, גיט איר אָנצוהערן — ביסט אַריבערגעטרעטן דעם ציטעריקן גרענעץ. ווי זי וואָלט אָנגהויבן זען אַלץ און אַלעמען מיט אַנדערע אויגן. דאָס אָפּקומען גלות אין קירגיזיע פֿאַרן ציוניזם האָט אויך באַקומען אַן אַנדער פּנים. איצט פֿלייצט אין אירע אויגן אַן איי־לשערדיקע זון־בלויקייט. ים און הימל בלענדן מיט מיליאַנען שפּיגלען.

זי איז צוגעפרעסט מיט דער ברוסט צום באַריער פון שיף. אינעווייניק ביי איר טונקלט און האַמערט — ענלעך צום ריטם פון די צעשפּילטע מאָטאָרן אינעם בויך פון שיף. זי קוקט אַראָפּ צו די כוואַליעס, צום קוועליקן שוים, וואָס קאָכט אויף אין די וואַסערן. אין קאָפּ האָט געשווינדלט פון אַזוי פיל הימל און בלאָ, פון ימישן געברום — אָט דוכט זיך איר, ווי די שיף פאָרט גאָר אויף צוריק, צוריק — פון וואַנען זי איז געקומען — —

איבער די לאַנגע שיפס־קאָרידאָרן האָבן ווינטן זיך געוויקלט מיט געזאַלצענער פייכטקייט. אין ווינטיקן געברום האָבן זיך מיט־געפלאָנטערט אויסגעשרייען — רינאַ, רינאַ! — ווינט האָט ווי מיט פלאַטערנדיקע, שווערע פענער געפּאַטשט איבער איר פנים און האָר — רינאַ, רינאַ!

רינאַ איז איינגעשפּאַרט און פאַרעקשנט — זאָל ער שרייען. דאַניע, זי ווייסט, אַז ער זוכט זי אַרום, ער ווערט נישט מיד איר צו רופן — איר איז ליבער נאָכצוקוקן מיט אייפער די ווייסע מעוועס, וואָס דרייען זיך אין רעדלעך פאַר דער נאָז פון שיף, טונקען זיך אַלעמאָל אָפּ אין די וואַסערן און כאַפּן אויף אַ געפאַנג.

דאַניע האָט איר דערשנאַפּט אין באַהאַלטענעם ווינקל, מיט אַ פאַרכליניעט מויל פון ווינט האָט ער אויסגערופן — רינאַ, וואָס טוט זיך מיט דיר? איך זוך דיך שוין אַ שטיק צייט! — רינאַ ענטפערט נישט, זי שטייט צוגעפרעסט צום באַריער מיט שטייפע עקשנות־דיקע אַקסלען.

— רינאַ, ביסט פון זינען?

רינאַ קוקט פאַרטייעט אין ים.

דאַניע גיט איר אַ פאַרקלעם אין די אָרעמס, דרייט איר אויס מיט כוח צו זיך — רינעס קאָפּ מיט צעפלויגענע ווינטיקע קרויזן ווערט זיך אויף זיין ברוסט, אירע ווייסע ציינדלעך שאַרפן זיך איינצובייסן, עס שטורעמט פון איר מיט פראָטעסט און געשריי — און דאָס פאַרשכורט דווקא דאַניען, איר געטאָקט נעזל מיט די צעפּאָכטע נאָזלעכער רייצט אים — וואָס טוט זיך מיט דיר? —

האָט ער פאַרכליניענדיק אַריינגערעדט אין איר צעפלאַמטן פּנים מיט די פּאָר אַנגעצונדענע זומער־שפּרענקלעך אונטער די אויגן.

עס האָבן זיך דערהערט טריט איבערן הילצערנעם דעק. דאַניע האָט דערשפּירט אַ שאַרפן ביס אין באַק — זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע פעסטע הענט און אַנגעהויבן לויפן אין פלאַטער פון ווינט, זי האָט אַוועקגעטענצלט אין די שמאָלע שטיוועלעך לענגאויס איבערן קאָרידאָר — אַ מאַטראָז איז איר אַנטקעגן געקומען פון אַ זייטיקער טיר, דער ווינט האָט זיך געוויקלט אַרוםביידן, ווי שווערע שטריק.

— נישט געאיילט, חברטע — האָט דאָס קופּערנע פּנים פון מאַטראָז זיך צעשמייכלט — די פּאַלעסטינער ברעגעס זענען נאָך ווייט!

רינאַ איז געפלעפט פון דער באַגעגעניש, דאָס האַרץ שליידערט זיך פאַר אויפרעגונג מיט דאַניען — וואָסערע „ברעגעס"? — פרעגט זי איבער מבולבלדיק.

— אַנטשולדיקט — איז דער מאַטראָז גערירט פון איר צעטראָגנקייט — איך האָב געשפּאַסט... נאָך אין אַ האַלבער שעה קומען מיר אָן צום גריכישן פּאָרט פּירעאוס.

רינאַ קומט צו זיך, באַהערשט זיך, אירע אויגן מיניען מיט קאָלירן פון ים: בלאָ, גראָ און גרין.

— זי איז שיין — פסקנט ביי זיך דער מאַטראָז. רינאַ האָט בדעה אַוועקצואיילן פון אים, אָבער דער מאַטראָז פּראָבירט איר פאַרהאַלטן מיט אַ שעלמיש אויגל און מיט אַ בליאַסק פון ווייסע ציינער — איאָ, עס גלוסט זיך אייך אַ וואַרעם לענדל?

— טאָוואַרישטש, — ענטפערט זי אים צעשטרייט — איר פאַרשטייט? מיר גלוסט זיך איצט גאָרנישט, גאָרנישט. — —

רינאַ האָט זיך אַ קער געטאָן פון מאַטראָז מיטן קופּערנעם פּנים און האָפּערדיק אַוועקגעטענצלט איבערן דעק.

— עך, מיידעלע — האָט דער מאַטראָז איר נאָכגעשיקט אַן אויגל — מיר קענען אייך, מערזאָוועצעס...!

אויפן דעק זענען צעלייגט אַ גרופּע חברים, זענען מיד און

פאַרוואָרלאָזט, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג פאַרגעסן אין אַ היים, אין אַ געזעצטן סדר. — וואָס מער רינאַ האָט זיך דערנענטערט צום געזעמל חברים, אַלץ מערער האָט זי פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט, — ביז זי איז געבליבן שטיין נעבן זיי פאַרווירט, צוריקגעהאַלטן — מ׳האָט איר מקבל־פּנים געווען מיט שמחה, מיט אויפגעהויבענע הענט — ווו ביסטו אַנטרונען געוואָרן, רינאַ?

— דאניע יאָגט זיך נאָך דיר אַרום, און קען דיר נישט געפינען

— האָט מען צו איר געהאָט טענות פון געזעמל.

— וווּ איז ער? — מאַכט זיך רינאַ כלא־יודע.

גרושקין האָט אויפגעהויבן זיין צעמאַטערט פינצטערן פּנים, ווי די אויגן האָבן געגליט ווי ביי אַ היץ־קראַנקן.

— ער האָט אַרונטערגעטאַנצט אין ים — האָט ער אָן אַ שמייכל אַ זאָג געטאָן — געווען זיכער, אַז דו האָסט זיך דאָרט פריער אָפּגעטונקט...

— גרויסער העלד! — האָט אים רינאַ נישט געוואָלט בלייבן שולדיק אָן ענטפער — ער איז שוין באַלד ביי די טויערן פון ירושלים — און חברט זיך נאָך אַלץ מיטן „טויט"....

— און וואָסזשע מיינסטו — האָט ער אויף איר אַ גלי געטאָן די אויגן — איך לעב דען? איך בין שוין לאַנג אַ נפטר...

גרושקין האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צום דיקן ספר אויף די קני, אַרום די ליפּן האָט זיך אים געוועבט אַ פיינלעכער שפּאָט.

יאָ, גרושקין נעמט אַלעמען אויפן שאַרף פון מעסער, דעם אייגענעם „איך" האָט ער שוין לאַנג צעמאַלט אויף די מילשטיינער פון שטרויכלדיקן לעבן — ער שלעפּט אַריין אַלץ און אַלעמען צווישן די שווערע רעדער. — פאַר וועלכן חטא האָט מען אים פאַר־שלעפּט אין גלות־קירגיזיע מיט די ציון־טרוימער? — דערפאַר וואָס ער שרייבט שירים אין העברעיש? — יאָ, ער האָט געוואָלט אויס־וואַקסן דער העברעישער אַלעקסאַנדער בלאָק. ער האָט יענע פּראָקו־ראָרן קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער קען זיך נישט באַפרייען פון דער טבע — צו דיכטן העברעישע לידער, פּונקט ווי ער קען זיך

נישט אָפּגעווױנען פֿון אַ הייסן מרחץ — דאָס האָט אַ ווייניקן שייכות, חברים, צו אייער באַשולדיקונג.

גרושקין, בתוכם מיט די חברה אויפֿן דעק, רעדן דורכאויס רוסיש — די שפּראַך וואָס האָט זיך אָרגאַניש איינגעקולטיווירט פֿון דער פֿריסטער יוגנט אָן אין די רוסישע שולן — אַ שפּראַך, ווייסט גרושקין, איז אַ כראָנישע קרענק, שווער זיך פֿון דעם צו באַפֿרייען אויפֿן גאַנצן לעבן. די שפּראַך וועט אים באַגלייטן צום העברעישן קלאַנג פֿון זיינע לידער.

אין די לעצטע טעג וואָס גרושקין שיפֿט זיך אין דער ברענענ־דיקער זון פֿון מזרח און געזאַלצענע ים־ווינטן, איז זיין פּנים פֿאַר־ברוינט און פֿאַרטונקלט געוואָרן. זיין פֿליישיקע נאָז האָט געבליט מיט אַ הייסן גלאַנץ, ווי ביי אַ שכור — ער איז נישט שווה בשווה מיט זיין קאַטאַר אויף די לונגען־שפּיצן — זיין אַלטער טאַטע האָט אים אפֿילו פֿאַרזיכערט, אַז די הייסע זון אין ארץ־ישראל וועט אים אַרויסציִען די מחלה.

גרושקין האָט אַן אויג אויף די שיפֿס־חברים. ער איז אַ מבין אויפֿן ראָמאַן צווישן דאַניען מיט רינען. טײַלמאַל האָט ער ליב אַ כאַפּ טאָן רינען אויף דער ווענטקע, זי זאָל זיך צאַפּלען ווי אַ פֿישעלע אין דער לופֿטן — גרושקין זעט ווי דאַניע איז צוריקגעקומען פֿון „געיעג״ עפּעס ווי אָפּגעשמיסן. דאַניע גלעט זיך אַ באַק, ווי איינער וואָס איז איינגעשלאָפֿן אויף דעם — ער וויל זיך נישט אַנטרעפֿן מיט רינעס בליק. — און רינאַ טומלט גראַד צווישן עולם, פֿון צעפּלאַמטן פּנימל ברענען אַרויס אירע אויגן מיט פֿאַרשידענע קאָלירן, און דאָס נעזל צאַפּלט מיט צעפֿליגלטע נאָזלעכער.

נאָך אַ פּאָרל וואָרפֿט זיך גרושקינען אין די אויגן, זעענען ווי געקניפּט איינס צום אַנדערן, ווי אין די ערשטע טעג פֿון האָניק־חודש, פֿאַרליבט ביז איבער די אויערן. — ער הייסט, יאשא — און זי, שולמית, אַן עכט ביבלישער נאָמען — און גראָד איז די דאָזיקע שולמית אַ נאָענטע חברטע פֿון רינען.

יאשא איז אַ הויכער, ווי אַרויסגעוואַקסן פֿון אַ קורצן טולופּל.

טאַפּט ער זיך אַלעמאָל ביים בוזים, ווי עס וואָלט זיך אים אויסגעדוכט אַז ער האָט פאַרלוירן אַ טייערן אוצר. — וואָסער זיכערקייט קען אים שוין געבן זיין פּאַספּאָרט אין בוזים־טאַש? — ער איז אָפּגעשוווּמען ווייט, ווייט פון זיין היים. נאָענט איז אים איצט זיין שולמית, זי איז אַ נידעריקע און פּעטינקע, איר גלאַט־פּאַרקעמטע גלאַנציקע האָר זענען אַרומגענומען מיט אַ קרענצל צעפּלעך, אירע גלידער זענען געטאָקט און פאַרונדיקט, פּונקט אַזוי זענען אויך געטאָקט אירע ווערטער און געדאַנקען.

גרושקין פאַרליידט נישט דאָס פּאַרל, נישט איינמאָל גיט ער אַ בורטשע אַרויס — צו אַלדי רוחות, זענען איבערגעפּרעסן מיט אַ היפּשער פּאַרציע נודנעקייט!

אויף אַן אויסגעשפּרייטער דעקע זיצן זיי צונויפגעקלעפּטע, יאשא און שולמית. ער האַלט אַרומגענומען די קנאַכיקע קניען מיט די לאַנגע הענט און טרוימט אויס אויפן קול וועגן זייערע צוקונפט־אידעאַלן — שולמית גיט אַלעמאָל אַרויס אַ געשמאַק זיפצעלע פון איר אויסגעפּולטער ברוסט. דאָס זיפצעלע דערמאָנט טאַטע־מאַמע, דאָס זיפצעלע וויל שוין זען, ווי זיי וועלן זיך דאָרט איינאָרדענען אין זוניקן לאַנד?

יאשא איז נישט קיין עם־הארץ אין העברעיִשע ספרים, ער קען אויף אויסנווייניק פון ביאַליקס שירים. אין וואַכעדיק־צעקלונגענעם רוסישן שמועס פלעכטן זיך אַריין יאשאס העברעיִשע פּסוקים, ווי פּעטע ראָזשינקעס אין אַ שטרודל. — ער האָט געהערט — זאָגט ער — אַז דער משורר זיצט אין אַ פּאַלאַץ מיט מזרחדיקע קופּאָלן.

— ווי אַמאָל שלמה המלך — גיט גרושקין אַ לייען אַרויס ״ין אָפענעם ספר.

— עס קומט אים, עס קומט אים! — האָט יאשא זיך אַ וויג געטאָן מיט די אַרומגענומענע קניען.

— און אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ יובלט דאָס פאָלק פאַרן רום פון נביא... — האָט גרושקין אויסגערופן מיט פּאַטאָס — אָבער דער פּאַטאָס איז ביי אים פאַרגאַנגען אין אַ פאַרשטיקטן הוסט.

שולמית האָט נישט פאַרטראָגן גרושקינס באַקאַנטע איראָניע,

און גלייכצייטיק האָט איר ווי ווײַ געטאָן זײַן מאַטערנדיקער הוסט — האָט זי געבלאָזן פון זיך מיט די פוקעס העוטלעך, ווי ווועלנדיק דאָס אַלץ פון זיך פאַרטרייבן.

— דער משורר איז איינזאַם און עלנד... — איז גרושקין פאַרגאַנגען אין אַן ערנסטן טאָן — אָנשטאָט אָבער אויסצודריקן דעם משוררס גרויסקייט, האָט ער גאָר פאַר דער גרופּע חברים אַנטפּלעקט זײַן אייגענעם באַשרענקטן „איך", וואָס אַנטגייט אין אַ טיפן אומעט. דער הוסט האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט, דאָס האָט אַלץ מער געווילדעוועט און פאַרקראַמפּט זײַן פּנים און נאָז אין פינצטערע גרימאַסן, די אויגן האָבן פאַר אַנגסט זיך געריסן פון די לעכער. — ער האָט יאושדיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. —

די שיף האָט זיך מיטאַמאָל צערעוועט מיט דאַמף, ווי אַ ריזיקע חיה וואָלט זיך צעשריגן מיט אַנגסטן איבער ימישער ווײַטקייט — אָפּגעריסענע ווידער־קולות זענען אַנגעלאָפן פון קאַפּויער, ווידער־קולות, קורצע, מיט פאַריסענער חוצפּה.

די שיף „טשיטשערין" האָט אַנגעצויגן אין דער לופטן די גריכישע פאָן.

חברה האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון די ערטער, געלאָפן צו די באַריערן — די געלבלעכע ברעגעס פון די גריכישע אינדזלען האָבן בײַ זיי דערוועקט מונטערע האָפענונגען — די שיף וועט זיי דערפירן צו אַ ציל. פּירעאוס.

פון דער נאָענט גרינט און זוניקט מיט געביידעס און ביימער, איבער גאַסן יאָגן אויטאָבוסן, און ים יאָגט צו דער יבשה האַסטיקע כוואַליעס.

* * *

איבער נאַכט איז די שיף פאַראַנקערט. פּאַסאַזשירן, איינגעשטיגענע פון אַ טערקישן פּאָרט, האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט צום ברעג. אין שיף זענען איינגעשטיגן צוויי גריכישע מאָנאַכן, פאַרשלייערטע אין לאַנגע סוטאַנעס, אויפן קאָפּ הויכע שקאַרמיצן, ווו עס האָבן פון הינטן אַראָפּגעשווערט גרעקן.

פון די קוימענס האָבן זיך געוויקלט שוואַרצע קלעמבעס רויך, אין די טיפע אינגעווײדן פון שיף קלימפערן די מאַטאָרן מיט ריט־מישן פיבער. — עס דערווייטערט זיך ביסלעכווייז די יבשה פון די אויגן — עס ווערט קלענער און קלענער — און אָט שניידט זיך שוין די שיף איבער ברייטע אומענדלעכע שווערע וואַסערן.

גרושקין האָט אַריינגעשריבן אין טאָגבוך:

„ערב אונדזער אָנקומען אין לאַנד פון די העברעער. די שיף „טשיטשעריןֿ" פירט אונדז אונטער דער פאָן פון סאָוויעטן־לאַנד. פאַר „מתן־תורה" האָט די שיף זיך געפוצט מיטן צוויי־קעפיקן, שוואַרץ־צאַרישן אָדלער. תקופות ברעכן זיך — זינקען צום תהום. די שיף פלעגט אַמאָל פירן איבער די בלאָע וואַסערן פרומע מאַנאַכן צום הייליקן לאַנד, זיי פלעגן ברענגען הייליק ירדן־וואַסער, קדושה פון יעזוסן. — היינט פירט די שיף שפּליטערס פון דעם צעבראָכענעם פאָלק ישראל — זיי פאָרן בויען און ליידן — אָ, העלף מיר גאָט, זיי זאָלן ביישטיין דעם נסיון!"

ביי די לעצטע ווערטער האָט גרושקין זיך געגעבן צוויי היל־כיקע בוכטשעס מיט דער פויסט אין ברוסט.

די כאַליאַסטרע אויפן דעק האָט נישט דערהערט גרושקינס פייערלעכן האַרץ־זשעסט. — דאָס ברומען פון ימישע כוואַליעס האָבן פאַרשריגן אַלעמענס געזאַנגען. איינער אין אַ פלאַך־באַראַשקענעם היטע־לע אויפן קאָפּ, מיט שוואַרצע סאַזשע־וואָנצעלעך אונטער די נאָזלעכער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ „קאָזאַטשאָק", די ברוינע שטיוול האָבן געפלאָכטן איבערן הילצערנעם דעק אַ ווילדס, ווי אַ קלאַפּן פון קאָפּיטעס איבער אַ סטעפּ, ער האָט זיך אַלעמאָל ראַפּטום אַרונטערגעזעצט מיטן געזעס צו דער פאָדלאָגע — אַ ווילדער קוויטש האָט אויפגעשאַלט איבער קעפּ:

הו—האַ!

הו—האַ — האָבן אויפגעכאַפּט צעהיצטע חברה, עס האָבן זיך געפלאָכטן הענט אויף אַקסלען, אַריינגענומען די טענצער אין מיטן, עס האָט זיך געפלאָכטן אַ חלוצישער „האָראַ" מיט פאַרוואָרפענע צעפּאַטלטע קעפּ —

מי יבנה
הו—האָ,
הגליל —
הו—האָ!

פון צעהיצטן קרענצל האָט זיך אינעווייניק אַריינגעריסן רינאַ — זי האָט מיטגעטאַנצט דעם „קאָזאַטשאָק״. אַלץ ראַשיקער און הייסער האָבן געטופעט די שטיוועלעך, ווי זי וואָלט געוויזן ווער איז מער בריה — איך צי דו? ווי ספּרענזשינעס האָבןביידע זיך געבויגן צו דער פּאָדלאָגע, און אויגן שיסן פון אַרום מיט פייער:

הו—האָ,
הגליל!
מי יבנה
הגליל?

דאַניע האָט אַ צעהיצטער זיך אַרויסגעגליטשט פון קרענצל, מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ האָט ער זיך צוגעזעצט צו גרושקינען, וועלכער האָט תמיד געהאַלטן נעבן זיך דעם תנ״ך.

— טאַנץ, טאַנץ, ברודערקע — האָט גרושקין נישט אויפגעהויבן די אויגן פון די שורות — וועסט זיך אַמאָל דערטאַנצן צו אַ ברעג!

דאַניען איז באַנג אויפן האַרצן וועגן רינען, איר ראַשיקע טאַנצן אין מיטן רעדל האָט ביי אים אַרויסגערופן פיינלעכע אַקאָרדן. וועגן „ברעג״, וואָס גרושקין דערמאָנט אים — און בכלל, וואָס גרושקין זאָל אים נישט זאָגן — פאַרבינדט זיך דאָס ביי אים אין די געדאַנקען אַרום רינען. דאַניע פילט בחוש, אַז דער „ברעג״ שווימט פון אים אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער — —

אַז דאָס קרענצל האָט זיך איינגאַנצן צעשאָטן פון דעם האָראָ־טאַנץ, האָט רינאַ זיך ליבערשט אַוועקגעזעצט צו שולמיתן מיט יאשאַן אויף דער אויסגעשפּרייטער דעקע. ביידע זענען דערשוויצט פון טאַנצן און זאָט מיט טריישאַפּט איינער פאַרן אַנדערן — רינאַ ווידער מוז בלית־ברירה אויפכאַפּן שולמיתס אָן אַ שיעור געשמאַקע זיפצעלעך.

רינאַ איז צעלייגט אויף דער דעקע מיטן פּנים צום הימל — ס'איז איר שוין באַלד דערווידער דער שפּיל אויפן שיף — זאָגט זי צו זיך — לאָמיר שוין אָנקוקן דאָס לאַנד, אַזוי פיל בענקשאַפט האָב; מיר פאַר דעם אוועקגעגעבן!

יאשא נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון שולמיתס געקעכלטן פּנימל, אים ווילט זיך אַזוי כסדר שיפן איבערן ים און האָבן אַ הנאה פון לעבן.

— צעקראַכענע לעמעשקעס — גיט רינאַ אַ זעץ מיטן קנאַפּל פון שטיוועלע אויפן דעק — טרומיסט, יאשא, ווי אַ נאַרישער חתן־בחור...

מיט אַ זייטיקן בליק כאַפּט זי אויף ווי דאַניע בלעטערט מיט גרושקינען אין די ספרים — עס האָט איר אָנגעכאַפּט אַ פאַרדרוס אויף דאַניען און אויף זיך אַליין, אירע נאַזלעכער האָבן זיך צעפּליגלט און ברייט געאָטעמט, אָט פאַדרייט זיך איר דער קאָפּ פון דער שפּע בלאָ וואָס שווינדלט אין אירע אויגן פון הימל־הויכקייט — עס דוכט זיך איר, אַז אָט־אָט פליט זי אין ים אַריין.

— גרושקין! — גיט זי ווידער אַ קער דעם קאָפּ אין זיין זייט — ביסט עפּעס ווייט פון דער מדרגה „מענטש”, גראָבסט זיך תמיד ווי אַ וואָרעם אין די ביכער.

גרושקין האָט פאַוואָליִנקע אַרויסגעשטעקט דעם פאַרוואַקסענעם קאָפּ האָר פון די אַקסלען, ווי אַ חיה וואָס צילט נאָך רויב. איבער זיין פּנים האָט אַ שוועב געטאָן אַ ממזר־שמייכעלע, געבליבן שטעקן אין פאַרזשמורעטן אויג — עס האָט ווי געטענה'ט: עך, פויגעלע, די מיינסט דאָך נישט מיך — נאָר דאַניען...

— אין וועמען דען זאָל איך זיך גראָבן, אין דיר? — האָט ער איר אויפן קול אויסגעצאָלט אַ גאָב.

— לאָז אָפּ! — האָט אים דאַניע געצויגן פאַרן אַרבל.

גרושקין האָט געהאָט אַ האַרץ אויף רינען פאַר אירע משונה־דיקע גענג. תמיד האָט זי אים באַזיגט מיט איר געזונטער שיינקייט און גראָדן שכל. ער פלעגט איר מוחל זיין פאַר די שאַרפע שפּילקעס, וואָס זי פלעגט וואַרפן אין זיין פילבאַרן געמיט. ס'איז אים מער

גיחאַ געווען איידער די באַרמהאַרציקייט פון אַ שולמית, וואָס פלעגט זיך באַנעמען צו אים מיט מאַמעשער ווייכקייט, כדי נישט ווייַ צו טאָן דעם „קראַנקן" — און דווקא דאָס האָט אים געקרענקט און ווייַ געטאָן.
— אין רינעס באַציאונג צו אים האָט ער נישט געשפּירט דעם דאָזיקן ווייַ. רינאַ האָט אים געהאַלטן אין דער זעלבער דיסטאַנץ, גלייַך מיט אַלעמען. — אים האָט ביז גאָר געאַרט וואָס רינאַ חברט זיך מיט שולמיתן — אַ געוואַלדיקער קאָנטראַסט צווישן זייביידן.

דאָס לעבן איז אַ שפּיל פון קאָנטראַסטן — איז גרושקין געקומען צו דער איבערצייַגונג. — ער, דער געוואַלדיקער באַגריסער פון „אָקטאָ־בער", מוז זיך שיידן פון יענעם לאַנד, ווייל ער קען זיך נישט אָפּזאָגן פון דער נביאים־שפּראַך, ווו ער האָט אויסגעזעצט אין אַ קאָלירטער מאָזאַיק זייַנע טיף־ מענטשלעכע לידער — הימנען פאַרן דער־וואַכטן בונטאַר.

די שיף האָט געשניטן אַלץ נאָענטער צו די ברעגעס פון אויס־געבענקטן לאַנד. אין די שפּעטע שעהען פון דער נאַכט זענען חברה געשטאַנען אויפן דעק, מ'האָט פון דערווייטן געזען מיניִענדיקע פייער־לעך — אַ סימן אַז יבשה איז שוין נאָענט. צו מאָרגנס באַגינען האָבן פאַרשלאָפענע חברה זיך ארויסגעשאָטן אויפן נאַסן אָפּגעצוואָגענעם דעק — זיי האָבן פאַר זיך דערזען ווידער אַ וויסטן אומענדלעכן ים, וואָס האָט זיך בייז געכמורעט אין אַש און גראָע פאַרבן. — נישט מען זעט יבשה — הימל און ים איז צונויפגעגאָסן אין איין גראָער פאַרנעפּלטער מאָסע.

מיטאָמאָל האָט אויפגעטויכט אַ רויטער קיילעך אין פאַרנעפּלטער ווייטקייט — עס האָט אָנגעהויבן צינדן, טוישן זיך אין פּורפּור, אין פיאָלעט און בלאָ, ווי צענדליקער רעגנבויגנס וואָלטן געגאַנגען אין אַ פייערדיקן געפעכט אין ימישן נעפּל. די שיף האָט געשניטן די ברוסטיקע וואַסערן. איבערן באַגינענדיק ימישן רחבות האָבן אויפגע־קאָכט זילבער־ווייסע שוימען, ווי אויסטערלישע זילבערנע באַשעפענישן האָבן זיי זיך געריסן און געפּראַלט אין דער הויך — אָנצוקוקן די געבורט פון אַ נייעם טאָג.

א. ריוועס

רינאַ האָט זיך אויך געפּעדערט מיטן מאָרגנשטערן, פּאַרקליבן זיך אין איר באַליבטן ווינקל, אַרויפגעקלעטערט נאָך העכער אויף שמאָלע געדרייטע טרעפּלעך צו די צוגעבונדענע רעטונגס־שיפלעך מיט איבערגעקערטע בייכער. — זי האָט פריי נאָכגעקוקט ווי די שיף שניידט די שווערע וואַסערן, זילבערנער שוים קאָכט מיט געשריי און געברום, פּראַלט און אַנטלויפט הינטערווייילעכץ. רינאַ האָט מיט־געברומט פאַר ווילדן תענוג. ווינטן שטורעמען, פּאַטשן און פליקן מיט חוצפה אירע קליידלעך, פּנים און האָר — דאָס פּנים פלאַמט קופּער־רויט אין געזאַלצענעם באַגינען.

דאַניע האָט נישט אָנגעטראָפן רינען צווישן דער חברה אויפן דעק, ער ווייסט שוין פאָרויס איר באַליבט אָרט. אין האַרצן איז אים אַזוי טונקל פיינלעך, מיט אַ שווער געמיט קוקט ער נאָך, ווי ים שליידערט און וויקלט זיך אין ריזיקע באַלעמס — אין ימישן ווילדן כאַאָס זוכט ער אַ טרייסט פאַר זיין נאָגנדיקן אומעט.

גרושקין האָט אים געטראָפן ביים באַריער, ער האָט אַרויס־געלייענט פון דאַניעס אויגן אַז ער בענקט.

— שלום, דאַניע! — האָט ער אים באַגריסט אויפן ארץ־ישׂראל־דיקן שטייגער — מען טאָר נישט צופיל פילאָזאָפירן — זעסט נישט דעם יום־טוב וואָס האָט זיך איצט צעשפּילט אויפן ים?

גרושקינס צעמאַטערט פּנים מיט דער בלאָ־פאַרשיכורטער נאָז האָט אויסגעדריקט גראָד דעם היפך פון זוניקן יום־טוב אויפן ים. גרושקינס מונטערדיקע רייד האָבן אַרויסגערופן אַ שמייכל איבער דאַניעס פּנים. — די חולאים — טראַכט ער — דערשפּירן שאַרפער דאָס לעבן, ווי געזונטע מענטשן, גיבורים.

— נישט געזאָרגט, ברודער — האָט דאַניע אים אַ קלעפּל געטאָן איבערן אַקסל — דאָרט אין לאַנד וועלן מיר זיך אויסוועפן פון דער ים־קראַנקייט. —

— „אווידים — סקאַזאַל סלעפּוי״ — האָט גרושקין אַ שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז. פאַר דער שיף האָט זיך באַוויזן אַ באַרזשע מיט

אַנגעצויגענע ווייסע זעגלען. די באַרזשע האָט זיך געוויגט איבער די בלאָע וואַסער־בערג.

— האַ־האַ! — האָבן הענט געטייטלט.

— זעסט אין דער ווייט נאָך שיפן!

אויגן האָבן געשלונגען מרחקים, חברה צוגעפּרעסטע צום באַריער האָבן שוין געוואָלט דערגרייכן יבשה.

— אויף אַזאַ זעגל־שיף — האָט יאשא זיך באַגייסטערט פאַר שולמיתן — האָט די מלכה שבא געפירט גאָלד פון לאַנד אופיר פאַר שלמה המלך.

— אידיאָט! — האָט גרושקין אראָפּגעשיקט אַ שפּיי אין ים אַריין.

דער רעש פון ימישע כוואַליעס האָט פאַרטרונקען די פרייד־געשרייען פון דער חברה. די באַרזשע מיט די אַראַבישע פישער האָט זיך געהוידעט איבער די וואַסער־בערג. ברוין־הויטיקע אַראַבער אין אָנגעבלאָזענע ברייטע הויזאַליעס האָבן ריטמיש געוויגט די לאַנגע ווערסלעס.

— העי, טשובעריקי־טשופּטשיקי... — האָבן חברה אַראָפּגעשריגן פון שיף אַרונטער. די אַראַבער אין דער באַרזשע מיט בליציקע ווייסע ציינער און די בראַנדזענע, טונקעלע פּנימער, האָבן זיך געגריסט אַרויף צו דער שיף און געהויבן די הענט אין דער לופטן.

די שמחה איז געוואַקסן, חברה האָבן דערזען יבשה. — יאַשאַ איז אַרויס פון די כלים — געשריגן הידד! — ער איז צוגעפאַלן צו שולמיתן און זיך צעקושט מיט אַ קלינג.

חיפה.

די שטאָט איז אַנטקעגן געקומען צעשטורעמט מיט ליכטיקע הייזער און קופּאָלן. ביים ברעג האָבן פאַראַנקערטע שיפן געוויקלט פון די קוימענס קלעמבעס רויך.

„טשיטשערין" האָט פון זיך צעוויסן געגעבן מיט אַ לאַנג־צע־צויגענעם יאָמער־געשריי.

רינאַ האָט דער שיף־אַליאַרם אויפגעוועקט אין איר אָפּגעזונדערטן ווינקל ביי די רעטונגס־שיפלעך. — זי האָט געוואָלט דער חלום זאָל זיך ציען און ציען — די שיף זאָל ווייטער שניידן איבער

אומענדלעכע וואַסערן, צו אומבאַשטימטע ווייטע ברעגעס. דאָס בויערן פון אַנקער אין ים־טיפעניש האָט אויפגעטרייסלט איר וויזיע.

אַז רינאַ איז אַרונטערגעקומען אויפן דעק האָט זי צווישן עולם געטראָפן אַ גאַנצע איבערקערעניש. — מ׳האָט זיך געפּאָרעט ביי די פּעק און וואַליזעס. אין גרויסן טומל האָט מען גאָרנישט באַמערקט, אַז רינאַ האָט געפעלט דעם גאַנצן פרימאָרגן.

רינאַ האָט געטראָפן דאַניען אַרומבינדן די וואַליזעס — אירע פּעקלעך זענען זאָרגעוודיק געווען צוזאַמגעלייגט נעבן זיינע.

2

חיפה. צעזוניקט און צעצונדן האָט די שטאָט געקלעטערט באַרג־אַרויף מיט ליכטיקע געביידעס און בעטאָנענע גאַסן, געטורעמט אַלץ העכער און העכער צום קאָפּ פון כרמל. הימל איז טיף און בלאָ — אַ געוועלבטער הייסער חלל. זוניקע מאַסיווע קוואַדראַטן לאָזן זיך אַרונטער פון באַרג־הויכקייט צו די בלאָע ים־וואַסערן. הימל און ים, ווי זיי וואָלטן זיך גערייצט: ווער איז שענער, ווער איז בלאָער?

איבער די געדרייטע גאַסן און מערק פון חיפה שלעפן זיך אַרום די ניי־געקומענע רוסישע חלוצים. אויגן קענען נישט זאַט ווערן פון די ראַשיקע פּילפאַרביקע בילדער. — אויף דער שיף איז רינאַ געווען פאַרשלאָסן אין זיך — אין איר אייגענער תפיסה — און דאָ מיטאַמאָל האָט זי אויפגעלעבט פון דאָסניי. זי רעגט אָן די חברים צו שפּאַציר־גענג, זי האָט דאָ געפונען אַ נייע וועלט, אַנדערש זעט אויס איצט אין אירע אויגן דאַניע — אויף דער שיף איז זי אים ממש געווען אַ שונא, ווי זי וואָלט פּראָטעסטירט קעגן זיך אַליין — און קעגן אַלעמען — עפּעס זעט איר דאָ אויס אין די אויגן אַלץ שענער, אויך דאַניע איז איר געוואָרן נאָענטער.

רינאַ וואַנדערט אַרום מיט חברה אין די געדיכטע אַראַבישע מערק, ווו עס ראַיען זיך מחנות טונקל־ברוינע אַראַבער, איינגע־

שלייערטע אין פאַרביקע אַבאַיעס, די קעפּ פאַרבונדן אין טשאַלמעס. קעפּיעס — עס מיניען רויטע קוגל־פּעסקעס מיט שוואַרצע פּלאַטערנ־דיקע טראַלדן. געדיכטער המון שטופּט זיך מיט אייפער, אַ צונויפגע־דריקטע מאַסע מיט וויגנדיקע קעפּ. עס באַוועגט זיך אַ פאַרביקע כוואַליע — אַ צעשריגענער ים. מען פילדערט און מען שרייט, און אין טשאַד פון געבראַטנס און שעפּסן־פליייש טראָגן זיך געציקלטע געזאַנגען, קולות פון כאַרכלענדיקע העלדזער, וואָס רופן אויס זייערע סחורות. פונעם טשאַד־געדיכטעניש איבער צעוויגטע פאַרביקע קעפּ, קלימפּערט אַ פּעט־לייביקער אַראַבער אין מעשענע טעצעלעך. אַ לאַגל מיט קאַלטער משקה איז אים אַנגעבונדן צו די לענדן, די בליאַסקענדיקע קרוינען און גלעקלעך אויפן לאַגל לאָזן טרוקענע העלדזער און דורש־טיקע מיילער.

גלין, דיל־דיל — גלין, דיל־דיל!

חברה באַלעקן זיך פון דעם זיס־ביטערן געטראַנק — מיילער שמאַכטן פון שטויב און היץ. עס גיסט זיך פון לאַגל אַ סטענגגע ברוין־קאַלטע פליסיקייט אין מעשענעם בעכער פון אַראַבער, אַ פעטער שוים בלעזלט אַריבער איבערן ראַנד פון בעכער.

גלין, דיל־דיל, גלין, דיל־דיל!

רינען לאַקן די שרייענדיקע מערק, די קעמלען און אייזלען, וואָס פּלאָנטערן זיך צווישן מענטשן און שמאָלע פאַרשאָטנט־געדרייטע געסלעך.

ווי אַזוי קען זי איינזיצן אין די איינגעקוואַרטירטע באַראַקן פון „בית־עולים״?

— עס ציט איר צום טומל, צום רוישיקן המון.

דאַניע איז אַוועק אויסקוקן די קיבוצים פון גליל און אין טאָל פון יזרעאל — ס'איז נישט קיין ענין — זאָגט ער — צו זיצן אויף „ציוניסטישע קעסט״, מען דאַרף קלערן פון אַ תכלית.

חברה האָבן אָפּגעקלאַפּט די טירן פון „בית־עולים״, שפּרייטנ־דיק אַרום זיך אין ביוראָ קיצלדיקע האַרבע ריחות פון לעדער און דזשעגעכץ. — דעם פּקיד אין ביוראָ האָבן די דאָזיקע ריחות דער־

מאַנט אין מחנות פּריש־באַשטיוולטע פּאַניעס. דער פּקיד אַ דאַרער בחור מיט איבערגעשראָקענע אויגן און צעשראָקן־איבערגעקערטע אויערן, ווען ער פלעגט דערזען די באַשטיוולטע חברה, איז אים פּאַר די אויגן באַלד אַפּערגעקומען זיין היים־שטעטל אין פּאָלעסיע. — דאָס בילד פון דער אַנומלטיקער סאָוויעטישער אינוואַזיע אין זיין שטעטל פלעגט אויפלעבן פאַר אים. — זיין טאַטע איז דעמאָלט דער־שאָסן געוואָרן דורך די אַריינמאַרשירנדיקע צעווילדעוועטע פּוילישע לעגיאָנערן.

— געדולד, חברים, געדולד — טרייסט ער די אומגעדולדיקע חברה — מען וועט אייך מסדר זיין היינט־מאָרגן.

דער „היינט־מאָרגן" האָט שוין אַריינגעטריבן אין אַ פּאָר וואָכן.

גרושקין האָט איינמאָל געטראָפן רינען אַ צעיאָכמערטע אין אַ טומלדיקער גאַס, צווישן מאַסיווע, זיך בויענדיקע הייזער. הויפּנס ציגל, זאַמד און רעלסן האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פּיס. גרושקין איז באַרוישט מיט אומרו, מיט „וועלט־שמערץ" — ער גע־פינט זיך נישט קיין אָרט אין די באַראַקן פון „בית־עולים" — אַ נביא, אַ דיכטער, דאַרף תמיד זיין פאַרשיכורט אין עקזאַלטאַציע, איידער ער קריצט אויס אויפן פּאַרמעט זיינע צעשמעטערנדיקע פּערזן. אָבער קיינער פון די חברים האָט צומאָל נישט באַמערקט און נישט תופס געווען, אַז גרושקינס אומרו איז נישט מחמת פּאַעטישע הימל־ענינים — גרושקין איז באַרוישט פון אַ מענטשלעכן ערדישן ענין — ער גייט נאָך ווי אַ שאָטן רינען. ער וויל זיך מיט איר טרעפן פּנים אל פּנים. זיך וואַרעמען אַרום איר ווילדע פייערן.

אין טומל אויף דער גאַס האָט ער איר פאַרהאַלטן מיט געמאַכטן קוראַזש, געוואָלט מיט דעם פאַרדעקן דעם ציטער און אומבאַהאָלפע־נעם כוח קעגן רינאַן.

— יאָ... ווי איך זע... — האָבן זיינע ליפּן אָנגעהויבן פיבערן — האָסט זיך אַקלימאַטיזירט... אַ—יאָ? — און געמיינט האָט ער צו זאָגן — אָט, מען ווינט אונטער איין דאַך — און מען זעט דיך גאָרנישט אָן פאַר די אויגן...

גרושקין ווערט פאַר איר אָפּנהאַרציק דאָ אויף דער גאַס, ער דערציילט איר, אַז ער האָט זיך שוין צעקריגט מיט די פּקידים אין „בית־עולים" — מיר האָבן זיך שוין געשיקט איינע די אַנדערע צום טייוול. — נאָר מילא, ווען זיין לונג וואָלט נישט געפּראַוועט מיט אים קאַטאַוועס — שפּאַנט ער זיך איין צו דער־אַ אַרבעט. — ער האָט אַרויפגעשיקט די גליאיקע אויגן צו דער רויער געביידע. איבער די רושטאָוואַניעס האָבן זיך דאָרט געטראָגן יונגען מיט שטויסן ציגל אויף איינגעבויגענע רוקנס.

— דאַניע וויל נישט בלייבן אין שטאָט — זאָגט אים אָן רינאַ די בשורה — ער רייסט זיך אין דאָרף.

— און וואָס קלערסטו צו טאָן? — גיט גרושקין אַ גלי די אויגן אויף איר פּנים, ער האָט אויפגעכאַפּט דעם צאַפּל פון איר נעזל.

עס האָט איר פאַרדראָסן זיין טראַציק פרעגן — איך... — גיט זי זיך אַ רייס — איך קלער גאָרנישט...

גרושקין האָט אַ צוק געטאָן מיט דער נאָז — פיין, פיין, אַזוי גאָר?... — ער האָט אַ קלער געטאָן — אוודאי זיך אונטערגעגעבן דאָס פויגעלע?...

— און אפשר פאָרסטו אויך מיט אין דאָרף? — טאַפּט זי ביי אים דעם דופק.

— מיט דיר, יאָ — האָט זיך ביי אים אַרויסגעכאַפּט אַ פאַר־באָרגענער ווונטש — און ער האָט דאָס איר גראָד נישט געוואָלט זאָגן.

— וואָס? ביסט פ אַ ר ל י ב ט אין מיר?... — האָט רינאַ אָנגע־שטעלט אויף אים די אויגן.

גרושקין האָט אין דער רגע דערשפּירט, ווי רינעס בלאָע פּייער־לעך פויזען איבער זיין לייב, אַ געשטייגערטע היץ צינדט אים די גלידער און קאָפּ — זיינע ברוינע אויגן ווילן איר עפּעס זאָגן און זענען ווי געשלאָגענע פויגל צוריקגעפאַלן אין די שטייגן.

ווען גרושקין האָט זיך דערוויטערט פון רינען האָט ער דער־שפּירט, ווי עמעצער וואָלט אים אינעווייניק אויסגעליידיקט, אָפּגע־צאַפּט פון וואָג. — אָט פליסן ביי אים ווידער די בלוטן, שלאָגן אָן

די שליפן — די נאַרוואָסיקע הוילקייט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּייַנ־לעכן קנויל, וואָס דריקט און גרייפט אים אין־לשערדיק — זי איז אַ טייוול... — מורמלט ער מיט ווייטיק.

רינעס דראַסטישע פרעגן מכוח זיין „פאַרליבטקייט״ — האָט אים שוין אינספּירירט צו טראַכטן, אַז ער איז ווירקלעך נישט גלייכ־גילטיק צו איר — דער געדאַנק האָט אים געמאַטערט און נישט צורו געלאָזט אַלע טעג, ווי אַן אויסבאַהאַלטענער וואָרעם האָט זיך דאָס געשנירלט אין זיין פילבאַרער ברוסט.

רינאַ ווידער האָט דערשמעקט מיט אירע צעפליגלטע נאָזלעכער, אַז גרושקין גייט אַרום אַנגעצונדן אין בלאָען ספּירט פון ליבע. זי ווייסט, אַז גרושקין קען שיין באַזינגען אין פערזן דעם אַרבעטס־מענטש ביי שטיינער און בעטאָן — דאָס באַזינגט ער דאָך איר, רינען. — רינאַ האָט לעצטנס שוין געפרוווט אַליין זיך איינשפּאַנען אין יאָך פון שטאָטישן האָרעפּאַשניק. אַרומשפּאַצירנדיק צווישן די געביידעס ביי ציגל און ברעטער, האָט זי נישט געוואָלט ווערן אַ פּאַסיווע צו־קוקערין און האָבן אַ הנאה פון יענעמס פּראַצע. רינאַ האָט נושא־חן געווען ביי די בוי־אַרבעטער, זי האָט געזען ווי מיידלעך, אין איר גלייכן, פאָרען זיך, קניענדיק אויפן באָדן און לייגן אויס אין אַ מאָזאַיק בעטאָנענע פּאָדלאָגעס. — די אַרבעט האָט איר פאַראינטע־רעסירט; זי איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער קבוצה מיידלעך. נאָך עטלעכע מאָל ווייזן — האָט זי געכאַפּט דעם שניט פון דער אַרבעט. שטייענדיק אויף די קני, אונטערגעבעט אויף זעק, האָט זי געפּלאָסטערט די קאָלירטע באַלאַטעס, אונטערלייגנדיק מיט צעמענט — זי האָט צוגעקלאַפּט די באַלאַטעס מיט דער אַרבעטס־כלי בעת זי האָט געמאָסטן די גלייכקייט מיט אַ וואַסער־וואָג.

גייענדיק פון דער אַרבעט איז רינאַ געווען אויסגעריסט אין קאַלך און צעמענט, אירע קניען האָבן געפייערט פון לאַנגע שעהען אַרבעטן. — אָבער די עצם־באַשעפטיקונג האָט איר דערמוטיקט און געפריים — זי טוט עפּעס אויף! פאַרבייגייענדיקע אַראַבישע פרויען, איינגעשלייערטע פון קאָפּ ביז די פיס אין שוואַרץ, האָבן פאַר־

שאַרצט די קאַפּ־שלייערן — און פון די קאַווע־ברוינע פּנימער האָבן צו רינען אַרויסגעבליצט פעך־שוואַרצע אויגן, אָנגעצונדענע מיט אָריענטאַלישן ווונדער — שעלאַבי — האָבן זייערע ציינער געשמייכלט.

אָט אַזוי אויסגעשמירט אין קאַלך פאָרט זי בארג אַראָפּ מיט גאַסן, אין בענזין־אָנגעדושעטע אויטאָבוסן. הייזער, מענטשן, קעמלען, פאַרלויפן און שפּרינגען אויף צוריק, אַהינטער. שוין עטלעכע טעג ווי זי טרעפט אין אויטאָבוס אַ גראָב־בייכיקן מיט אַ טעמפּן אָקסן־פּנים. יענעמס שמאַלציקע אויגן קענען זיך נישט אָנזעטיקן מיט דער אויסגעשמירטער חלוצקע. — רינאַ דערשפּירט, ווי אַ הייסער חלב גליטשט זיך איבער איר פּנים און לייב. זי בויגט טיפער אַרויס דעם קאָפּ אין לופטיקן דרויסן — ווינט שניידט ווי מיט מעסערס איר פּנים און בינטן האָר — פאַר הנאה שליסט זי אַזש די אויגן. דער אויטאָבוס יאָגט אַלץ ווייטער, נידעריקער, צו די בלאָע וואַסערן פון כוואַליענדיקן ים.

אָט איז זי שוין אין רחבותדיקן שטח פון „בית־עולים״. — פאַר אירע אויגן וואַקסן אויס יאשא און שולמית. אַז זיי דערזעען רינעס אויסגעשמירטן הילוך דערפילן זיי גראָד אַ געפאַלנקייט אַנטקעגן רינען. דווקא מיט זייער זויבערער הלבשה — יאשא אין די פעט־אויסגעפּוצטע שטיוול און אויסגעהאַפטענער רובאַכע, צעשפּיליעט ביים האַלדז — און שולמית אַזאַ זויבערע און ווייך־פאַרונדיקטע.

זיי זענען ביי דער מיינונג, אַז רינאַ פאַרמאָגט אַ לייכטן געמיט — זי פאַרגינט זיך איינצושפאַנען אין אַן אַרבעט, ווען אַלץ ביי זיי הענגט נאָך אין דער לופטן — וואָסזשע האָט זי נישט קיין געדולד ביז דאַניע וועט צוריק קומען פון גליל? וואָספאַראַ שטיק פראַוועט זי דאָ אַן אים?

רינעס אויסגעשמירטער פּרצוף און הענט האָבן עדות געזאָגט, אַז זי וואַרט נישט ביז דאַניע וועט איר אַנטקעגן טראָגן פון קיבוץ אַ טעלערל מיט פאַרטיקן תכלית — זי דערלויבט זיך נישט אויף דעם לוקסוס פון אַ יאשא און שולמית, אַרומצוגיין ווי חתן־כלה אַרום דעם „בית־עולים״, איבערגעלאָדן מיט קריוודעס און קליינלעכע דאגות —

א. ריווּעס

הלמאי די ענגהאַרציקע פּקידים טוען פאַר זיי גאָרנישט.

רינאַ איז אַריינגעלאָפן אין די באַראַקן אַראָפּצוואַשן פון זיך דעם קאַלך און צעמענט און נישט געוואָלט אויסהערן זייערע טענות און געשמאַקע זיפצעלעך פון שולמיתן.

יאשא און שולמית האָבן זיך געשלייכט איבער די זון־באַגאָסענע שטחים — צוויי שאָטנס, אַ לאַנגער און אַ קורצער, האָבן זיך נאָכגע־שלעפּט אין אלכסון אויף דער ערד.

* * *

דאַניע איז צוריקגעקומען פון שפּאַציר, פאַרשטויבט און אָפּגע־ברענט ווי אַ נאַטירלעכער פויער. דאָס פּנים ביי אים איז אַנטשלאָסן געווען — ער פאָרט אין קיבוץ! זיין באַשלוס האָט אַרויסגערופן אַ צע־רודערונג ביי די חברה, יעדער איינער האָט זיך אַרומגעזען, אַז פאַר־בלייבן אין שטאָט האָט נישט קיין זין — דאָס אמתע ארץ־ישראל הייבט זיך איצט אָן אין דעם קיבוץ ביי די ברעגעס פון כנרת, ווי דאַניע האָט שוין פּרובירט אפילו אַרבעטן.

רינען האָט אויך געלאָקט דער קיבוץ, דאָס לעבן דאָרט איז אויף בשותפותדיקע יסודות — דער יחיד דאַגהעט נישט פאַר זיך אַליין, דער כלל דאַגהעט פאַרן יחיד. נישט ווייט פון יענעם דאָרף — זאָגט דאַניע — געפינט זיך נאָך אַ קיבוץ מיט געקומענע חלוצים פון סאָוויעטן־לאַנד. צווישן דער טשיטשערין־חברותא אין „בית־עולים" האָט זיך געשאַפן אין דער מחשבה אַ נאָענטער קאָנטאַקט מיט יענעם קיבוץ וואָס דאַניע האָט זיי אָפּגעמשלט.

דעם גרעסטן ישוב הדעת האָבן שולמית מיט יאשאָן. שולמיתן דאַכט זיך, ווען זי פאָרט נישט איצט מיט די חברים — בלייבט זי מיט יאַשאָן אַליין ווי אויף אַן אינדזל אינמיטן ים. דאָס טרעפן זיך ווידער מיט חברים, אַריבערגעקומענע פון סאָוויעטן־לאַנד, אין אַ שכנותדיקן קיבוץ, האָט ביי איר, טייל מאָל, אין דער מחשבה אויפ־געלעבט דעם איזאָלירונגס־לאַגער אין די קירגיזישע סטעפּעס — און אַזוי פיל באַטעמטע זיפצעלעך האָבן זיך ארויסגעריסן פון איר פולער ברוסט.

דאָס אויסשרייבן זיך פון „בית־עולים" איז געווען פאַרבונדן

מיט אַמטלעכע תקנות און לויפּענישן אין ביוראָ. דאַניע האָט גענומען אויף זיך די לאַסט פון דורכפירן די אַלע ענינים, און ער האָט לכתחילה גאָרנישט באַמערקט, אַז רינאַ איז גאָר אַוועק אַרבעטן אויף אַ גאַנצן טאָג אין דרויסן. פאַרנאַכט איז רינאַ געקומען פון דער אַרבעט מיד און באַלאָדן מיט אומגעדולד מערער ווי אַלעמאָל. אַז דאַניע האָט איר מיטאַמאָל דערזען אַזאַ אויסגעשמירטע אין קאַלך און צעמענט — האָט זיך פון זיינע פאַרחידושטע ליפּן אַרויסגעכאַפּט אַ יאָלדישער פייף — אַ פייף, וואָס האָט אין זיך פאַרמאָגט ביטול און גלייכצייטיק באַגייסטערונג.

— וואָס, איך געפעל דיר נישט? — האָבן פון איר אויסגעשמירטן פנים אַרויסגעלויכטן צוויי פלאַמיקע אויגן.

— דו געפעלסט מיר דווקא יאָ!

— דו ליגנערסט — האָבן אַ פליגל געטאָן אירע נאָזלעכער. זי האָט דערשנאַפּט וואָס דאַניע טראַכט וועגן איר — עס שטייט אים נישט אָן איר געוואָגטקייט צו ווערן אויף דער הייסער מינוט אַ שטאָטישע פּראָלעטאַריערין.

דאַניען האָבן ווי געטאָן אירע ענטפערס און משונהדיקע קאַפּריזן.

— נו־יאָ — האָט ער זיך געמאַכט אַ האַרץ — מיר פּ אָ ר ן.

— אָן דעם „מיר", פּאָזשאַלוסטאַ!

דאַניע האָט אויף איר אָנגעשטעלט אַ פּאָר שווייגנדיקע אויגן, ער איז עפּעס ווי קלענער געוואָרן.

— יאָ, איך פּאָר, ווייל מיר ווילט זיך אַזוי, פאַרשטייסט? — האָט זי אין דער רגע עפּעס ווי רחמנות געקריגן אויף אים — איך פּ אָ ר אָן קיינעמס דירעקטיוון, ווי בכלל דו קענסט מיך.

אויף צומאָרגנס איז זי ווידער געגאַנגען צו דער אַרבעט, ווי וועלנדיק דעמאָנסטרירן איר זעלבשטענדיקייט.

רינאַ האָט געפּלאָסטערט פּאָדלאָגעס, קניענדיק אויף אונטער־געלייגטע זעק. מיט אַ געבויגענעם רוקן האָט זי פונאַנדערגעלייגט די וואָגיקע באַלאַטעס, צונויפגעחשבונט קוואַדראַטן, געשלאָסן מאַלעריין און אַראַבעסקן אין גאַנצע סכומען. זי האָט דאַסמאָל געטראַכט פון דאַניען

מערער ווי אַלעמאָל — דער כּוח זיך צו באַפרייען פון דאַניעס שליטה איז שוואַכער געוואָרן. הינטער איר רוקן האָט זי דערשפּירט זיין וואַכע האַנט — עס האָט איר געמאַטערט און געפּייניקט דער געדאַנק, אַז זי וועט וואַרפן די אַרבעט. אַרום זיך איז איר אַלץ געוואָרן איבעריק און באַלאַסטיקט. דאָס זינגען פון די חברטעס האָט איר ממש געגרילצט אין די אויערן, טויב און טוכלע האָט דער עכאָ אָפּגעשלאָגן אין ליידיקן חלל פון די פריש־געטינקטע ווענט.

גייענדיק פון דער אַרבעט איז איר געווען ניחא דורכצושפּאַנען דעם אַראַבישן קוואַרטאַל, אויסמישן זיך אין טומלדיקן אָרקעסטער פון פּאַרביקן מזרח. זי האָט עפּעס געהאַט אַ פאָרגעפיל אַז זי דאַרף דאָ עמעצן טרעפן — פאַר אירע אויגן האָט געשוועבט דאַניעס געשטאַלט — מיטאַמאָל האָט זי דערזען שטיין פאַר די שטיינערנע ווענט פון מעטשעט גרושקינען. ער איז פאַרטייעט, צעחושט פון דער פוילער, אָנגעכמורעטער קדושה וואָס האָט אַראָפּגעווייעט פון יאַרמולקע־דאַך און מעטשעט־געבוי.

אַז גרושקין האָט דערזען רינאַן איז ער געוואָרן מבולבל, ער האָט נישט געוואָלט איבעררייסן דעם פּערז וואָס האָט זיך געצונדן אין פאַרשיכורטן מוח. — ווי אַ פרומער דאַוונער וואָס וויל נישט אויסרעדן אין מיטן זיין תּפילה, אַזוי האָט ער שטומערהייט עפּעס אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געדרייט מיט די אויגן־אַפּלען, זיינע ליפּן האָבן פאַרטייעט געמורמלט צו די האַלב־נאַקעטע בעטלער, וואָס האָבן מיט זייערע פאַרבעלמעט־אויסגעלאָשענע אויגן געוועקט מיטלייד און צדק פאַרן נביא מוכאַמעד.

רינאַ האָט בדעה געהאַט אויסצומיידן דעם צעחושטן גרושקין — אָבער ער האָט צו איר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געהייסן איר זיך אָפּשטעלן — עס האָט אים ממש אויסגעפּעלט לשון.

— וואָס איז, גרושקין? — האָט זי אים אָנגעקוקט דערשטוינט.

הייסע פאַרכלינעטע ווערטער רייסן זיך פון גרושקינס האַלדז — בלינדע אויגן זוכן ליכט — טריט פון גלייכגילטיקע יצורים שפּרייזן איבער זיי — טריט פון רשעים.

— אַזוי גאָר? — האָט רינאַ גערואָלט צונישט מאַכן זיינע רייד — (זי האָט אים פּלוצים אָנגעהויבן אירצן) — די בעטלער זעען גאָר אַנדערש, ווי עס דאַכט זיך אייך.

גרושקינען האָט אַ קאָך געגעבן אין ברוסט: — איר זענט אויך אַ רשע — פאַרשטייט איר?!

— פון ווען אָן? — האָבן אירע אויגן אַ שטראַל געטאָן מיט קינדישער שטוינונג.

גרושקין האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן, פאַר חרטה האָט זיך דאָס פּנים געקרימט מיט ביטערע שמייכלען, מיט הכנעה האָט ער שטי־לערהייט געמורמלט — יאָ, יאָ — איר זענט אויך פון די בלינדע מענטשן.

רינאַ האָט זיך הילכיק צעלאַכט, איר געלעכטער האָט געקליי־גען ווי שטיפערישע גלעקלעך — איר געלעכטער האָט גרושקינען געשמאַרצט ביזן ביין.

פון די מעטשעט־טויערן האָט אַרויסגעפּאַטשט אַ באָרוועס־אויס־געריסטער אַראַבער מיט פאַרשאַרצטע נאַקעטע פיס, אויפן רוקן טראָגט ער אַ פולן לאָגל מיט וואַסער, דער לאָגל הענגט אויף אים, ווי אַן איבערגעקערטער חזיר.

— ווי זעען אייערע אויגן דעם וואַסער־טרעגער? — האָט רינאַ ווי מיט חוזק אים אַ פרעג געטאָן.

גרושקין האָט נאָך מער אַרונטערגעלאָזט די אויגן — איך האָב געמיינט אַז איר זענט שוין אין דאָרף — האָט ער איר אָפּגעצאָלט מיט אַ פראַגע.

— אָן א י י ך פאַר איך נישט! — האָט רינאַ זיך אַ רייץ געטאָן.

— מעגט איר טאַקע אַליין פאָרן, — האָט גרושקין נישט אויפ־געהויבן די אויגן פון דער ערד.

— שלום, גרושקין! — האָט רינאַ אַ הויב געטאָן ווייַלעריש די האַנט, זי האָט זיך זשוואַווע אַ קער געטאָן פון אים און מיט איילנדיקע טריט זיך געלאָזט צו אַן אַנטקעגנקומענדיקן אויטאָבוס.

דער אָנגעפּראָפּטער אויטאָבוס האָט זיך געלאָזט מיט רינען איבער

גאַסן. הייזער. מענטשן, בוימער, זענען געפלויגן פאַר אירע אויגן אין ווינטיקן גאַלאָפּ, עס האָט אין איר געשטורעמט אַ פאַרדראָס אויף גרושקינען — בכדי צו זיין אַ דיכטער, טראַכט זי, איז נאָך ווייניק צו באַזינגען די פראַצע פון האָרעפאַשניק, מען דאַרף זיך אויך איינשפאַנען אין יאָך פון דער פראַצע.

אַז רינאַ איז אָנגעקומען אין „בית־עולים", האָט זי געהייסן דאַניען פּאַקן די זאַכן. זי האָט שוין געוואָלט וויסן ווען מען רירט זיך אין וועג.

דאַניע האָט באַמערקט איר צערודערונג נאָך דעם, ווי זי האָט שוין געהאַט אָפּגעוואָשן פון זיך דעם צעמענט און מידן אַרבעטס־טאָג. רינאַ האָט נישט אויפגעהערט צו פיבערן אין איר ווייס־ציכ־טיקער בלוזע און געפאַלדעוועט גראַנאַט קליידל, די אויגן האָבן פאַר־טייעט געלויכטן אין איר צעפלאַמטן פנים מיט אומרויקער דער־וואַרטונג.

רינעס גרייטקייט צו פאָרן האָט גראָד דערפירט ביי דאַניען צו ספקות און טראַכטעניש, בעת ער האָט זיך צעריקגעקוקט פון דאַרף האָט זי אים פיינלעך אַ וואָרף געטאָן אין פנים: „איך פאָר נישט!" — אירע משונהדיקע קאַפּריזן האָבן אים פאַרבלענד און צעשטרייט — איצט גלויבט ער ווירקלעך אַז זי פאָרט — יאָ, זי פאָרט!

ביי רינען איז צייטיק געוואָרן דער ווילן צו פאַרלאָזן די שטאָט , קומען אין דאָרף, ווו דאַניע האָט באַשלאָסן. זי וועט זיך איינשפאַנען אין אַקער און עפענען פרישע בייטן ערד. זי האָט דער־שמעקט ריחות וואָס אָטעמען מיט געווירצטע פלאַנצונגען און קריי־טעכצער. איר פנים האָט אַלץ מער געפלאַמט מיט שטייגנדיקן כוח, מיט געבערונג. דאָס בלאָע פייער פון אירע אויגן האָט געצויגן און געשלעפּט אַלץ וואָס לעבט אַרום איר. דאָס פייער האָט פאַרוואָרפן נעצן און אַרויסגעפאַנגען פון די טיפעניש, ווי אַ כוואַליע איז דאַניע צוגעצויגן געוואָרן ; מיט אַ פול קוואַלעדיק האַרץ איז ער צוגעפאַלן צו איר. רינאַ איז געווען אַזוי נאָענט צו אים, פון לאַנג אַן אויסגעבענקטע און פיינלעך וואַרעמע. זי האָט פול געמאַכט אַלע זיינע גלידער.

ער איז אין דער רגע אַריבערגעוואַקסן, געוואָלט איר פאַרשלינגען — ווי אַן אָנגעטרונקענער וואָלף, וואָס וויל פאַרשלינגען די הייסע זון.

* * *

מיט איינמאָל האָבן שיפן אַרויסגעשאָטן פון זיך מחנות יונגען און מיידלעך צעווינטיקטע און פאַרוויטלטע. זענען זיי באַהאַנגען געווען מיט רוקזעק, רימענס און טערמאָז־פלעשער. דער פּלאַץ פאַר די באַראַקן איז פול געוואָרן מיט טשעמאָדאַנעס און פעק. אַט דוכט זיך, אַז פון ערגעץ ווייט דאַרף אָנפליען אַ לאַנגער עקספּרעס־צוג און וועט פאַרנעמען דעם גאַנצן ערב־רב, אָוועקטראָגן זיך אין אַן אומבאַשטימטן וועג, פון וואַנען זיי זענען איצט אָנגעקומען. די יונגען און מיידלעך האָבן זיך צעוואָרפן איבער די באַראַקן מיט פריילעכן געפילדער און פרעמדע לשונות אין די מיילער.

— שלום, חברים, שלום! — האָבן זיי געטיילט אויף רעכטס און לינקס.

דאַניע איז אַ גאַנצן פרימאָרגן אַרומגעלאָפן אין ביוראָ מיט פּאַפּירן אין די הענט, מ׳האָט אים געשיקט פון איין פקיד צום אַנדערן, ער האָט אָפּגענומען פּאַספּאָרטן און דאָקומענטן. חברה האָבן ווידער באַקומען רייזע־פיבער, ווי ערב זייער אָפּפאָר פון אָדעסער פּאָרט. די אָקאָרשט געקומענע חלוצים, ווי זיי וואָלטן געטריבן די „טשיטשערין״־חברה פון די בעטלעך — גיט אונדז איבער אייערע ערטער, מיר דאַרפן אויסרוען אונדזערע מידע גלידער!

ביי חברה שטייגט אַלץ מער דער רייזע־פיבער, זיי שוויצן אין די איינציקע העמדלעך אויף די לייבער. די זון גיסט מיט חמימה און בלאָער ים הערט נישט אויף צו יאָגן ראַשיקע, שוימיקע כוואַליעס.

דער דאַרער פקיד באַווייזט זיך מיט אַ פּאַפּיר אין האַנט, לייענט אַרויס די נעמען פון די אָפּפאָרנדיקע חברה. — מיטאַמאָל דערשפּירן זיי ווי אַ היימישער בונד באַהעפט זיי ווידער צוזאַמען. דאָס אַרומדרייען זיך איבער דער צעוואָרפענער שטאָט האָט געזייט צווישן זיי אַ פרעמדקייט און דערווייטערונג, איצט זעען זיי זיך ווידער געאייניקט ביים אויסרופן זייערע נעמען.

דער פקיד איז דערגאַנגען צו גרושקינס נאָמען, אָבער קיינער

האָט זיך נישט אָפּגערופן. גראָשקין איז נישט געווען בנמצא צווישן דער חברה.

שולמית ווידער האָט געזען, אַז גראָשקין פּאַרט נישט מיט זיי צוזאַמען, האָט ביי איר שוין אָנגעהויבן עקבערן אַ חרטה. אירע ספקות פון דער גאַנצער צייט האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ קנויל און צעשטרייט אירע מחשבות. — און אפשר וואָלט טאַקע גלייך געווען — טראַכט זי זיך — ווען זי פּאַרט נישט? זי האָט נישט געקענט זיך דערטראַכטן צו אַ טאָלק. יאשא האָט אָנגעהויבן אַרויפוואַרפן דאָס געפּעק אין די אָנקומענדיקע לאַסט־אויטאָס.

דער דאַרער פקיד לויפט אַרום פון איינעם צום אַנדערן מיטן פּאַפּיר אין האַנט — דער בליישטיפט איז אים פאַרשטעקט הינטערן אויסגעבויגענעם אויער, און די אויגן אין אומרויקן פּנים צוקן פאַר פּחד פון די אַמאָליקע גרוילן. אַרומהאָווענדיק צווישן חברה, האָט ער אויסגעזען ווי אַן איבערגעשראָקענער פויגל.

גראָשקין האָט אַ גאַנצן טאָג זיך נישט באַוויזן אין „בית־עולים", ער האָט נישט געוואָלט זיך וואַרפן אין די אויגן בעת דעם אָפּפאָר פון די חברים, נישט געוואָלט זיך טרעפן מיט רינען. איר האַסטיק אָפּקערן זיך פון אים ביים מעטשעט, האָט אים אַן אַ שיעור ווייגעטאָן און באַליידיקט, ער האָט געשפּירט ווי עמעצער וואָלט אים געדריקט אונטערן האַרצן מיט אַ פויסט. ער האָט זיך געדרייט ווי אַ גנב איבערן שאָסיי, געוווסט אַז די לאַסט־אויטאָס דאַרפן דאָ דורכלויפן. מיט אַ פינצטערן פּנים איז ער אויסבאַהאַלטן געווען הינטער אַן איינגעפאַלענער וואַנט פון אַ צעשאָטענער, געלבלעך־קרוכלע אַראַבישער חורבה. זיינע גליאיקע אויגן האָבן געלויערט אויף די לאַסט־מאַשינען וואָס דאַרפן דאָ דורכלויפן.

און אָט האָבן זיך מיט ווינטיקן רעש דורכגעריסן איבערן שאָסיי איין לאַסט־אויטאָ, דער צווייטער — אין דער לעצטער מאַשין האָט גראָשקין דערזען זיצן רינען נעבן שאָפער, צעפלאַמט מיט צעהוליעטע האָר אין ווינטיקן געלויף. אויבן איבע"ן געפּעק איז געזעסן דאַניע. איין אויגנבליק און אַלץ איז פאַרשוווּנדן — —

די פויסט אונטערן האַרצן האָט נישט אויפגעהערט צו דריקן.

ווען גרושקין איז אַפּערגעקומען פון הינטער דער וואַנט, האָט ער דערזען איבערן פרייען פעלד אַ צעגלידערט־פאַרצווייגטן פייגן־בוים. פאַרן שטאַם פון בוים האָט געקניט אַן אַראַבער, געבוקט זיך מיטן שטערן צו דער ערד. דער אַראַבער האָט געדאַוונט צום נביא אין הימל. אַ רויט־אַנגעגליטע זון האָט אַראָפּגענידערט צו די טונקל־גרינע וואַסערן אין ים.

גרושקין האָט זיך פאַרגליכן צום מתפלל־דיקן אַראַבער, נאָר מיט איין קליינעם אונטערשיד: דער אַראַבער האָט דעם נביא אין הימל נישט געזען. — ער, גרושקין, האָט רינאַן יאָ געזען.

3.

דאַניעס גורל זיך צו פאַרבינדן מיטן כנרת איז בערך געווען דערזעלבער ווי ביי די אַמאָליק־איינגעוואַנדערטע יונגע אידעאַליסטן — היינטיקע זון־אָפּגעברענטע דאָרף־מענטשן. זיי האָבן דעמאָלט אָנגעטראָפן פאַרוואַרלאָזטע שטחים, אויסגעשפּיגענע פון די הויכע גלילער בערג. דער באָדן איז פעט געווען מיט אויסגעלאָשענע זשאַרן פון פאַרצייטיקע וואולקאַן־אויסברוכן, די שטחים זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בליענדיקע פעלדער. האַרעפּאַשנע מענטשן האָבן דעמאָלט צושטייער געגעבן זייער שווייס דעם באָדן, וואָס האָט פאַרמאָגט רייכע מינעראַלן, געווירצן פאַר ירקות און פירות אויף די בוימער. אין דער נידער האָט דער כנרת זיך געפּאַליעט און געשפּיגלט מיט דורכזיכטיקן בלאָ. וואַסערן זענען געלאָפן מיטן אייביקן ריטם פון פאַרגאַנגענע צייטן. אַ דאָרף האָט זיך געטוליעט צווישן פרוכטן־סעדער, פאַלמען און טייטל־בוימער. אַ יונגער דור איז אויפגעוואַקסן — און וואַסערן פון כנרת זענען ווידער געלאָפן מיטן ריטם פון פריערדיקע דורות.

ווען דאַניע איז אויף זיין שפּאַציר איבערן גליל אָנגעקומען אין דאָרף, איז שוין דער ווייץ אויפגעגאַנגען איבער די פעלדער, ס'האָט געבליט און געליכטיקט אין די אויגן פון אַלע זייטן. אַ ווינט איז אַנגעלאָפן פון די בערג און געיאָגט די תבואה אין כוואַליעס.

דער פאַרוואַלטער, חבר נאַכומאָוו, אַ זוניק־אָפּגעברענטער דאָרף־מענטש האָט אַנגעשטעלט אויף דאַניען די ציגיינער־אויגן:

— זאָג נאָר, יונגערמאַן, ביסט פון יענע ליידיקגייער, געקומען כאַפּן התפעלות פון אונדזער „בלאָער האַרפע״?

איידער דאַניע האָט נאָך באַוויזן אַ מורמל צו טאָן מיט די ליפּן איז שוין פון נאַכומאָוון געקומען דער פאַרשלאָג: — פּאַרקאַשער, חבר, די אַרבל און שפּאַן זיך איין אין דער אַרבעט — מיר נעמען דיך אַריין אין דער חברותא!

ווען נאַכומאָוו האָט דערהערט אַז דאַניע איז מיט אַ קבוצה חברים — איז דאָך אוודאי גוט, איז ער אויפגעלעבט געוואָרן, מיר נויטיקן זיך אין הענט!

אָט פּירט ער, דאַניע, איצט די „הענט״, וואָס די דאָרף־ווירטשאַפט נויטיקט זיך אין זיי.

די אָנגעלאָדענע מאַשינען מיט דאַניעס חברה יאָגן זיך אַ שטיק נאָך זון־שקיעה איבער די וועגן צום קיבוץ. די שאָפערן זענען אויפגערודערט, ווילן שוין דערגרייכן דאָס אָרט.

חבר נאַכומאָוו איז געווען אומגעדולדיק, ער האָט אָפּגעוואַרט דאַניעס חברה ביים טויער פון דאָרף. די נאַכט האָט ראַפּטום זיך אַרונטערגעלאָזט, אַ נאַכט פון סוף־חודש אייר. דאַניע האָט אים צו־וויסן געגעבן טעלעפאָניש, אַז זיי פאַרלאָזן חיפה נאָך מיטאָג — זאָל עפּעס האָבן געשען אַ „פאַנטשער״?

פעלדער האָבן אין נאַכט־פינצטערניש זיך צעשפּילט מיט גרילן־געצוויטשער. גרילן האָבן געשליפן און געטרילעט אין די רייפע שמעקנדיקע זאַנגען. נאַכומאָוו האָט איינגעאָטעמט אין זיך ריחות פון האָניק און פריש־געבאַקן ברויט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די פאַרשלייערטע נאַכטישע פעלדער.

זיין ווייב, שושנה, ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט אין די שטאַלן איז זי צו אים אַרויסגעקומען ביים טויער. שושנה, אַן אויסגעקנעטענער געמאַך, אין דער טונקלקייט האָט איר פּנים און לייב געבראַנדזט פון איבערגעזעטיקטער זון־עשירות.

— זאָל נישט זיין אומזיסט דיין וואַרטן, דו הערסט? האָט זי געפּרוווט אים עפּעס שווער מאַכן דאָס האַרץ.

— זיי נישט קיין נביאה און רעד נישט קיין נאַרישקייטן!

— שאַ, אָט זעסט... — האָט ער האַסטיק אָנגעשטעלט די אויערן, ביסט טאַקע געקומען אין דער ריכטיקער מינוט...

עס האָט אַ בלענד געטאָן אַ סנאָפּ ליכט אין דער ווייטער פינצטערניש. באַלד האָט זיך עס צעפּעכערט אין ליכט־פּאַסן. — איבער שאָסיי־ווייטקייט האָבן אויפגעטויכט מאַשין־לאָמפּן — באַלד איז דאָס בעלם געוואָרן אין טאָל.

נאָכומאָווס אויגן האָבן זיך הייסער צעצונדן, שושנה האָט אין אים דערקענט דעם באַקאַנטן גלאַנץ אין באַזונדערע דערהויבענע מאָמענטן.

די מאַשינען זענען אָנגעלאָפן באַלאָדענע מיטן צעהוליעטן יונגן עולם, האָבן זיך פאַרהאַלטן ביים טויער. דאַניע איז דער ערשטער אַראָפּגעשפּרונגען פון דער מאַשין מיט אַ ברייטן „שלום״.

דער עס־זאַל איז געווען היפּשלעך באַלויכטן, די טישן זענען געווען סערווירט מיט סענדוויטשן און געטראַנקען, אָפּצופרישן טרוקענע מיילער פונעם גרייעג איבער שאָסייען.

אויסגעזעצט אַרום די טישן האָבן חברה איצט דערזען נאָכומאָווס זילבער־ווייסן געדיכטן קאָפּ האָר, די אויגן ביי אים האָבן געלויכטן מיט ציגיינערישן ברען. אַרומגענומען פאַטערלעך אַלעמענס פּנימער. נאָכומאָוו האָט זיך געקוויקט פאַר בחת־רוח, ווי אויף אַ רוישיקער חתונה.

דעם פאַרוואַלטערס פרוי, שושנה, איז אַרומגעפאַרן, ווי אויף רעדלעך, פון איין צימער אין אַנדערן, ווו עס זענען שוין פון פריער צעשטעלט געווען ווייס־ציכטיקע בעטלעך — אָט שוין זיך אַריינצוואַרפן און אויס־רוען די מידע גלידער.

שושנהס קאַלמיקישע מאַנדל־אויגן האָבן געפיבערט פון איין פּנים אויפן אַנדערן, און אַן אויסבאַהאַלטענער ווייבערישער נייגער האָט גע־טליעט אין אירע אייפערדיקע שוואַרצאַפּלען — אירע הייסע בליקן האָבן נאָכגעפאָרשט די מיידלעך, ווי אַ וואַרזאַגערין פון קאַרטן האָט זי גע־פּרוווט אַרויסלייענען — ווער ווועמענס זיווג איז.

א. ריוועס

רינען איז באַלד נישט געפעלן געוואָרן דעם פּאַרוואַלטערס פרוי מיט איר רירעוודיקער שווערלייביקייט און פלינק־פאַרשנדיקע אויגן, וואָס דרינגען אַזש אַריין יענעם ביזן לעבער. רינאַ האָט אַ כאַפּ געטאָן שולמיתן אונטערן אָרעם און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן ערשטן בעסטן בעטל.

— דאָ וועלן מיר אויסרוען אונדזערע צעבראָכענע ביינער, — האָט רינאַ טעאַטראַליש אויסגערופן, שושנה זאָל דאָס דערהערן.

שולמית איז געווען ביז גאָר דאַנקבאַר רינען, וואָס זיי בלייבןביידע נעכטיקן אויף איין בעטל. אין פינצטער־אויסגעלאָשענעם צימער אויפן געלעגער זעט זי זיך ווי געפאַנגען אין פרעמדע אומהיימלעכע אָרעמס, זי איז נאָך געווען אונטערן קרעמפּירנדיקן רושם, וואָס שושנה האָט זיך צו איר געקלעפּט און געוואָלט דערגיין אויף דער הייסער מינוט, וואָס ביי איר איז אויסבאַהאַלטן אין האַרצן.

שולמית איז מקנא רינען, וואָס יענע כראָפּעט שוין אַזוי געשמאַק און מיט פּאַריסענער העזה האַרט ביי דער וואַנט. רינען אַרט גאָרנישט. וואָס שולמיתן נעמט נאָך נישט דער שלאָף. אין די נאָענטע שטאַלן רעווען די בהמות, עס האָט געמוזט זיין גאָר שפּעט, און זי איז נאָך אַלץ געווען וואַך. אָט הערט זי עמעצן פאַרבייגיין איבערן קאָרידאָר, זאָל עס זיין יאשא? זי האָט זיך פאַרשעמט עפּעס ביי דעם־אַ געדאַנק. דאָס רעווען פון די בהמות אין די שטאַלן האָט געוועקט מיטלייד ביי איר אין האַרצן. די דרויסנדיקע דאָרפישע פינצטערניש האָט איר פאַרשלייערט מיט אומרו און אומקלאָרן באַשייד.

* * *

מיטן שפּראָץ פון באַגינען האָבן חברה שוין אַרומגעשלייעט אין דער ווירטשאַפט פון קיבוץ. דער קילער דרויסן האָט אָפּגעפרישט די פאַרשלאָפענע יונגען. דער באָדן איז נאָך נישט געווען פאַר זיי אייגן אונטער די טריט. לענגאויס די הייזקעס האָבן געוואַכט שלאַנקע

שמעקנדיקע נאָדל־בוימער, זיי האָבן געשפּרייט בטחון פאַר די אָקאָרשט געקומענע בחורים אין די הויכע רוסישע שטיוול, די בוימער, ווי זיי וואָלטן מיט גדלות און שמעקנדיקער גרינקייט צו זיי געטענהעט:

— מיר האָבן זיך דאָ פאַרפלאַנצט מיט צענדליקער יאָר צוריק — און איצט שטייען מיר דאָ פעסט און זיכער אינעם באָדן.

דער חבר אין באַראַשקענעם היטעלע אויפן קאָפּ, מיט די סאַזשע־וואָנצעלעך אונטער די נאָזלעכער, האָט זיך אַרומגעדרייט אין דאָרפישן האַרמידער, ווי אַ גר, אַ קאָזאַק, ווער האָט זיך אויף אים געקענט אומקוקן? — מ׳האָט געטריבן די קי און שעפסן פון די שטאַלן, די לופט איז פול געוואָרן מיט שטויב און ריחות פון זויערמילך.

דאַניע איז אונטערגעקומען מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט, ער האָט נאָך נעכטן אין אָוונט צוזאַמענגעשטעלט אַ רשימה פון זיין מיטגע־ברענגטער חברה, ער האָט שוין באַצייטנס באַשלאָסן ווו יעדער איינער וועט זיך ווי אַ שרייפל אַריינפּאַסן אין דער קיבוצי׳שער מאַשין. די אויגן פון אונטער זיינע געדיכטע־רייכע ברעמען זענען פאַרנעפּלט פון נישט שלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און פון צופיל ישוב הדעת מיט זיך אַליין. ווי נאָר ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, האָבן זיינע מחשבות זיך אַ טראָג געטאָן צו רינען. ער ווייסט, אַז רינאַ און שולמית האָבן „אָקופּירט" אַ צימער — זאָלן זיי נאָך שלאָפן — האָט ער מוותר געווען אין געדאַנק, פונקט ווי מען גיט נאָך אַ צעפּיעשטשעט קינד. דער חבר אין באַראַשקענעם היטעלע קוקט מיט פאַרבענקטע אויגן צום כנרת, וואָס וואַשט זיך אין בלאָ, אין פרימאָרגנדיקן צויבער. ער וואָלט געוועז אַ בעלן — זאָגט ער צו דאַניען — אַזוי ווי ער שטייט און גייט אַראָפּצוטאַנצן צום כנרת און זיך אָפּטונקען אין די וואַסערן.

— וואָס האָסטו קיין צייט נישט, וואָלאָדיאַ? — האָט אים דאַניע אַ שאָקל געטאָן דאָס פּאַפּירל פאַרן פּנים, דווקא אויפן ניכטערן מאָגן?

אַז דאַניע איז אָנגעקומען צו דער טיר פון „אָקופּירטן" צימער, האָט ער געטראָפן ווי יאשאַ קלאַפּט אָן איידל און מיט עניוות אין דער קליאַמקע פון טיר — זיי מיינען טאַקע — דרייט ער אויס דאָס

א. ריוועס

פנים מיט אַ טענה צו דאניען — אַז זיי געפינען זיך אין אַ האָטעל, שלאָפן ביז אַ שטיק אין טאָג אַריין.

* * *

נאַכומאָוו איז געווען שטאָלץ מיט זיין פראַצע אין דאָרף. ער פירט אַרום די יונגע כאַליאַסטרע, די אַקאָרשט געקומענע, איבער שטעג און פעלדער. ער דערציילט זיי, ווי פון אַ בוך אַרויס, וואָס ער מיט די פריערדיקע ערשטע פיאָנערן האָבן דאָ אַלץ נישט דורכגעלעבט. ער דערציילט די געשיכטע פון יעדן בוים. אָט פירט ער זיי אין איילבירט־וועלדל, וואָס ער האָט אַליין מיט די אייגענע הענט פאַר־פלאַנצט. די איילבירט־בוימער גרויסן זיך מיט יחוס, וויפל שפע האָבן זיי שוין אויסגעטראָגן אין די פעטע צווייגן און אַקסיד־גרינע בלעטער. בוימער זענען זאַט מיט יאָרן, צעגלידערט, משונהדיק פאַרפלאָנטערט איין צווייג אין אַנדערן, ווי אָרעמס אויסגעדרייטע פון צופיל טראָגן איילבירט־לאַסטן. פון דער ערד שפּאַרן זיך אַרויס די וואָרצלען האָרב־נאַקעטע, פאַרקראַמפט־איינגעדרייט האַלטן זיי זיך פאַרפלאָכטן איינס אין אַנדערן און זאַמלען אין זיך זאַפטן פון איין יאָר אויפן צווייטן.

— חלוצים, וואָס איר זענט — האָט נאַכומאָוו זיך געגרויסט — צי ווייסט איר דעם טעם פון „מעשה בראשית״? — צום פאַרטיקן זענט איר דאָ געקומען? — איר זעט אָט יענעם טייטלבוים? די פירות טריפן היינט מיט האָניק. אַז איך האָב פאַרזעצט דאָס בוימל האָב איך געמוזט מיט שוץ־שטאַנגען אַרומשטעלן פון אַלע זייטן, בכדי די בערג ווינטן זאָלן דאָס נישט עוקר זיין פון אָרט. — קוקט היינט אָן אַ בוים! — אַזוי ווי אַ מלך, אַ גיגאַנט, קיניגט ער אין די בערג און גרויסט זיך אין הימל מיט זיין פראַכטיקער קרוין. — יאָ, צום פאַרטיקן זענט איר דאָך געקומען, חלוצים טייערע, טאָ שפּאַנט זיך איין אין אַקער־אייזן מיט מזל־ברכה. יונגע הענט קענען אויפברעכן אַ ניי לעבן.

פאַרנאַכט, טאָג איז שוין איבערגעזעטיקט געווען מיט ברענענ־דיקער זון, זיך פאַרשטעקט הינטער בערג, צעשפּילטע אין בלאָ־פיאָ־לעטע פאַרבן. בהמות און שאָף קערן זיך צוריק פון די פעלדער מיט אַ מוהוקען און בענקען נאָך אַ שטאַל און זאַטער רו. די אָפּגעקילטע לופט פאַרשמעקט מיט מילך און זויערטייג. שושנה לערנט די נייגע־קומענע מיידלעך מעלקן די ראַסאָווע קי. די נאַקעט־אַנטבלויזטע פיס און אָרעמס ביי רינען און שולמיתן זענען אָפּגעבריענט פון דער זון, ווי רויטער קופּער. די קי שמייסן מיט די ווידלען אויף די אייִנ־געגעסענע זלידנע פליגן, דרייען אומגעדולדיק מיט די קעפּ און הער־נער מ׳זאָל פון זיי ראַשיקער צאַפּן פון די וואַרימע אייטערס. בלוטן ריזלען און פּאַליען הייס.

און ווער קען באַווייזן אַזעלכע וווּנדער ווי שושנה? זי גיט זיך אַ זעץ אַוועק מיט די ברוינע פאַרשאַרצטע עלנבויגנס, אירע קורצע קלעצלדיקע פינגער כישופן זיך אַריין אין די ליכטיקע, פולע אייטערס מילך. אין די ציכטיק־אויסגעשייערטע קאַנען צעשפּילן זיך מילך־סימפאָניעס, עס סוויטשען און זינגען סטענגעס מילך, אַ שוים בלעזלט פעט ביזן ראַנד פון דער כלי.

שושנה האָט ליב מער פון אַלעמען שולמיתן. שולמית איז גע־טאָקט און פאַרונדיקט מיט ציכטיק פאַרקעמטע האָר, אירע צעפּ זענען פאַרדרייט אין רעדלעך, און איר פעט פנימל איז תמיד פאַרזויערט מיט אַ פיעשטשענדיקן חן, פון אַן איין־אייניציקער טאָכטער ביי אַ מאַמען.

— ביסט יונג, קינד מיינס — וויל שושנה געווינען שולמיתס האַרץ— וואָס גייסטו שוין אַרום אַזוי פאַרזויערט?

— איך בין דאָך שוין קעגן דיר אַ זקנה, איך האָב דאָך שוין, קיין עין הרע, אַזאַ טאָכטער ווי דו — גיב אַ קוק אויף מיר, — גיבן שעלמיש אַ פינקל אירע קאַלמיקישע אויגעלעך.

שולמית מיט יאשאן האָבן באַקומען אַ באַזונדערן צימער. דעם הייליקן צוזאָג, וואָס שולמית האָט געגעבן איר טאַטע־מאַמע מכוח שטעלן אַ חופה, האָט זי דערווייל אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, זי היט דעם צוזאָג מיט פאַרכטיקן ציטער — און דערווייל פאַרבייגט זי

דעם צוגעזאָגטן ווונטש, ווי להבדיל איר פרומע באָבעלע אין דער ווייטער אוקראַינע, ווען זי פלעגט פאַרקנייטשן זאָרגעוודיק אַ בלאַט אין פאַרגעלטן קרבן־מנחה סידור.

אין די אָוונטן זיצט זי מיט יאשאן אויף דער שטיינערנער באַנק פאַר דער וואַנט פון הייזקע, וואָס איז נאָך אַנגעהייצט פון דער בייטאָגיקער זון. יאשא וועבט פאַר איר אויס שיינע בילדער פון זייער צוקונפט, אָבער איר דוכט זיך אַלץ אויס, אַז די כוחות וואָס זיי גיבן אַוועק דעם קיבוץ, טראָגן נישט פאַר זיי אַריין דעם ריכטיקן שכר.

טעג ברענען מיט הייסער חמימה, איין טאָג יאָגט איבער דעם אַנדערן מיט אַלץ מער פייער פון אַנגעגליטן טראָפּישן קעסל. די תבואות פון די פעלדער זענען שוין פון לאַנג פאַרזאַמלט געווען אין די שפּייכלערס. דער קיבוץ האָט איצט געפּלאַנט צו פאַרגרעסערן די פּלאַנטאַציעס פון ירקות. מ'האָט זשוואַווער זיך איינגעשפּאַנט אין דער אַרבעט, געצויגן רערן, וואָס וועלן טרייבן גענוג וואַסער אַנצוטרינ־קען אין די הייסע טעג די טרוקענע בייטן. מענטשלעכע הענט וועלן קערעווען דעם כוח פון דער ערד, זיי וועלן באַפעלן: וואַקס, מאַמעלע ערד, געבער בלומען־קרויט, מייערן, בוראַקעס; באַשענק אונדז מיט טאָמאַטן, אוגערקעס און רעטעכער. דער קיבוץ דאַרף נישט אויסשטיין די קאַפּריזן פון די קאַרגע וואַסער־הימלען און ווייניקע ווינטער־חדשים.

דאניע האָט זיך איבערגעגעבן אין רשות פון דער ערד — די ערד וואָס דערהויבט דעם מענטשן פאַר איר האַר, און פאַר איינוועג פאַרוואַנדלט זי אים אין אַ קנעכט. דער מענטש זאָל אין שווער; יאָך פאָלגן מיט אַ הכנעה די קאַפּריזן פון דער ערד.

אַט וואַרפט זיך אַ טראַקטאָר איבער אַ שטח פון אומבאַרירטער ערד, פאַרוואַקסן פון קדמונים מיטווילדע פלאַנצן און דערנער־געוויקסן. די ערד איז פאַרמישט מיט שטיינער, ליים־שערבלעך און גלאָז־שפּלי־טערס. דער טראַקטאָר קלאַפּט מיט גיריקע קולות און רייסט מיט גראָב־אייזנס אין דער טיף, אין דער ברייט; גראָבט און וואַרפט איבער

שיכטן ערד, שלאַנדערט זיך ווי אַן אייזערנע אור־חיה אויף ברייטע ציין־רעדער און באַנד־קייטן; אָט לאָזט ער זיך אין שאול תחתיה, אָט קומט ער ווידער באַרג־אַרויף מיט קלימפּער־רעש און טראַסקערײַ.

איבער ברייטע לאַנען פון צעאַקערטן באָדן רעגירט אַ יונגער אַגראָנאָם, געשיקט דורכן אַגריקולטור־צענטער. ער טאַפּטשעט מיט די אַנטבלויזטע האַריק־באַוואַקסענע פיס איבער גרודעס ערד. זיינע דיקע ברילן־גלעזער בליצן און שפּיגלען אומגעדולדיק איבער דעם צע־וואָרפענעם שטח. ער כאַפּט אַריין אין דלאָניע אַ גאַרשטש ערד און צעמאַרשט דאָס צווישן די פינגער, ווי אַ טייער ביסל גאָלד. —

דער באָדן — זאָג ער — איז שופרא דשופרא, פעט און באַווירצט מיט מינעראַלן און באַזאַלט, וואָס די בערג שווענקען פון זיך אַראָפּ אין די רעגן־חדשים. — ער וועט פּאַרוואַנדלען — זאָגט ער — די שטחים אין אַ בליענדיקן גן־עדן, די ירקות וועלן דאָ אויפגיין בשפע.

נאַכומאָוו האָט געעצהעט דאַניען, ער זאָל זיך לכתחילה צוגע־וווינען צום פּשוטן אַקעראײַזן, איינגעשפּאַנט צו אַ פּאָר מויל־אייזלען.

— מען דאַרף אָנהויבן פון אַלף — זאָגט ער — נישט אָנהויבן באַלד, צום ערשטן, מיטן העכסטן גראַד ציוויליזאַציע — ווער עס וועט קענען אַרומגיין מיט בהמות, דער וועט אויך האָבן שכל צו די שטאָלענע ראָבאָטן מיט די מעכאַנישע קלאַפּערגעצייגן. — דער אַראַ־בישער פעלאַך — זאָגט ער — אַקערט נאָך אַלץ די ערד מיט אַ טשוואָק. די תבואה וואָס די ערד טראָגט אים אויס איז אין כמות אוודאי נישט ווי אונדזערע — אָבער זיי זענען אויך מומחים אויף זייער שטייגער.

האָט דאַניע געפאָלגט נאַכומאָוון, און ער האָט אָנגעטריבן אַ פּאָר מויל־אייזלען, איינגעשפּאַנט אין אַן אַקעראײַזן. די בהמות האָבן מאַטערנדיק געקוליעט איבער די גרודעס ערד, זיי האָבן געוואָרפן די שוימיקע מאָרדעס אין אלכסון. אין דאַניעס צעפּאַרעטן פּנים און נאָז־לעכער האָבן זיך צונויפגעמישט ריחות פון פריש־אויפגעגראָבענער ערד און פון הארבן אייגענעם שווייס. ער האָט געצילט אַז די מויל־אייזלען זאָלן שניידן גלייך, נישט פּלאָנטערן זיך אין זיגזאַגן. די זון

האָט פון אויבן געגאָסן מיט פייער אויף מענטש און בהמה. ביים ברעג פון פעלד האָט ער זיך אָפּגערוט און איינגעאָטעמט מיט דער פולער ברוסט די לויטערע לופט. די וואַסערן פון כנרת פאַליען פאַר זיינע אויגן מיט בלאָע קאָלירן — אין אַקערגאַנג פאַרשווינדט פאַר אים די שיינקייט פון כנרת.

אָנגעפּלויגענע ווינטלעך בלאָזן אין פאַרשוויצטן רוקן פון דאַניען: טראָגן מיט זיך אָפּגעריסענע געשרייען פון דער ווייט: — האַ־האָפּ... האַ־האָפּ...!

איבער די פעלדער שלעפּן יונגען לאַנגע רערן, מוסקולן שטויסן מיט ריטמישן כוח — ההאַ־האָפּ! דאַניע האָט פאַרקערעוועט שניידן אַ נייעם פּאַס ערד, בהמות בויגן זיך אין צווייען אינעם שמעלץ פון ברענענדיקער זון, פון אונטער די שטאָלענע אַקערס קאָכן ווידער אויף פאַר דאַניעס פנים גרודעס ערד.

אַז דאַניע האָט זיך דערשלעפּט פאַרן אַגראָנאָם מיט די דיקע ברילן, האָט ער באַמערקט ווי יענער שמייכלט און שפּיגלט מיט די ברילן־גלעזער. דער שמייכל אויפן אַגראָנאָמס פנים האָט פאַר־גליכן דעם וואָקלדיקן גאַנג אין אַקער פון רוסישן חלוץ — מיט דעם יונגן פלאַנץ, וואָס ציטערט אין לייכטסטן ווינטל.

דער אַגראָנאָם שליידערט אַוועק פון דער צעגראָבענער ערד פאַרפלאָנטערטע ווילדע וואָרצלען, ווי אויסגעטרייבערטע אָדערן — דאָס וועט דערשטיקן — זאָגט ער — אונדזער זריעה, פּאַראַזיטן, צו אַלדי רוחות.

— אַ־נו, חבר — האָט ער זיך ראַפּטום אַ קער געטאָן צו דאַניען — איך וויל זען ווי ביי מיר וועט גיין דער אַקער? — ער האָט אַ נעם געטאָן אין די הענט אַריין דעם אַקער־געשפּאַן פון דאַניען און אָנגעהויבן טרייבן מיט קוראַזש די מויל־אייזלען — הע־הע, הע־הא!

— האָבן אָפּגעקלונגען אין דער לופט דעם אַגראָנאָמס קולעכלעך. די מויל־אייזלען האָבן מיט אימפּעט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, די ערד האָט ברויזנדיק אויפגעקאָכט פון אונטער די שטאָלענע שאַרפן, אָפּ־שניידנדיק עטלעכע מעטער האָט ער אויסגעדרייט דאָס צעפּאַרעטע

פנים צו דאניען, ווען דער איז אים נאָכגעלאָפן נאָכן אַקער. דעם אַגראָנאָמס ברילן־גלעזער האָבן געבליאַסקעט מיט נצחון פון דער גבורה, וואָס ער האָט באַוויזן — אַ־נו, חבר, אין אַ יאָר אַרום וועט ביי דיר אויך אָנקומען לייכטער, עס וועט גיין אַ גאַנג...

ווען דאניע האָט דערגרייכט אַקערן ביזן צווייטן ברעג פון פעלד, האָט זיך פון אַ טיפן ראָוו באַוויזן אַ קאָפּ — דאָס האָט דער לאַנגער יאשא אַרויסגעשטרעקט דעם קאָפּ:

— דו הערסט, דאניע — שרייט ער צו אים אַריבער — איך קוק אָן דיין פנים, ווייס איך שוין ווי איך זע אויס...

— איז דאָך גוט, ענטפערט ער אים אָפּ מיט אַ געשריי — האָסט באַקומען אין קיבוץ אַ לייטישן פנים! — דאניע האָט נישט געהאַט בדעה זיך אויסצוטענהען מיט אים דאָ, אין מיטן שניידן דעם פאַס ערד, אָבער יאשא האָט נישט געקענט איינשטיין אין ראָוו, ס׳האָט אים געצויגן צו דאניען אויסצוגיסן זיין פאַרביטערט האַרץ, וואָס איז שוין איבערפולט געוועזן פון אַ פּאָר טעג.

ער איז אַרויסגעקראָכן פון ראָוו און דעריאָגט דאניען — די הערסט — איז ער אַרויס מיט לשון — זי מאַכט מיר דעם טויט.

דאניע האָט פון אונטער די געדיכטע ברעמען אָנגעצילט אויף אים די אויגן, אָנגעקוקט אים טיף און מיט פאַרשטאַנד, עפּעס ווי ער וואָלט געהערט דורך יאשען זיינע אייגענע תרעומות — ער, דאניע, וועט אָבער נישט צעלייגן אויף טעלערלעך פאַר קיינעם דאָס וואָס עס דריקט אים אינעווייניק.

— זי וויל דאָ נישט פאַרבלייבן — האָט יאשא אויסגעקרעכצט מיט פאַרצווייפלונג.

— נאַרישקייטן, — האָט דאניע זיך אַ בייזער געטאָן — מיט דעם זעלבן בייזער האָט ער אַ טרייב געטאָן די מויל־אייזלען — מיר מוזן שלום מאַכן מיטן קיבוצישן לעבן.

— ביי מיר האָסטו געפועלט — איז אים יאשא נאָכגעגאַנגען, ווי נאָך אַ וועגווייזער, אָבער...

— זאָל שולמית זיך אָנטווינען פון איר מאַמעס פאַרטוך, —

א. ריוועס

האָט דאניע אים נישט געלאָזט ענדיקן די רייד.

יאשא איז געבליבן איינער אַליין אויפן אָרט מיט זיינע פאַר־צווייפלטע טענות און נאָכגעקוקט ווי דאניע דערווייטערט זיך מיטן אַקער איבערן פעלד.

דאניע האָט געהאַט צער פון די קאָנפליקטן, וואָס האָבן זיך געשאַפן צווישן די אַהערגעקומענע חברה — דאָס אַלץ איז ווי אַ צוגאָב צו זיין אייגענער זאָרג מיט רינען. נישט יעדער איינער פון דער חברה איז געבענטשט געוואָרן מיט דער אייגנשאַפט פאַרקנסט צו ווערן צו דער שווערער ערד. נאָכמאָוו איז נישט געווען צופרידן מיט אַ טייל פון די חברים, זיי זענען ווי אַן אומזיסטער באַלאַסט פאַרן קיבוץ; דאניע האָט זיך געזען שולדיק אין דעם אַלעמען.

* * *

נאָענט פון קיבוצישן דאָרף האָט זיך פאַרמירט אַן ערשט אויפ־געשפּראָצטער אַרבעטער־קאָלעקטיוו, חברים, אַהערגעקומענע פון סלאַ־ווישע לענדער, האָבן אויף דעם באָדן אָנגעשלאָגן געצעלטן. זאָרג־לאָז איז דאָס לעבן אין יענער מחנה. דער ערשטער איז פון קיבוץ צו זיי אַריבער דער אין באַראַשקענעם היטעלע מיט די סאַזשע־וואָנ־צעלעך אונטער די נאָזלעכער; באַלד איז צו זיי אַריבער אַ צווייטער חבר, אַ דריטער. דאָרט אין יענער מחנה דינגען זיך אַן די חברה צו פאַרשידענע אַרבעטן. ביי די וואַסערן פון ירדן בויט מען מעכ־טיקע טורבינעס — מען וועט צוימען די וואַסערן, דאָס וועט אויסשלאָגן גיגאַנטישן כוח פאַרן עלעקטרישן שטראָם איבערן לאַנד. אין די אָוונטן קערן זיך די חברה צוריק פון דער אַרבעט אין דער מחנה. נאָכן עסן פירט מען וויכוחים. ס׳שלייפן זיך צינגער; ביי אַנגעלייגטע פייערן אַרום די געצעלטן טאַנצט מען „האָראַס”. מיד פון אַרבעט און פאַרשכורטע טענץ פאַלן חברה אַוועק אויף די האַרטע געלעגערס.

רינאַ האָט אין דער פרייער צייט אויך אָנגעהויבן קומען אַהין. ווילע חברה האָט זי דאָרט געטראָפן. דער עיקר האָט איר פאַר־

אינטערעסירט איינער מיט אַ געלאָקטן שויבער אין די אויגן. אַט מיט דעם זעלבן חבר איז זי דאָך געפאָרן פון חיפה אין דאָרף אַריין. און אַז יענער רעדט בליקט ער איר אַריין טיף אין די אויגן, וואָס מער ער צערעדט זיך, אַלץ גרעסער ווערן זיינע אויגן — צוויי גרינע פלעמלעך לייכטן אַרויס פון די אַפּלען, גנבענען ביי איר די רו. טיילמאָל דאַכט זיך איר, אַז ער פלייסט זיך בכיוון פאַר איר מיט זיינע דערציילונגען, — נאָר פון זיך דערציילט ער. רינאַ טראַכט: ווי אַזוי קען דאָס אַ מענטש נאָר פון זיך דערציילן? און דאָך פלעגט זי נישט מיד ווערן אויסצוהערן זיינע רייד, וואָס האָבן זיך געצויגן פון זיין שמייכלענדיק פאַרפירערישן מויל, ווי פאַרביקע סטענגעס. רינאַ האָט זיך אַלץ מער פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט אין דעם.

דאניע האָט איינמאָל מיט רינען געמאַכט אַ שפּאַציר אין דער מחנה. מער האָט ער שוין אַהין נישט געוואָלט קומען, דאָס האָט גורם געווען יענער חבר מיטן שויבער אין די אויגן. דאניע האָט אויס־געמיטן פאַר רינען צו רעדן וועגן אים. די אַרבעט אין פעלד האָט נאָך שווערער געמאַכט זיין מויל — פלעגט ער זיך פאַרקלייבן נאָך דער אַרבעט צו זיך אין צימער מיט פאַרוואָלקנטע אויגן אונטער די געדיכט־רייכע ברעמען, ער האָט מיט קיינעם זיך נישט געוואָלט טרעפן, מיט קיינעם. דער צימער איז פול געוואָרן מיט אַ געדיכטן שווייגן; מיט פיינלעכן אומעט, ווייל ער אַליין צעשטרייען דעם אייגע־נעם אומעט מיט אַ כסדרדיקן פייפן. און אַז זיין צער האָט אַריבערגע־שפּאַרט די ברעגעס, איז רינאַ אין מיטן אַריינגעקומען אין צימער, האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ כוח און איר געזאָגט, אַז ער וואָלט געווען מרוצה זי זאָל אויפהערן גיין אין יענער מחנה.

האָט רינאַ זיך שטאַרק צעלאַכט, איר געלעכטער האָט ווי הייסער שרויט זיך צעשאָטן איבער דאניעס פילבאָרן לייב, איר געלעכטער האָט אים ברוטאַל געגעבן צו פילן, אַז דאניע האָט איר דאָ נישט צו זאָגן קיין דעה.

די ניי־געקומענע בחורות אין קיבוץ האָט מען געטוישט אַלע צוויי וואָכן צו אַן אַנדערער אַרבעט. אַמאָל האָט מען רינען געקענט

טרעף; אַרבעטן אין די טוכלע שטייגן פון עופות, אינעם כאַר פון הונדערטער ווייסע הינער, הענער, וואָס האָבן געבליצט און געוווּנקען מיט פייער־רויטע קרוינדלעך און טשופּקעס. זי האָט זיך געפּאָרעט אין די אַרומגעצוימטע דראָטענע נעצן ביי אויסגעשאָטענע קערנער, ווי עופות האָבן געפישטשעט מיט אַ פלאַטערן פון פליגל, מיט הענער־געשריי, אַמאָל האָט מען ווידער געטראָפן רינען אַרבעטן אין די שטאַלן פון בהמות — ביי מעלקן די קי און קלימפּערן אין די בלעכענע קאַנען.

דער חבר מיטן געלאַקטן שויבער אין די אויגן איז אָפט געקומען אין קיבוץ, גראַד ווי ער וואָלט געהאַט אַ נאָענטע פאַרוואַנדשאַפט מיט יעדן איינעם פון דאָרף, און עס גייט אים טאַקע אין לעבן די עניינים פון דער ווירטשאַפט. פאַר אַלעמען איז אָבער קלאָר, אַז אים בינדט גאָרנישט מיטן קיבוץ, — ער פליט אַרום ווי אַ פרייער פויגל מיטן לאַסט־אויטאָ, ער צעפירט בוי־מאַטעריאַלן פאַר דער עלעקטרי־שער אונטערנעמונג ביים ירדן. נאָך דער אַרבעט געפינט ער נישט קיין רו אין זיין מחנה צווישן די ברעזענטענע געצעלטן. זיין אומ־געדולד, וואָס שפּאַרט אים פון די מוסקולן און ברוסט לעשט ער אין די כוואַליעס פון כנרת. נאָכן אויסבאָדן זיך פוצט ער זיך אויס אין ריינער כאַקי־הלבשה, און דעמאָלט איז ער גרייט אויסצולאָדן זיינע באַגערן פאַר רינען אין קיבוץ. ער וויקלט אַרום איר פאַרמאַניעג־דיקע סטענגעס, און זי פאַרפלאָנטערט זיך אַלץ מער אין דעם.

ווען דאַניע זאָל וויסן פריער, אַז ער נעמט אַ צרה אויף זיין קאָפּ, וואָלט ער באַלד ביים אָנהויב נישט דערלאָזט, אַז רינאַ זאָל זיך זעצן ביים רול פון שאָפער, בעת זייער נסיעה פון חיפה, — בידים האָט ער אַריינגעפירט אַ וואָלף אין דער סטאַדע...

און אָט ווי עס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן:

ווען די מאַשין האָט זיך געיאָגט איבער די ווינטיקע שאָסייען, האָט רינאַ דערשפּירט אויפן פּנים דעם ברי פון זיינע פאַרמאַניענדיקע גרינע אויגן, ווי אויגן פון הונגעריקע פוקסן, וואָס לויערן אין די געכטס נאָך רויב.

— איר האָט, חבר, ווייניק אין זינען אייערע פליכטן — האָט זי דעמאָלט אים אַ זאָג געטאָן, נישט אויסדרייענדיק צו אים איר צעפלאַמטן פנים.

— וואָס פאָלט אייך איין, חברטע?

— איר קוקט ווייניק אויפן שאָסיי...

— מיין אויג קוקט אומעטום — האָט ער זיך באַרימעריש פאַר איר צעשמייכלט — איך בין דער מלך הדרכים!

— וואַזשנע... — האָט רינאַ זיך אַ בלאָז געטאָן.

— און אַז איר ווילט „פרינצעסין" — האָט ער אָנגעבויגן דעם שויבער אין איר זייט — קען איך אייך פאַראיינוועג דערציילן אַ שיינע מעשהלע פון „טויזנט און איין נאַכט".

פון דעמאָלט אָן הערט זי פון אים דערציילן פאַנטאַסטישע פאַסירונגען, אומגלויבלעכע — אָבער דאָך צו גלויבן.

ער וואַנדערט אָפט מיט רינען אין די בערג, קלעטערט איבער סקאַלעס, לאָזט זיך אַרונטער אין די טאָלן; ער דערציילט געשיכטעס פון דער סביבה. פון באַרג־הויכקייט זעט אויס די וועלט שענער: אונטן ליגט דער כנרת געפאַנגען צווישן ברוין־פיאָלעטע בערג; בלאָע וואַסערן זענען באַזיגט און רוען אין ווייכע בעפלען. פון ווייטן כמור־רעט זיך דער חרמון־באַרג, הויך און מעכטיק, ווי אַ ריזיקער גיגאַנט פאַרייסט ער דעם זילבער־ווייסן קאָפּ — אָט דוכט זיך אויס ווי־אויבן וואָלטן פאַרצייטיקע ריטערס זיך געלאָזט אין אַ געפעכט. אין שקיעה פון רויטער זון בליצן אויף זילבערנע פאַנצערס. ער דער־ציילט רינען אַז ער שטאַמט אויך פון אַ לאַנד, אַ באַרגיקן, פון ווייטן קאַווקאַז — ער איז אַ קינד פון טשערקעסן־פאָלק; ער האָט געקענט אויף זיין פערדל דערגרייכן דעם העכסטן באַרג־שפּיץ, אונטן האָט געמעגט זיין דער טיפסטער תהום, ווען אַ מענטש כאַפּט נאָר דאָרט אַ בליק — פליט ער באַלד אין דער נידער — דו רייטסט אויפן פערדל דורך אַ שמאָל סטעזשקעלע, קוים וואָס אַ טויב קען דאָרט שפּאַצירן — דעם עיקר שפּילט דער גלייכגעוויכט.

וואַנדערנדיק אין די בערג דערציילט ער רינען, ווי די „רויטע"

מחנות האָבן געקעמפט מיט די „ווייסע"; די „ווייסע" האָבן פאַרכאַפּט שטיקער בערג פון קאַווקאַז. די אַטאַמאַנען צעשיסן אונדזערע יידן־טשערקעסן; ער נעמט נקמה פון אַ „ווייסן" באַנדיט, וואָס האָט דער־הרגעט זיינע צוויי ברידער. ער פאַרגנבעט זיך אין זייער מחנה און דערשטעכט מיט אַ קינדזשאַל דעם מגובל. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די בערג, ווי אַ פויגל אין אַ געדיכטן בוים. ער האָט געוואָגלט דורך אונטערוועגן און סטעפּעס, געהונגערט און געגנבעט גרענעצן — דורך טורקעסטאַן און טערקיי — ביז ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל.

רינאַ פלעגט הערן זיינע דערציילונגען, און אירע מחשבות שוועבן דורך אירע אייגענע איבערלעבונגען פון אַ פּריש פאַרשוווּ־מענער היים. עפּעס זעט זי דאָ אַלעמען פאַר אַנטלאָפענע און אַנטרונ־נענע; פון אַלע פייערן און קאַלירן זענען יידן אַנטלאָפן. דאָס לאַנד נעמט דאָ אויף אַלע פּליטים — און אַלע באַקומען דאָ אַן אייגענע באַזונדערע פאַרב.

ווען זיי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּנידערן נאָך זון־שקיעה פון באַרג, האָט דער שפּיץ פון חרמון זיך געצונדן אין ראָזע פייערן; פון דער־ווייטן האָט דער שניי פון באַרג־הויכקייט, ווי איינגעזאַפּט אין זיך דאָס פאַרגאָסענע בלוט אין די קאַווקאַזער בערג. ווו רינעס אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן האָט זי באַגעגנט רויט: דער כנרת טרינקט זיך אָן מיט רויטן פּורפּור; די בערג פון גולן ברענען מיט רויטן פייער. די אונטערגייענדיקע זון צינדט אָן דעם גאַנצן אַרום אין אַ העלישן רויט.

ווען רינאַ האָט זיך איינמאָל אומגעקערט פון אַזאַ־אַ שפּאַציר אין דאָרף, זענען שוין די הייזקעס געווען געשלייערט אין טונקעלע שאָטנס. זי האָט לעצטנס געטראָגן אַ ווידערווילן צו זיך און צום צימער. זי ווייסט, אַז דאָס טרעפן זיך מיט אבשלומען (אַזוי האָט ער געהייסן דער חבר) אין דער מחנה איז אַ סם פאַר דאַניען — און דאָך פלעגט זי אַהין גיין, און צופיל איז זי שוין באַרויִשט געוואָרן פון די מערערע באַגעגענישן. רינען טוט ווי וואָס דאַניע האָט כמעט

אויפגעהערט צו רעדן מיט איר, און דאָס אָרט איר שטאַרק, וואָס ער קאַרגט פאַר איר גוטע ווערטער. יאָ, דאניע איז איבערפולט מיט ביטערניש, און זי ווערט פון דעם באַווירקט, זי קריגט זיך אַליין פיינט.

אַריינקומענדיק אין צימער האָט זי געטראָפן דאניען זיצן היפּש אָנגעכמורעט ביים טישל. ער שרייבט אַ בריוו צו גרושקינען, — ער איז אים שוין שולדיק פון לאַנג אַן ענטפער.

רינאַ האָט געהאַט אַ שטאַרקן באַגער איבערצובעטן דאניען, אַראָפּנעמען דעם שלאָס פון זיין מויל — זאָגט זי אים:

— דו וועסט אים איבערגעבן אַ גרוס, אַ־יאָ?

דאניע האָט אָפּגעקערט דאָס פּנים פון בויגעלע פּאַפּיר, ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר די אויגן אָנגעטרונקענע מיט טונקעלן טרויער: פון וועמען אַ גרוס? — האָבן זיינע ליפּן אַ מורמל געטאָן.

אין איר ברוסט קוועלט אַ רחמנות צו דאניען — פון מיר, פון מיר האָט זי מיט אַ צאַרט געפיל אים צוגעגעבן.

דאניע האָט ווידער אויסגעדרייט דאָס פּנים צום בייגעלע פּאַפּיר, דאָס פּנים האָט נישט אויפגעהערט זיך צו כמורען מיט פיינלעכן שפּאָט — איך האָב געמיינט פון „אים״ — האָט ער ביטערלעך אַ ברום געטאָן.

רינען האָט אַ קאָך געטאָן אין ברוסט, זי האָט אים געוואָלט אַרויסזאָגן אַ האַרב וואָרט — די ליפּן האָט זי האַסטיק פאַרביסן מיט די ציינער.

שבת איז אבשלום ווידער געקומען וויזיטירן אין קיבוץ, ער האָט געשפּאַנט מיט מוסקולירטע פיס אין ניי־געפּרעסטע כאַקי־הויזלעך; די טשופּרינע איז אים געקראָכן אין די גרינע אויגן. ער נישטערט איבערן דאָרף, אומעטום שטעקט ער דעם קאָפּ: אין די שטאַלן פון די קי, אין די עופות־שטייגן — און צום סוף דער־ווייסט ער זיך, אַז רינאַ איז היינט באַשעפטיקט אין קיך. די חברים

אין קיבוץ ווייסן גוט דעם באַטייט פון זיינע אָפטע וויזיטן. מער פון אַלעמען איז אויף אים געווען אַ מבינטע שושנה, נאָכומאָווס פרוי, אירע קאַלמיקישע שאַרפע אייגלעך האָבן נאָכגעפּאַרשט איטלעכן קער זיינעם. זי גיט זיך אַ שטעל אין דער ברייט מיטן צעוואַקסענעם געמאַך, מיט פאַרשאַרצטע עלנבויגנס אונטער די באַקעס:

— זאָג נאַר, אבשלום, דו ווייסט אַז רינאַ האָט אַ „בחור״? — דאָס האָט געמיינט: טראָג זיך אָפּ פון דאַנען, דו קאַווקאַזער באַנדיט!

שושנהס צעוואַקסענער געמאַך האָט אים אַ פנים גאַרנישט אָפּ־געשראָקן, דער שויבער האָט ביי אים נאָך מער אַ טענצל געטאָן אין די אויגן:

— איז אוודאי גוט, אַז זי האָט אַ „בחור״!

—וואַרט... וואַרט... האָט זי אים נאָכגעטייטלט מיט אַ קלעצל־דיקן פינגער — דו וועסט כאַפּן דיין פסק...

פאַרנאַכט האָבן חברים פון קיבוץ זיך אַוועקגעלאָזט אין יענער מחנה. מ׳האָט זיך געגרייט מאַכן אַ שפּאַציר אין שיפלעך איבערן כנרת. רינען האָט געלאָקט אַזאַ אָוונט־שפּאַציר איבערן כנרת, זי האָט זיך מיטגעטראָגן מיט אַלעמען.

הימל און וואַסער זענען געשליירט נאָכטלעך ווייך, מיט טיף־גראַנאַטענעם סאַמעט. ווייטע בערג טוליען זיך אין נאַכטיקע נעפּלען. בלאָזן פייכטלעך און קיל. ווו איז וואַסער, ווו איז הימל? קיינער ווייסט נישט. שטערן טויכן אויף און שיקלען אַמאָל מיט גאָלד, אַמאָל מיט פּאָלירטן זילבער, זיי פינקלען פון הימל, פון וואַסער, פון וואַסער, פון הימל.

עטלעכע שיפלען זענען אָפּגעבונדן געוואָרן פון ברעג, און ווי באַפרייטע פון קייטן האָבן זיי זיך געלאָזט איבער ברייטע וואַסערן. אבשלום באַגלייט רינען אין אַ שיפל, ער שניידט די וועסלעס אין ברומענדיקן וואַסער. די שיפלעך האַלטן זיך אינאיינעם, יעדער וויג איבער די כוואַליעס רופט אַרויס קוויטשערייען ביי די מיידלעך.

אבשלום שלינגט מיט די וועסלעס, שיפט זיך טיפער אין ים, וויל זיך דערווייטערן פון די איבעריקע שיפלעך — ער וועט אַוועק־

שווימען מיט רינען העט ווייט, ער וועט דערגרייכן די בערג. איטלעכער פלוכטש מיט דער וועסלע גיט אים צו קוראַזש און גבורה. כוואַליעס ברומען און פאַרשרייען די שטיפערייען אין די שיפלעך. — רינאַ כאַפּט זיך, אַז זייער שיפל איז היפּש דערווייטערט פון די איבעריקע — זי דערהערט שוין נישט די קלאַנגען פון דעם אַקאָר־דיאָן, וואָס אַ חבר שפּילט דאָרט מיט אייפער און ברען. אַרום איר ברומען וואַסערן, אַבשלום אַרבעט מיט די וועסלעס פּאַרטייעט און מיט אַ פאַרשכורטן כוח פון אַ מעדיום. רינען ווערט אומהיימלעך, עס באַפאַלט איר אַ פּחד פאַר זיין פאַרענדערטן פּנים.

— אבשלום, קער זיך אום צוריק, פּיבערט זי מיט אַ פאַר־כאַפּטן אָטעם.

די בערג פון דערווייטן פאַרנאַרן אים אַלץ מערער אין זייערע נאַכטיקע אָרעמס, ער ברענט מיט שטייגנדיקן שווידער, און די אויגן גליען ווי גרינער פאָספאָר, — ער האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן מיט די וועסלעס דאָס שיפל הוידעט זיך הין און צוריק אויף איין אָרט, ווי פון פאַרפעלטן אָטעם; כוואַליעס לויפן, וויקלען זיך, וואַקסן אין בערג און ווילן פאַרשלינגען דאָס שיפל מיט זיי אינאיינעם. — רינען שלאָגן אַרויס אַנגסטן איבערן לייב, די שלייפן האַמערן — וואָס טוט זיך דאָ?

אבשלום האָט אַראָפּגעקניט צו רינען — איך האָב דיך געפאַנגען. האָט ער געברומט ווי אַ ים־רוּיבער — דיין האַרץ צאַפּלט זיך אין מיין האַנט — —

רינען גרייפט אָן אַן איבל — ביז צום עקל, זי וועט שפּרינגען אין ים אַריין, זיך ראַנגלען ווי קעגן אַ חיה.

רינעס האַנט האָט אַ פּלעם געטאָן איבער אבשלום׳ס פּנים, אַן אויג איז אים געפלויגן אין פייערדיקע פונקען.

— א־ב־ש־ל־ו־ם! א־ב־ש־ל־ו־ם! — האָבן זיך דערטראָגן גע־שרייען פון די דערווייטערטע שיפלעך. וואַסערן האָבן נישט אויפ־געהערט צו לויפן און ברומען. אבשלומען שמאַרצט דאָס פּנים, באַליי־דיקט אין געקרענקט שנייד ער מיט אַנגעיאָגטן כוח דאָס וואַסער —

אָט שוין צו דערגרייכן די יבשה. פון אויג רינען אים טרערן איבערן באַק, טרערן ווי טראָפּנס פייער.

אַז רינאַ האָט זיך אומגעקערט אין צימער איז דאניע שוין געלעגן אויפן געלעגער. אויף אירע טענות האָט ער נישט געענטפערט. ער האָט זיך געדרייט פון איין זייט אויף דער אַנדערער מיט פּאַר־שטיקטע זיפצן. רינאַ האָט אַן אויסגעטוענע פּלוצים אַריינגעשפּרינגען צו אים, מיט הייסע פיבערדיקע אָרעמס האָט זי זיך געוויקלט אַרום זיין עקשנותדיק־אויסגעהאָרעוועטן רוקן, אַרום זיין האַלדז. זי האָט אים געוואָלט אין דער רגע אַלצדינג דערציילן; זי האָט חרטה וואָס זי פּייניקט אים און דערווייטערט זיך פון אים; זי האָט אָבער קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט פון מויל. איר מויל האָט געגליט זיין לייב, געגלעט זיין פּנים און אויגן.

ביי דאניען האָט זיך געשמאָלצן די עקשנות. רינעס וואַרעם בלוט פּאַליעט און צינד אין אים אָן אַ פייערלעכן שוידער.

— עך, דו טייוול — —

קאַרג איז ער געווען אויף ווערטער.

די נאַכט האָט זיי ביידן באַזיגט.

4.

נאָך יענער „געשעעניש" איבערן כנרת האָט מען אבשלומען שוין מער נישט אַנגעזען אין דאָרף. דאניע האָט איצט מיט אַ קלאָרן קאָפּ געקענט אַרבעטן אויפן פעלד, דער וואָלקן וואָס האָט געהאַט פאַר־טונקלט זיין געמיט איז צערונען געוואָרן, מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז רינאַ בלייבט עפּעס לענגער מיט אים אין צימער — נישט ווי זי האָט זיך אויפגעפירט אַלעמאָל. רינאַ האָט ווירקלעך ווי פאַרלוירן דעם אינטערעס פאַר דרויסנדיקע פּאַסירונגען אין קיבוץ. נאָך דער אַרבעט וואַרפט זי זיך נישט קיינעם אין די אויגן. — און דאָס אַליין האָט אין דאניען טיילמאָל אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט: מסתמא איז מיט רינען עפּעס געשען?

ער קען דאָך רינען, ווי זיינע צען פינגער: שטורמיש בלוט, שפרינגט ווי אַ פויגל פון צווייג צו צווייג — און דאָ מיטאַמאָל אַזוי נאָכגיביק, ווי באַזיגט אין אַ נעסט?

דאניע האָט בכיוון נישט געוואָלט מאַכן מיט רינען קיין טענות וועגן דעם. פאַר אים איז געווען גענוג, אַז רינאַ געפינט זיך אין זיין מחיצה. ער פילט אין ברוסט אַ יום־טוב. רינאַ פאַרשכורט און באַרייכערט זיין האַרץ.

אָט אַרבעט רינאַ אין די שטאַלן ווי אַן איינגעאיבטע מעל־קערין. דאָס סוויטשען פון סטענגעס מילך קלינגען אין אירע אויערן מיט איידעלער מוזיק. און אַז אבשלום גיט נישט ווילנדיק אַ שוועב אין איר מחשבה, טוט זי מיט כוח און ווידערווילן אים פאַרטרייבן פון זיך. — אויסגעוועפט איז געוואָרן דער וווּנדער פון זיינע פאַנטאַסטישע דערציילונגען, אַ פיינלעכע ליידיקייט האָט ביי איר געהויערט אין האַרצן. און גראָד אויף צולהכעיס, ווייל זי וויל אים אויסמעקן פון זכרון — גיט נישט ווילנדיק אַ שוועב פאַר אירע אויגן זיין פנים מיטן גרינעם שיין אין די אַפּלען, דאָס פאַרפירערישע מויל שמייכלט און מאַניעט: „איך האָב דיך געפאַנגען".

אין אַזעלכע מינוטן פון אירע טראַכטענישן דאַרף זיך גראָד באַווייזן פאַר רינען די צעוואָקסענע שושנה. אירע קאַלמיקישע אויגן שטראַלן שעלמיש און באַלויכטן איר אייגענעם אויסגעקנעטעטענעם פנים; אירע שעלמישע בלישטשלעך זענען פאַרטייעט אַרום די בחורטעס ביי די קי. און דער עיקר לויערט זי איבער רינען, מיט אַ מאַמיש צעזיסטן פנים און געמאַכטער האַרציקייט טוט זי איר אַ פרעג:

— וואָס עפעס, רינאַ, זעט מען נישט לעצטנס דעם חבר אבשלום?

הויבט אויף רינאַ דעם קאָפּ פון קאַן מילך, די סימפאָניע פון די מילך־סטענגעס ווערט אַ רגע שטיל. רינאַ גיט ביין אַ צעפליגל מיט די נאָזלעכער:

— וואָס עפעס? שושנה איז מיט אים ברוגז? זי קען דאָך אים פרעגן?

— ניין... גיבן כיטרע אַ שפיל שושנהס ווייסע ציינער — איך מיין אַז „ער" איז ברוגז?

גיט רינאַ אַ האַסטיקערן שלעפּ אין אַ זייטיקער קאַן — הגם זי דאַרף דאָס גאָרנישט טאָן — און צאָרנט אַריין אין דער מילך: זאָל ער זיין ברוגז וואָס גייט עס אָן שושנהן?

נאָך אַזאַ באַגעגעניש ווערט רינאַ טאָפּל דערדריקט און פאַר־שלאָסן ביי זיך אין צימער, זי וויל שוין קיינעם נישט זען פאַר די אויגן. און דווקא איז רינעס דערשלאָגנקייט אַ דערלייזונג פאַר דאַניען.

די איינציקע וואָס געפינען אַ משפחדיקע וואַרעמקייט ביי רינען — דאָס זענען שולמית און יאשא. שולמית קען איצט אָפּטער פאַר־ברענגען מיט איר חברטע, ביי יעדער געלעגנהייט טרעפט זי איר אין צימער. זי זעט זיך ווי פאַרקניפּט מיט איר אין איין גורל. — שולמית לעבט אַלץ מיט אויסגעדאַכטע האַפענונגען פאַר אַ גוטן תכלית אין לעבן. דער אויסגעהאָרעוועטער יאשא קוקט איר אין די אויגן ווי אַ פאַרליבטער תם, שאָקלט צו הכנעהדיק מיטן קאָפּ אויף אירע רייד.

רינאַ זעט זיך ווידער אין דער מדרגה פון אַזאַ איינעם, וואָס אַנטלויפט פון עמעצן, דער עיקר ווי זי וואָלט אַנטלאָפן פון זיך אַליין. נישט איינמאָל זעט זי זיך געשמייכלט אין איר לאַגע, זי מוז זיך פאַר־גלייכן מיט שולמיתן און אויסוואַרעמען דעם זיטלעכן געבאָט: „זאָלסט זיין גוט און פרום און פאָלגן טאַטע־מאַמע"...

דאַניע האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון גרושקינען. ער געפינט זיך שוין נישט אין חיפה, נאָר אין תל־אביב. ער האָפט צו קריגן אַרבעט אין אַ צייטונג. — תל־אביב — שרייבט ער — איז אַ שטאָט פון כולו שרייבער. ווו דו זאָלסט נישט וואַרפן אַ שטיין — טרעפסטו אין אַ שרייבער. און ער גריסט רינען.

גרושקינס גרוס האָט אויפגעטויכט ביי רינען דערמאָנונגען פון חיפה. עס דאַכט זיך איר, אַז אַ גאַנצע אייביקייט איז שוין אַריבער פון יענעם טאָג אָן, ווען זי האָט געשטעלט די ערשטע טריט אין לאַנד. עס האָט ביי איר אויפגעבליצט אַ פונק פון רחמנות צו יענעם אויסגעבלייכטן פּאָעט מיט דער איינגעפאַלענער ברוסט; גרושקינס גרוס האָט געשוועבט פאַר אירע אויגן, ווי אַן אויסגעאיידלט קרענקלעכע טויב וואָס בלאָנ־דזשעט און פאָכעט מיט די פליגל אין שאָטנס פון שטאָטישע ווענט.

אין אַ שײנעם שבתדיקן טאָג האָט זיך באַװיזן אין דאָרף אבשלום. ער איז אַרײַנגעפאָרן מיטן לאַסט־אויטאָ, מיטברענגענדיק מיט זיך נאָך עטלעכע חברים.

נאַכומאָװ האָט זיי באַגעגנט בײַם אַרײַנפאָר מיט שפּאַס אין די ציגײַנער־אויגן — „לופּטיקע געסט" — האָט ער זיי אַ נאָמען געגעבן, מחמת דעם װאָס דער־אָ סאָרט חלוצים קען זיך נישט צושמידן צום באָדן — נאָר עס טראָגט זיי אין דער לופטן.

אַבשלום האָט זיך אַ שטעל געטאָן פאַר נאַכומאָװן פײַערלעך און װאַזשנע — ער איז געקומען — זאָגט ער — אײַנלאַדן די חברים פון קיבוץ צום „נשף" אין זייער מחנה. זיי האָבן פאַרענדיקט בויען די צװייטע טורבינע ביי דער עלעקטרישער אונטערנעמונג. — מ'װעט אַ הוליע טאָן! — האָט זײַן שויבער װוילעריש אַ טענצל געטאָן אין זײַנע אויגן.

ער שפּאַנט אין דאָרף מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ. די אַקסלען רײַסן זיך אין דער ברייט אין אַ גראָדער ליניע, די ברוסט שפּאַרט פאָרויס מיט גבורה. דער באַגער זיך צו זען מיט רינען צעװאַקסט זיך אַלץ מער ביי אים. איר „פּאַטש" האָט גראָד נישט פאַרפלאַנצט ביי אים קיין שנאה אין האַרצן. להפוך, עס האָבן ביי אים דווקא אויפגעבליט די צאַרטסטע געפילן צו רינען. ער איז פאַר איר גרייט אויסצופירן די סאַמע אומבאַגרײַפלעכסטע זאַך, ער װעט זיך מיט איר אַװעקטראָגן אין די מסוכנדיקסטע שטעגן פון די בערג — און דאָרט װעט ער איר באַשיצן מיט זײַן ברוסט. ער שפּאַנט פײַערלעך איבערן הויף פון קיבוץ און די גרינע אויגן לײַכטן פאַרטײַענדיק דורכן שויבער אויפן שטערן; דער שײַן פון זײַנע גרינע אויגן דערגרייכן די גע־מויערטע װענט װוּ רינאַ געפינט זיך מסתמא.

שושנה זאָגט אָן רינען די בשורה װעגן אבשלומס װיזיט — זי האָט אים געטראָפן — זאָגט זי — ביי די שטאַלן. שושנהס קרומ־לעכע אויגן פיבערן מיט הייסן װײַבערישן בייגער, אירע אויגן צע־

פרעגלען זיך פאַר תענוג פון רינעס טיאַכקע אין האָרצן. לפנים נעמט אויף רינאַ די „נייעס" מערדערלעך קאַלט — זי פאַרטראַגט נישט יענע „קאַזאַצקע באַבע", וואָס גראַבלט זיך מיט אַ הנאה אין פרעמדנס קאַשע. וואָס אַן אמת, די אַרבעט איז איר שוין מער נישט באַקומען. דעם אומרו וואָס עס צעוואַקסט זיך אין איר, נישט ווילנדיק, צוימט זי דיסקרעט פאַר יענעמס אויג — אָבער טיף אין איר אַנטפּלעקט זיך דאָס האַרץ אַלץ האַרבער און נאַקעטער.

נאָך דער אַרבעט איז זי אַוועק צו זיך אין צימער. זי האָט קוים באַוויזן אָפּצוואַשן זיך אונטערן „טוש" איז שוין דאניע געווען אין צימער. דאניעס גיכער אַריינקום האָט רינען שטאַרק געאַרט. זי האָט געהאַט דעם חשד, אַז ער האַלט אויף איר אַן אויג, מסתמא, האָט זי געטראַכט, אַז דאניע האָט דערשנאַפּט דעם „אורח". רינאַ האָט ווי אַלעמאָל זיך געלייגט אָפּרוען מיט אַ בוך פאַרן פּנים. דער אומרו אָבער צעוואַקסט זיך אַלץ מערער ביי איר אין האַרצן, די אותיות אין בוך שפרינגען פאַר אירע אויגן — נישט צו פאַרדייען קיין איין שורה. פאַר אויפרעגונג צינדן זיך אַזש די פאַר זומערשפּרענקלעך אויף איר נעזל און די נאָזלעכער פליגלען פאַר צאָרן. — אויף וועמען איז זי דאָ אין כעס? — זי איז דאַנקבאַר דאניען וואָס ער געפינט זיך איצט אין צימער. רינאַ לייענט אין בוך און לייענט גאָרנישט אַרויס. ווען דאניע רעדט צו איר, שטאַמלט זי עפּעס מיטן מויל, ווי עמעצער וואָלט איר צוריקגעשלעפּט די צונג.

צוערשט איז אבשלום אַריין וויזיטירן צו שולמיתן מיט יאשאן. שולמית האָט אים אויפגענומען מיט אַן אַ שיעור פיינע געלעכטערלעך און באַטעמטע זיפצעלעך, — אָט ווי גייט עס אים? און אַזוי ווייטער — נאַטירלעך, ווייסט זי דאָך גאַנץ גוט, שולמית, צו וועמען אבשלום צילט איצט. און יאשא שמייעט אַרום דעם אורח מיט צעשטראַלטע תמימותדיקע אויגן, ער קען זיך נישט זעטיקן מיטן

גאַסט — יונגאַטשעס, וואָס איר זענט, האַ? — איין קלייניקייט, איז ער נישט אָפּגעטרעטן פון אבשלומען — איר מאַכט געשיכטע, איר שפּרייט ליכט איבערן לאַנד.

אבשלומען זענען נישט אַנגעגאַנגען די קאָמפּלימענטן פון יאשאן מיט די נאַקעטע בראַנדזענע אָרעמס און צעכראַשטשעטער האָריקער ברוסט, וואָס שוואַרצט זיך אַרויס פון טריקאָ־העמדל. — אַ גליקלעך פּאָרל, באמנות — טראַכט ער זיך — און דאָ שטייט ער ווי אויף הייסע קוילן, עס ציט אים צו רינען, רעדן מיט איר פּנים אל פּנים, — חזרט ער איבער פּאַר זיי ווידער פון דעם „נשף", וואָס זיי פּראַווען היינט אין אָוונט אין דער מחנה. און אָן באַוואָרענישן דאַרפן די חברים פון דאַנען מיטפּאָרן צו דער הוליאַנקע. אוודאי, — גיט אבשלום אַ שטעל אַרויס די ברוסט — אָן רינען און דאניען וועט די שמחה נישט האָבן קיין טעם. — דעריבער שלאָגט ער פּאָר, אַז אַזוי ווי מען שטייט און גייט, זיך אַריינצוכאַפּן צו רינען מיט דאניען מיט דער איינלאַדונג.

אַז די טיר האָט זיך אַן עפן געטאָן, און רינאַ האָט דערזען זיך אַריינוואַרפן אין צימער דעם צעדרודלטן דריילינג, האָט זי אין דער קורצער רגע געאַנט, ווי עס וואָלט זיך אויפגעפּראַלט אַ בינע־פּאָרהאַנג — און אַז דאַרף פון דאָרט אַרויסשלאָגן אַ לאַנג־דער־וואַרטעטער, ציטערדיקער ספּעקטאַקל. זי אַליין, רינאַ, רעדלט זיך פון דאַנען אַוועק אין אַ קילן הינטערגרונט, ווי זי וואָלט גאָר קיין שייכות נישט געהאַט צו דעם אַלעמען. דאָס האָט אָנגעהאַלטן נאָר עטלעכע רגעס, גיך האָט זי זיך אַ זעץ געטאָן אויפן בעטל, אַ פּיבער־דיקער פלאַם האָט אָנגעגריפן איר מוח ביז די שפּיצן פינגער.

דאניע האָט אין טומל פון שולמיתעס פיינע געלעכטערלעך, פּאַרבעטן העפלעך אבשלומען זיך זעצן, אונטערטראַגנדיק אים אַ הילצערנעם טאַבורעט.

אבשלום האָט לכתחילה זיך דערזען פּאַר אַ „ביעמאַקל" וואָס קען צוויי נישט ציילן, פּלאָנטערט ער זיך מיט דער איינלאַדונג און שמייכלט אומבאַהאָלפן מיט די בליאַסקעדיקע ציינער; ער זעט זיך

אַזוי אַנמעכטיק־קליין אין דער רגע אַנטקעגן רינען, וואָס זיצט אויפן בעטל אַנטקעגן אים אַזוי שלאַנק און דערהויבן.

דאַניע כמורעט די ברעמען צו דער פּאַדלאָגע, ער איז תּופס די אויסבאַהאַלטענע כוונות פון אבשלומען — גוט — זאָגט ער צו רינען — פאָר.

רינען האָט אַ ברי געטאָן אין ברוסט: אַזוי גאָר?... האָט זי דערשנאַפּט זיין כוונה — ווילסט מיך אויספּרוּוון? — גוט — זאָגט זי — „מיר" פאָרן!

— ניין, ניין, — האָט דאַניע חרטה אויפן שאַך־צוג — איך פאָר נישט.

יאשא פאַרטראָגט נישט די אַמפּערייען אין צימער, מיט אויס־געשטרעקטע הענט בעט ער זיך ביי דאַניען: וואָס אַרט דיך? — מיר פאָרן אַלע צום „בשף"!

דאַניען האָט מען נישט געקענט באַין אופן איבערעדן — ניין און ניין — ער האָט געגלויבט, אַז רינאַ וועט אַן אים זיך נישט רירן אין וועג.

ביי רינען ווידער האָט אָבער געטליעט די אַמביציע, איר באַליידיקטער „איך" האָט זיך ערגעץ געריסן אַפּצונעמען אירע קריוור־דעס. זי שפּירט אַז זי טוט וויי דאַניען, אָבער ער מעג דאָך פאַרמאָגן אַביסל גרויסמוט, זי קען נישט אַרויסווייזן פאַר אבשלומען אַ נעבעכ־דיק פּנים, עס שרעקט איר נישט אַנטקעגן צו קומען דעם לייב אין מויל אַריין.

מילא, שולמית וועט שוין מוזן בלייבן דער קרבן. זי האָט מיטלייד מיט דאַניען און באַשענקט אים מיט אַזוי פיל זיפצעלעך און רחמנות־בליקן. פון דעם יאָ־און־ניין־פּלאָנטער איז מען געקומען צו אַ פּשרה: רינאַ פאָרט מיט יאשאן.

די זון האָט זיך געזעצט מיט רויטן פלאַם צו די אַנגעכמורעטע ברוינע בערג. אינעם לאַסט־אויטאָ צעשפּילט זיך דער אַנגעצונדענער מאַטאָר; צעיאַכמערטע יונגען און מיידלעך שפּרינגען און קלעטער; אַרויף מיט פריידיקע קולות אין לאַסט־אויטאָ. נאָכמאָוו קוקט זיך

צו צו דער פריילעכער חתונקע, און די אויגן גליען מיט יונגן פייער. אים געפעלט נישט דער גאַנצער אבשלום, וואָס וואַקסט דאָ אַלעמאָל אויס ווי אַ קלאָון אין אַ צירק און פראַוועט שוואַרצקינצ־לעריי. ער האָט שוין פאַרשלעפּט פון דאַנען אַ היפּש ביסל חברה.

— אַט, איז דאָס אַ חיהלע... אַלע עופות וועט ער אַוועקלייגן.

נאַכומאָוו האָט דערזען רינען אין אַ פּלאַטערדיק־טונקל קליידל און ציכטיק ווייסע, מאַטראָזן־בלוזע. דער ווינט האָט געלופטערט איר'ע האָר־קרייזלעך און געטריבן דאָס געפאַלדעוועטע קליידל אין אַ פעכער.

— חבר נאַכומאָוו! — האָט רינאַ אים יום־טובדיק אַ רוף געטאָן מיט צעפלאַמטע קאָלירן אין די אויגן — כאַפּט זיך אַרויף מיט אונדז.

— עס וועט אייך זיין פריילעכער אָן מיר אויך, האָט נאַכומאָוו אַ שאָקל געטאָן דעם זילבער־ווייסן קאָפּ, ער איז מוחל די איינלאַדונג.

די לאַסט־מאַשין האָט זיך וויגנדיק אַוועקגעהאַצקעט איבערן דאָרף און מיט צעהיצטן געזאַנג זיך געלאָזט איבערן שאָסיי; די מאַשין האָט זיך געיאָגט איבער געדרייטע סטעזשקעס, אונטערהויבנדיק איטלעכס מאָל די צעהוליעטע חברה.

אבשלום קערעוועט דעם רול פאַרביסן, מיט אָנגעשפּיצטע נערוון:

— ער ווייסט אַז רינאַ איז אים די גאַנצע צייט געווען אַ שונא. ער וועט איר זאָגן אויג אויף אויג, ווי אַ זינדיקער פאַרן גייסטלעכן: יאָ, ער איז זיך קעגן איר באַגאַנגען געמיין, — זי מעג אים גלויבן, אַז ער איז נישט אַזעלכער ווי זי מיינט. יאָ, ער ווייסט גוט אַז רינאַ איז ריין, ווי אַ ציכטיק ווייס בלימעלע וועט ער איר טראָגן אויפן ברוסט. ער איז גרייט אַראָפּצובויגן דעם קאָפּ פאַר אירע טריט, — זאָל זי אויף אים טרעטן, אויב ער האָט זיך ביי איר פאַרדינט.

איז דאָס ווירקלעך? — רעדט ער צו זיך אַליין — זי פאַרט דאָך מיט אים אינאיינעם, רינאַ, ווי קען ער איצט פאַר איר אַרויס־ברענגען די קריסטאַל־ריינע ווערטער?

דאָס האַרץ ברעכט זיך ביי אים אַזש פאַר ווייטיק און פרייד אינאיינעם, אַט שפּרינגט באַלד דאָס האַרץ ממש פון אים אַרויס. אַ

פרייד ברויזט אין די גלידער, טראָגט זיך איבער אין פיבערדיקן רעדל — עס לויפן אים ראַשיק פאַרן פנים פעלדער, בוימער, זיי לויפן מיט אומרו און ווינט.

מיט שטורמישן, אומרויקן ווינט איז די מאַשין אָנגעקומען אין דער מחנה.

די זון איז שוין פון לאַנג געווען פאַרקוילערט אין מערב. ערד און באַשעפעניש זענען אָנגעטרונקען מיט אָוונט־שיכרות; די כנרת־וואַסערן זענען באַפאַרבט מיט ברוין־גראָע קאָלירן. אין דער מחנה טומלט מיט לעבן. דער גרוימער פירקאַנטיקער געצעלט איז אָפן צעפראַלט, — און אינעווייניק הוזשעט אַ באַצייטנס־אָנגעצונדענער „לוקס״־לאָמפּ, דאָס פאַרגיסט מיט אַ שרייענדיקן בלאָען ליכט די רוי־הילצערנע טישן, באַשטעלטע און באַטורעמטע מיט פינקלדיקע פלעשער וויין, קאָניאַק און ביר; עס שטראַלט און פינקלט מיט שרייענדיקן יום־טוב, מיט חלוצישע ניגונים.

אויבן אָן זיצט רינאַ אין דער ווייסער מאַטראָזן־בלוזע, פון ביידע זייטן זיצן יאשא און אבשלום. אבשלום האָט שוין אַראָפּגעקערט אין האַלדז אַ שפּאַר ביסל קעלישעקלעך משקה — אָבער ער קען האַלטן דעם קאָפּ אויפן קאַרק. די גרינע אַפּלען ביי אים צעשפּילן זיך און גלאַנצן ווי צעפינקלטע גלעזעלעך ביי אָנגעצונדענע פייערן, די צונג ביי אים איז אויפגעבונדן, פּלוידערט אַריין אין רינעס אויער נישט געשטויגענע ווערטער, אַז ער שטאַרבט אַוועק פאַר איר, — פאַרוואָס באַהאַלט זי זיך אויס, ווי אַן אָדלער אין די בערג?

רינאַ ענטפערט אים נישט מיט קיין שום וואָרט, זי נעמט נישט ערנסט זיין האַרץ־פּלוידער און דאָס פּלאָנטערן מיטן צונג נישט געשטויגענע ווערטער. זי לאָזט זיך נישט אָנרעדן צום טרינקען. פאַר יוצא וועגן לייגט זי צו דאָס גלעזל צו די ליפן און באַלעקט מיטן צינגל דעם טעם. אַלעמענס פאַרטרונקענע, צערוישטע בליקן זענען געצילט צו רינען, פונקט ווי זי וואָלט דאָ ווירקלעך געווען די צענטראַלע פיגור אין דעם איצטיקן „נשף״. רינאַ איז אַזוי דאַנקבאַר יאשאן וואָס וואַכט אַרום איר ווי אַ געטרייער פריינד, — אַלעמאָל

וואַרפט זי אים צו אַ פּאָר גוטע ווערטער.

יאָ, יאשא איז נישט געפּאָרן אַזוי מיט זיין גוטן ווילן, ער האָט דאָס צוליב געטאָן שולמיתן, אָן איר וועט ער זיך נישט פילן ווי מיט זיך, נאָר וואָס האָט ער געקענט מאַכן? אין טומל און אַמפּעריי פאַרן אָוועקפאָר, האָט אים דאניע אַריינגעשושקעט אין אויער ער זאָל זען, אַז זיי זאָלן זיך לאַנג נישט פאַרזאַמען און נישט קומען שפּעט אַהיים. — מילא — האָט יאשא זיך געטראַכט — ער וועט זיך דאָ שוין מוזן מוטשען, ווי אַ געדונגענער בדחן אויף אַ חתונה.

יאשא טוט זיך אָן אַ כוח נישט צו פאַרלירן רינגען פון אויג — הגם זי זיצט דאָך אַזוי נאָענט פון אים, אַקסל צו אַקסל. טיילמאָל דאַכט זיך אים, ווי זי וואָלט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע אויגן, פונקט ווי אַ גאָלדן פישעלע פון פישערס נעץ. שולדיק זענען די כוסות משקה וואָס דער בגלופנדיקער אבשלום שטעלט פאַר אים אַוועק ברחבה, ברייטהאַרציק און באַרוישט — לחיים יאשא!...

יאשען לאָקן די צעשפּילטע פלעשער וויין און קאָניאַק — ער האָט שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ טייערן יום־טוב. אַ שאָד וואָס דאניע איז נישט מיטגעפאָרן — האָט זיין קאָפּ זיך געבאָמבלט צו רינעס אַקסל — ער וואָלט גאָרנישט חרטה געהאַט. — לחיים יאשא! שטעקט אים אבשלום ווידער אַריין אין האַנט אַ כוסה „כרמל־האָק" — אָט אַ פלאָקן דאָס איז, רעדט ער כמעט אַרויס אויפן קול — וואָס פלאָנ־טערט ער זיך מיר אין די רעדער?

איינער פון די חברה שטעלט זיך אויף האַלטן אַ שטיקל דרשה מכוח די בעטאָנענע טורבינעס און לייכט־טורעמס איבערן לאַנד. פון זיין צעשפּיליעטן העמד שוויצט אַרויס אַ צעבראָנדזט־פאַרהאַרטעווע־טער האַלדז, צעפלאַצט פון זון און ווינט, ווי קאָרע אויף אַ בוים נאָך אַ רעגן. — פאַרשטייט איר מיך... טרייסלט זיך דאָס גלאָז ביר אין האַנט פון רעדנער — כוח פון מענטשן איז שטאַרקער פאַרן כוח פון עלעקטרע.

— געננוג, ליבינקער, צו וואַסערן, — האָט אַ צעשויבערטער יונג אָנגעקלאַפּט זיין גלאָז משקה אין יענעמס גלאָז, קאָנקורירנישט מיטן ירדן.

א. ריוועס

— לחיים, לחיים! — קלאַפּן זיך גלעזער מיט שוימיקן ביר.

אין דרויסן פּאַרציט עמעצער אַ ניגון מיט אַן אַקאָרדיאָן; דער ניגון שפּרינגט אויף טרעפּ, אַראָפּ, אַרויף. דער אַקאָרדיאָן פּאַרגייט זיך אין קוראַזש, עס פּאָרשקעט און זיפּצט; אָט גאַלאָפּירט עס מיט פּייף און קוויטש, באַגלייט מיט בעריש ברום. צעהוליעטע יאַטן טאַנצן אויף האַרטער ערד מיט באַטרונקענעם קוראַזש. דער עולם וואַרפּט זיך אַרויס פון געצעלט מיט זינגענדיקע פּיס, און דער אַקאָרדיאָן פרייכט, שפּרינגט אַריבער פון אַ „האָרא" אין אַ „פּאָלקע", פון אַ „מאַזורקע" אין אַ „קאַזאַטשאָק". דער חבר אין באַראַשקענעם היטעלע מיטן צעפּאָרענעם שויבער אויף אַן אויער, פלעכט אויס מיט די פלינקע פּיס אַ „קאַזאַטשאָק", ער גיט זיך אַ זעץ צו דער ערד, אַ פּאַטש מיט די דלאָניעס אויף די קניען, ער דרייט זיך פלינק אויף איין פוס, ווי אַ דריידל.

— לעבעדיק, — הייצן אונטער חברה, קלאַפּנדיק מיט פייער אין די דלאָניעס.

רינאַ וואַקסט אויס אין געדיכט אַרומגעשטעלטן קרענצל יונגעו. זי איז נישט גלייכגילטיק צום ווילד־סטעפּישן „קאַזאַטשאָק", אירע פּיס ווערן באַרוישט פון טאַנץ, אַזש די נאַזלעכער צעפליגלען זיך פון שטורעם.

אבשלום קלעפּט הינטער איר פּלייצע ווי אַ פּעך, ער רעדט אַריין איבער איר אַקסל מאַניענדיקע רייד: ער וועט מיט איר איצט אַוועק־רייטן אין די בערג, ס'איז אים ליכטיק אין האַרצן. — קום, שוועסטערקע, פון דאַנען!...

רינאַ רייסט זיך ראַפּטום אָפּ פון צונויפגעפּרעסטן קרענצל יונגעו, זי שפּרינגט אַריין ווי אַ וויכער צום טענצער אין באַראַשקע־נעם היטעלע; זי ווייזט די זעלבע קונצשטיק וואָס יענער — זי ווירבלט זיך אים אַנטקעגן, ווי אויף דער ערד וואָלט זיך געדרייט אַ הייסער ווינט; אָט הויבט זי זיך אין דער לופטן, אָט פאַלט זי אין דער נידער; אירע פּיס פלעכטן אויס האַסטיקע געדרייען, אָט גיט זי אַ קום אונטער אויף רעכטס, און דאָ ווידער אויף לינקס, אָט

שוועבט זי ווי אַ פּאַווע מיט צענומענע הענט ווי פליגל, באַלד פויזעט זי שוין נידריק צו דער ערד. אירע פלינקע פיס קלאַפּן אויס אויף דער ערד אַ ווילדן טופּען, ווי צעיאָגטע פערדלעך באַרג אַרונטער.

דער אַקאָרדיאָן פּיעשטשעט זיך מיט בייזער, פאַרפּלעכט און צעפּלעכט ניגונים, שפּילעוודיקע זמר׳ס פאַרוויגן און בלענדן ווי פאַרביקע פעכערס.

אַרום די צוויי טענצער דרייט זיך שוין אַ צעזונגענער „האָראַ״: הענט זענען געפּלאָכטן אויף אַקסלען, קעפּ הוידען זיך מיט ווינטיקע שויבערס:

באנו, באנו ארצה
לבנות ולהבנות בה — —

אַ ווינטיקער ראָד מיט צעפּלאָמטע בריסטן — און רינאַ אין מיטן. אונטער די פיס דרייט זיך די ערד מיט ווינטיקן גאַלאָפּ.

אַז רינאַ האָט אַ דערשעפּטע זיך אויסגעשפּאַנט פון דער צעהר־ליעטער קאָרוזעלע, האָט אבשלום גיך איר אַ כאַפּ געטון אין זיינע אומגעדולדיקע אָרעמס.

— לאָז אָפּ! — האָט רינאַ זיך האַסטיק אַרויסגעדרייט פון אים.

— לאָמיר גיין כאַפּן פרישע לופט אויפן פרייען פעלד — האָט ער געפיבערט.

— איך גיי נישט, — האָט זי אים אַריינגעוואָרפן אין פּנים — און ווו איז יאשא?

זי האָט אַוועקגעאײַלט צום באַלויכטענעם געצעלט, — ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעשמיסענער און געהאַט אויפן געוויסן דעם „טריק״ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן יאשאן. אבשלום האָט אים געהאַט אונטערגעטראָגן אַ היפּש ביסל משקה, געמישט אײַנס אין אַנדערן.

רינאַ האָט געטראָפן יאשאן ביז גאָר צעבאָברעט אויף אַ באַנק. דער קאָפּ איז אים געווען אָנגעלענט אויף אַן אַקסל. דער „לוקס״ האָט אײַנזאַם געהוזשעט און געגאָסן גרין ליכט אויף די אָנגעשטעלטע ליידיקע פלעשער, אויף יאשאָס צעמאַטערט־בלייכן פּנים.

— יאשא, מאַך זיך נישט נאַריש, — האָט רינאַ אים געוועקט מיט אַ האַנט — הויב זיך אויף, מיר פאָרן אַהיים!

— ווי וועט ער פאָרן אין אַזאַ מעמד? — האָט אבשלום באַקומען לשון — ער וועט דאָ דורכשלאָפן די נאַכט.

— ניין, האָט רינאַ ממש אַ געשריי געטאָן — מיר בלייבן נישט, מיר פאָרן שוין!

יאַשאַן דריקט אַן איבלדיקער קנויל, ער וויל דאָס אַרויסברענגען, אַרויסבייסן מיט די נעגל; זיינע פינגער קראַמפן אין דער לופטן, ווילן עפּעס דאָרט פּאַרדריקן, צונישט מאַכן, און דאָ אַמפּערט מען זיך אַרום אים, עס דאַכט זיך אים אַלץ אַז רינאַ איז דורכאויס שולמית — ווילט זיך אים וויינען, אויסגיסן פאַר איר זיין ביטער האַרץ: ער האָט אָפּגעטאָן, ווי אַ פּיצל קינד, נישט קיין שיינע זאַך, — מער וועט ער דאָס נישט טאָן. ער שווערט זיך ביי אַלץ וואָס איז אים הייליק, אָבער דער געוויין פאַרוואַנדלט זיך גראָד ביי אים אין אַ געלעכטער, אַ חוזק־אָפּשפּעטנדיקער געלעכטער האָט מיט אַ שלוקערץ זיך געריסן פונעם האַלדז.

רינען ווערט אַזוי אומהיימלעך שווער אויפן האַרצן. עס צע־וואַקסט זיך אין איר אַ רחמנות צו דעם תמימותדיקן גוטן בחור, און פון גרויס מיטלייד צו יאַשאַן צעשרייט זי זיך ממש אויף אבשלומען, ער זאָל תיכף אַהערפירן די מאַשין. אין איר שרייען איז געווען אַזוי־פיל עזות און געבעט אינאיינעם — שוין זאָל ער די מאַשין ברענגען! אויב ער וויל זי זאָל אים נאָר שעצן ווי אַ פריינד.

רינעס דראָונגען זענען געפאַלן אויף אבשלומ׳ס קאָפּ ווי שאַרפע בייטשן; ווי אַן אַרויסגעטריבענער פון געצעלט איז ער אַרויסגעלאָפן אין פינצטערן דרויסן, און זיך דאָרט דערזען אַזאַ נאַקעטער, הוילער.

אַז די מאַשין איז מיט געפילדער צוגעפאָרן צום געצעלט, האָבן אינעווייניק אַרומגעשמייעט בגלופנדיקע יונגען, אַ געקלאַנג פון פלע־שער־גלעזער, עפּעס איינער אַ בחורעץ הויבט אויף אַ כוס צום געזונט פון אויסגעמאַרעטן יאַשאַ, — אמר אביי — שאָקלט זיך דער בעל־הטרינקער מיטן כוס אין דער האַנט — געבענטשט זאָלן זיין די לערנער, וואָס קענען אַרונטערשווענקען אַ קווערטל י״ש, — זאָגט דער תנא: מיט גאָטס הילף, וועסטו געשמאַק איינדרימלען.

אבשלום וועקט יאשאן מיט אַ ווידערווילן — הויב זיך, שטעל זיך אויף, דו אַרבעטער־פּאַלק!

רינאַ העלפט יאשאן אַרויסקלייבן זיך פון געצעלט. איידער מען זעצט אים אַרויף אויף דער מאַשין, באַווייזט יאשא אָפּצוגעבן פון זיך די ביטערע משא וואָס שפּאַרט אים, ווי ענגע רייפן אַרום אַ פאַס.

אבשלום האָט געיאָגט די מאַשין איבער נאַכטיקע שטעגן. די הימלען זענען קלאָר און דורכזיכטיק, און אַ גרין־זילבערן שטיקל לבנה לויפט נאָך פון אויבן איבער זייערע קעפּ. אַט לויפט דאָס שטיקל לבנה אַנטקעגן זיי, אַט יאָגט עס זיך פאַרויס.

אין ווינטיקן געלאַף איז יאשא געקומען צו זיך. איינגעניורעט אין שטומען שווייגן באַגרייפט ער טאָפּל־פּיינלעך וואָס מיט אים האָט דאָ פּאַסירט. רינאַ שווייגט אויך נעבן אים און ראַנגלט זיך מיט אייגענעם שטייגנדיקן כעס און חרטה. יאשא ניכטערט זיך אַלץ מער אויס פון הינערפלעט, זיינע אויגן טרעפן זיך ווידער אָן מיט דעם שווימענדיקן שטיקל לבנה איבער זיין קאָפּ — אַט דוכט זיך אים, אַז פון דאָרטן קוקן צו אים אַרויס דאַניעס אויגן, וואָס האָבן אים געבעטן פאַרן אַרויספאָר: — „זאָלסט נישט מאַכן, יאשא, קיין לאַנגע שהיות — הערסט? איר זאָלט קומען וואָס גיכער אַהיים... — ווייַ, וויי, וואָס מיט אים איז דאָ געוואָרן? ער וויל שוין זיין אין דער היים; ער וועט זיך קלאַפּן „על חטא" פאַר שולמיתן פאַר די באַגאַנגענע עבירות, ער וועט שוין מער נישט טרינקען, ער וועט שוין מער נישט איר איבערלאָזן אַליין אין צימער.

די מאַשין איז אַ צעהיצטע אָנגעפלויגן אין דאָרף, אַריינגעוויגט זיך מיט מאַשין־געבייזער אין גרויסן הויף, און איבערגעוועקט די שטילקייט וואָס האָט געדרימלט נאָך האַלבער נאכט.

אבשלום האָט זיך כמעט מיט זיי נישט געזעגנט. — אַ ברוגזער האָט ער די ליידיקע מאַשין אַרויסגעיאָגט אויפן פרייען פעלד.

רינאַ האָט אַ צעשטרייטע זיך געלאָזט צום צימער, זי האָט אַ דריק געטאָן די קליאַמקע, די טיר האָט זיך נישט געעפנט, אירע אומרויקע פינגער האָבן נערוועז געקלאַפּט אין דער טיר און דאַניע

האָט די טיר נישט געעפנט. פאַר דער טיר איז געהאָנגען אַ געדיכטע פאַרביסענע שטילקייט. אין רינען האָט אַ ברען געטאָן אַ באַליידי־קונג, זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און ממש אָנגעהויבן לויפן צו שולמיתן. דער מוח האָט זיך ביי איר געהויבן — וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? ס'איז דאָך ביז גאָר געמיין, ער „שלאָפט" דאָך מיט אַ כיוון.

אָן אָנגעצונדענע איז זי אַריינגעלאָפן צו שולמיתן, דאָרט האָט אויסגעזען ווי אָנהויב נאַכט. מיט פאַרוויינטע אויגן האָט שולמית אַרומגעשמייעט אַרום דעם בלייכן יאשאן און זי האָט אַרויס־געגעבן פון זיך אָן אַ שיעור זיפצעלעך. רינעס פלוצימדיקער אַריינפאַל האָט יאשאן אויף דאָס ניי געפלעפט, ער האָט אָנגעשטעלט אויף איר זיין דערשטוינט־פאַרשולדיקטן פנים:

— וואָס איז געשעען?!

— שולמית, גיב אַהער די קאָלדרע! — האָט רינאַ אַרויסגע־פלאַצט — איך וועל דורכשלאָפן די נאַכט אויף דער פאָדלאָגע.

— וואָס עפּעס? — האָט שולמית אַ דערשראָקענע נישט באַגריפן אין דער רגע וואָס דאָ קומט פאָר? — זי ווייסט שוין אַליין נישט אויף וועמען אָנצוהענגען די שולד פאַר דער פאַרשטערטער נאַכט?

— „הוליאַנקעס" גלוסט זיך זיי — האָט אין איר געקאָכט, רינאַ האָט עס כשר פאַרדינט, וואָדען? — גיב נאָר אַ קוק אַ פנים פון יאשאן?

— האָט זי מיט פאַרוויינטע אויגן און שלוקערץ אין האַלדז, אויסגעלאָדן מיט גרימצאָרן פאַר רינען — אַ מת האָט שוין אַ שענערן פנים.

פון גאַנצן געבייזער און שווער האַרץ וואָס זי האָט געטראָגן אויף רינען, האָט שולמית איר דאָך נישט געלאָזט זיך אויסבעטן אויף דער פאָדלאָגע. ווי אַ פאַרשולדיקטער, וואָס קומט אָפּ זיין עונש, האָט יאשא מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט און שטומער אָפּקומעניש זיך אויסגע־לייגט אויף דער פאָדלאָגע, אונטערבעטנדיק צו קאָפּנס מאָגערע קאָל־דרעס און אַ קישעלע.

אין צימער איז פינצטער. רינאַ ליגט מיט שולמיתן אין בעטל. וואָכערהייט ראַנגלט זי זיך מיטן סוף פון דער נאַכט, זי דרייט זיך

פון איין זייט אויף דער אַנדערער און היט זיך נישט צו קוועלן שולמיתן.
איר מוח ברענט מיט אַן אַ שיעור טענות צו זיך — און צו אַלעמען.

צומאָרגנס האָט אַ רויטע זון פאַמעלעך און ווינקלדיק געצונדן שטיקער פעלדער און שפיצן בוימער. דער באַגינען האָט אַרויסגעיאָגט די האָרעפּאַשנע אַרבעטער פון די קיבוצישע הייזער, זיי האָבן באַלאָדן די אַקסלען מיט אַרבעטס־כּלים און פרימאָרגן־זון. פאַר דאַניען האָט די זון עפּעס ווייניקער געלויכטן ווי אַלעמאָל; אין האַרצן איז אים ליידיקלעך און אומעטיק, עס פרעסט אים איצט אַ חרטה פאַרן צושליסן די טיר, דער שטאָלץ פון אַ באַליידיקטן מאַן וועקט און מאָנט:
— ניין, דו וועסט זיך נישט לאָזן טרעטן אויפן קאָפּ.

נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט אין פעלד, האָט ער זיך געשלעפּט איבער די סטעזשקעס אַהיים. אין האַרצן איז אַ גערוואַנגל פון צאָרן און חרטה — ער וויל איצט דורכאויס טרעפן רינען אין צימער, ער וועט איר גאָרנישט אויסרעדן פאַר נעכטן, גראָד ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. מיט אַ כּיוון זוימט ער זיך מערער ווי אַלעמאָל איבער די פעלד־סטעזשקעס, ער וויל קומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, כּדי רינאַ זאָל שוין זיין אין צימער.

אַז ער איז אַריין אין צימער האָט די פּוסטקייט אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, רינאַ איז נישט געווען, די פּוסטקייט האָט אַלץ מער געיערט פאַר זיין פּנים. ער שטייט פאַר דעם אָפענעם פענצטער מיטן באַצוויגענעם שאָטעק־נעץ, און אַ פיינלעך שווייגן ווערגט אים אין האַלדז.

אין עס־זאָל האָט ער אויך נישט געטראָפן רינען, ס'איז פאַר אים קלאָר אַז זי געפינט זיך ביי שולמיתן. יאַשאַן זעט ער אויך נישט פאַר די אויגן — גראָד ווי דער רוח וואָלט זיי אַלעמען פאַרנומען.

דאַניע עסט גיך, אים דוכט זיך אַלץ אויס, אַז אַלע קוקן אויף אים און ווייסן וואָס מיט אים האָט דאָ פּאַסירט.

אין די אַרויסגאַנג־טירן האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין שולמיתן מיט יאַשאַן. שולמית האָט מיט אַ פרום זיפּצעלע פאַרהאַלטן דאַניען
— איך האָב דאָך שוין נישט קיין כּוח צו „אייך”. — אָט האָסטו דיר,

זיך אָנגעטראָפן, ווי אַ קאָסע אויף אַ שטיין.

יאשא שטייט אַנטקעגן דאניען ווי אַ פאַרשולדיקטער מיט אַראָפּ־געלאָזטע, אַראָפּהענגענדיקע הענט, ער שטאַמלט אויס פאַר אים אָפּגע־האַקטע ווערטער: געווען ביי דיר נאָך דער אַרבעט. געוואָלט זיך דורכשמועסן.

— אוודאי, — האָט דאניע אַוועקגעדרייט די אויגן אין אַ זייט

— איך האָב זיך פאַרשולדיקט קעגן אייך אַלעמען, איך דאַרף נאָך אַרויסצאָלן רינען, נישט אַנדערש.

דאניע שפרייזט אַוועק פון זיי מיט גיכע טריט צו זיך אין צימער, ער איז ביי דער מיינונג, אַז ער וועט איר דאָרט טרעפן, אָבער ליידער — ער האָט איר ווידער נישט געפונען.

אַ צעשטרייט און צעטראָגענער איילט ער זיך איבערן הויף

— ער מוז איר באַגעגענען, האָט אין אים געמאָנט אַ שטים — ער מוז איר איבערבעטן, פאַר יעדן פרייז... צעטראָגערנערהייט פילט ער ממש נישט, אַז זיין צערודערונג וואַרפט זיך אַלעמען אין די אויגן.

אין מיטן איילנדיקן גאַנג איבערן הויף האָט אים נאַכומאָוו פאַרהאַלטן:

— שטיי דאניע, איך דאַרף דיך האָבן, וואָס יאַגסטו זיך?

דאניע איז געווען ביז גאָר דאַנקבאַר נאַכומאָוון, וואָס ער האָט אים איצט אָפּגעשטעלט אין צעחושטן גאַנג. — מיט געצוימטער רויקייט הערט ער אויס די אָנווייזונגען וואָס נאַכומאָוו גיט אים וועגן מיסטיקן דאָס אָקאָרשט פאַראָקערטע פעלד. באַלד מיטן באַגינען זאָל ער פון מאַגאַזין מיטנעמען די כלים — אַ חבר וועט שוין דאָרט וואַרטן אויף אים מיט פערד און וואָגן.

דאניע הערט אויס מיט אָנגעכמורעטע געדיכטע ברעמען פראָ־זאַישע רייד מכוח מיסט און פערד און וואָגן, און ביי אים אויפן דנאָ פון האַרצן ברענט אויס רינאַ פייערדיקע לעכער.

* * *

רינאַ האָט געטאָן אַ נדר: זי וועט שוין מער זיך נישט אומקערן

צו דאניען. איר האָט וועט שוין קיינמאָל מער נישט באַרירן די קליאַמקע, וואָס האָט איר שמערצלעך באַליידיקט. לפנים איז זי רויק און פּאַרטיפּט אין זיך, פּונקט ווי אַלעמאָל. אַ געניט אויג וועט אָבער אויסגעפינען, אַז רינאַ אַרבעט איצט מיט מער פליים ווי תמיד; אַ זייטיק געניט אויג וועט באַמערקן, אַז רינעס אויגן לייכטן איצט מער פּאַרטייענדיק ווי פריער, אירע אויגן שפּיגלען זיך אָפטער מיט הייסן טונקעלן בלאָ, אָפטער צינדן זיך ביי איר אונטער די אויגן די פּאָר זומערשפּרענקלעך.

אין האַרצן וועבט זיך ביי איר איין פּלאַן נאָכן אַנדערן. — זי ווייסט, אַז דאניע פאַלט נישט איינמאָל כורעים פאַר איר; די חרטה־קלעפּ אין זיין ברוסט קלינגען איר פון דערווייטן אין די אויערן, אָבער זי וויל נישט פאַר קיין פאַל, אַז דאניע זאָל זיך באַווייזן פאַר אירע אויגן. אויף די צעטעלעך, וואָס ער שיקט איר אונטער מיט שולמיתן און יאשאַן ענטפערט זי נישט מיט אַ וואָרט — ער וועט זיך נישט ריינ־וואַשן פאַר איר מיט זיין קליינלעכן זשעסט — אַביסל גרויסמוט, ליבינקער, פלעגט זי ווי אַ זיגערין כמעט אויסרופן אויפן קול.

דאניע האָט איר איינמאָל אָפּגעוואָרט נאָך דער אַרבעט, ער האָט איר געפרוווט אָפּשטעלן אין מיטן גאַנג, אָבער רינאַ? — ווער, ווו? — גראָד ווי זי וואָלט אים גאָרנישט געקענט. זי האָט פאַרביי־געשפּרייזט מיט כלומרשט געשפּאַנטער רויקייט, דאָס פּנים אַ ביסל אויסגעדרייט אין אַ זייט, מיט די אויגן צום הימל. איר שטומער, דראַסטישער דורכגיין פאַר אים, האָט ווי געשריגן הילכיק: איך וויל דיך נישט קענען, טשודאַק איינער!

דאניע איז איר נאָכגעגאַנגען און געפּליסטערט מיט תחנונים — וואָרט, רינאַ, איך דאַרף מיט דיר רעדן אַ פּאָר ווערטער.

רינאַ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט, זי האָט נישט געוואָלט אויס־הערן זיין ווידוי.

וואָס אַ טאָג ווייטער האָט זי איינגעזען, אַז אין דער־אַ מערכה וועט זי זיך נישט קענען אויסלעבן, אין צימער פון שולמיתן איז זי פאַר זיי אַ באַלאַסט, זיי ליידן פון איר אָן אַ שיעור. זי וויל אויך נישט־

ווערן אַ „סענסאַציע" ביי אַזעלכע באבעס, ווי נאַכומאָווס פרוי. יענע האָט שוין נישט איינמאָל געכאַפּט אַן אָפּשניט פון רינען פאַרן נישט קענען גובר זיין אין זיך דעם יצר־הרע פון ווייבערישן נייגער. אָט שלאָגט איר פאַר שושנה, אַ צימער מיט איר אין שכנות. מילא, גיבן אַ גלי שעלמיש שושנהס טיף־פאַרטרונקענע אויגן — אין לעבן טרעפט אַלצדינג... רינען זענען דערווידער יענערס „טרייסט־ווערטער", און זי באַדאַנקט איר העפלעך פאַר דער „האַרציקער" אויפמערקזאַמקייט — זי, רינאַ, נויטיקט זיך נישט אין יענעמס הילף.

אין אַ שיינעם אָוונט דערקלערט רינאַ פאַר שולמיתן, אַז זי פאַרלאָזט דעם קיבוץ. מאָרגן טאַקע באַגינען פאָרט זי אָפּ קיין חיפה מיט דער טראַנספּאָרט־מאַשין.

שולמיתעס שטערן האָט זיך ראַפּטום פאַרצויגן מיט גאַר אַ סך קנייטשעלעך, ווי מען וואָלט פלוצים אַ שטיינדל אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. לכתחילה איז זי גאָרנישט תופס וואָס רינאַ דערציילט איר גאָר. — גאָט מײַנער! גיט זי מיטאַמאָל אַ פּלאַץ אַרויס, וואָס טוט זיך מיט דיר? שולמית הויבט אָן מיט אירע שלוקערצן און זיפצעלעך — דו וועסט זיך נישט שיידן מיט אונדז, איז זי ממש אַרויס מיט אַ געוויין. אָט שפּירט שולמית ווי דער באָדן אַנטרינט איר פון אונטער די פיס. פאַר עגמת־נפש קנאַקט זי אַזש מיט די פינגער־ שלעסער. ד׳ ווייסט שוין אַליין נישט וואָס עס טוט זיך מיט איר.

און רינאַ מיינט דאָס דווקא ערנסט:

זי פּאַקט איין איר וואַליזע רויק און קאָנצענטרירט — אָבער אונטער איר כלומרשט פאַרעקשנטער רויקייט ברויזט אַ טיפער שטורעם.

שולמית טרעט נישט אָפּ פון איר, זי איבערצייגט איר מיט לאָגיק און מיט באַטעמטע זיפצעלעך, אַז זי דאַרף זיך אַרויסשלאָגן דעם נאַרישן געדאַנק פון קאָפּ, זאָל זי ליבערש שלום מאַכן מיט דאַניען.

רינאַ האַלט זיך אָבער פעסט ביי דאָס איריקע — איר באַשלוס איז נישט צו ענדערן!

רינאַ האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אויף אַ ווײַלע אין סעקרעטעריאַט

צו פֿאַרענדיקן אירע ענינים אויף אַרויסצופֿאָרן קיין חיפה. שולמית האָט אויף גיך אַרויסגעשיקט יאשאן, ער זאָל אַ לויף טאָן צו דאַניען און אים אָנזוונקען וועגן רינעס שריט.

יאשא האָט געטראָפֿן דאַניען זיצן ביים טישל שרייבן אַ בריוו. דאַניע האָט אויפגעהויבן די געדיכטע ברעמען צו אים און זיך דער־פֿילט פֿאַר יאשאן אַ טראָפּעלע געפֿאַלן: — איך בין געוואָרן לעצטנס אַ בריוול־שרייבער, אַיאַ.

יאשא האָט דאַניעס „לעצטנס" זייער גוט פֿאַרדייט, נאָר ווי נעמט ער דעם כוח צו ווערן אַ גזלן און אים אָנזאָגן אַזאַ טייערע בשורה ?, מילא, האָט ער מיט מאַטערניש אַרויסגעשטאַמלט — אַמאָל קומט אויך אַזאַ צייט.

דאַניען איז נישט צום האַרצן אַזעלכע טרייסט־ווערטער, האָט ער ווידער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ צום בויגעלע פּאַפּיר, נישט זייענדיק תופס וואָס יאשא דרייט אים דאָ אַ קאָפּ — בע, מע, עס קלעפּט זיך נישט איין וואָרט צום אַנדערן.

יאשא האָט אים בשום אופן נישט געקענט מיטטיילן וועגן רינעס פּליטה.

אַז שולמית האָט ווידער דערזען פֿאַר זיך יאשאן, איז זי אים מקבל פּנים געווען מיט אַ נו ?

שטייט ער פֿאַר איר ווי אַ פֿאַרשולדיקטער מיט אַראָפּגעהאָנגענע הענט און שטאַמלט אויס — נו, יאָ, איך האָב אים נישט געקענט מצער זיין...

שולמית איז געפּלעפֿט און איבעראַשט פֿון אירע דורכפֿאַלן און וווּנטשן. אָט שאָקלט זי מיטן קאָפּ אויף איר יאשאן און באַשענקט אים מיט אָן אַ שיעור זיפֿצעלעך — נו, שיק אַ „חכם" אויפֿן מאַרק. זי האָט שוין בדעה געהאַט אַליין אַ שפּרונג טאָן צו דאַניען, אָבער רינעס אַריינפֿאַל אין צימער האָט צעשטערט איר פּלאַן.

אין דערפֿרי האָט דאַניע זיך געאײַלט צו דער אַרבעט ווי אַלעמאָל. אין עס־זאָל האָט ער זיך מיט קיינעם נישט געטראָפֿן פֿון זיינע באַענטע. ער איז שוין געוווינט צו דעם. גייענדיק צו די אויבס־

סעדער, דורך די פעלדער, קומען אים אַנטקעגן באַבלעטערטע בייטן פון כל־ערליי ירקות, זיי וויקלען זיך באַרג־אַראָפּ אין פאַרשידענע גרינע קאָלירן, אין לעבעדיקע פאַרביקע טעפּיכער. פון ווייטן ליכטיקט דער כנרת — אַ ים פון בלאָ. — און דיינע בלאָע אויגן זע איך ווידער נישט, רינאַ.... — רעדט דאַניע אַרויס אויפן קול.

דאַניע אַרבעט ביי די אויבס־ביימער, גראָבט אַרום בהרחבהדיקע טעלער אַרום די שטאַמען, ער קאַלכט זיי אַרום כדי צו פאַרהיטן פון שעדלעכע אינזעקטן. אַ מאָטאָר טרייבט שטראָמען וואַסער פון טיפן ברונעם, דאָס וואַסער גיסט זיך דורך בעטאָנענע רינוועס — גלייך אין די אַרומגעגראָבענע טעלער. אַלייען מיט צעשויבערטע באַנאַנע־בוימער וואַרטן אָנצוטרינקען זיך מיט וואַסער, זיי זאָלן האָבן כוח צו טראָגן די שווערע מנורות גרינע באַנאַנעס. אָט אין דער אַרבעט שפּירט ער נישט ווי די שעהען לויפן גיך.

אין די נאָכמיטאָג שעהען איז נאַכומאָוו געקומען וויזיטירן די גערטנער. ער איז געווען צעטראָגן און אויפגערעגט אויף רינען צוליב איר אָפּטראָגן זיך קיין חיפה, מיר נישט, דיר־נישט, פאַרמאָגט נישט קיין טראָפּעלע אחריות פאַרן קיבוץ — ער מוז זיך דאָ טרעפן מיט דאַניען און אים אויסרעדן פאַר אַזאַ פירעכץ (פונקט ווי דאַניע וואָלט דאָ באמת געהאַט אַ שליטה אויף איר?). נאַכומאָוו שטייט צווישן די בייטן ירקות, אים באַקומט נישט היינטיקן טאָג די פרייד פון קיבוצישער פּראַצע, אָט באַטאַפּט ער די קאַלאַפּיאָרן, באַגריסט די באַרדאָ־טונקעלע בוראַק־בלעטער, אָט איז ער שוין פאַר די פרישע קרויט־קעפּעלעך, אָבער ער וויל זיך דורכאויס טרעפן מיט דאַניען און רעדט צו זיך פאַר אויפרעגונג: גאָט פאַרט די מענטשן — פון איינעם האָט מען נחת — פון אַנדערן קדחת...

נאַכומאָוו האָט אַ דריי געטאָן ערגעץ אונטן ביי די רערן, — און עס האָט זיך באַלד צעשפּילט אַ קינסטלעכער רעגן. איבער צעבליטע גאָרטנס דרייען און פאָכען זיך רעגן־שירעמס; עס שפּריצט און שמייסט לענג אויס, אין דער ברייט, רונד אַרום, אַראָפּ און אַרויף — אַ וואַל פון רעגן פייפט און רעשט איבער ברייט־באַגרינטע שטחים. — עס

טובלען זיך אין שמעקנדיקן וואַסער בלעטער און פלאַנצונגען.

נאָך דעם ווי די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן אין די בערג האָט נאַכומאָוו אויפן צוריקוועג געטראָפן דאַניען.

— יאָ, איך האָב מיט דיר געוואָלט רעדן, דאַניע — וואָס איז דאָ מיט איינמאָל געשען? ביסט גאָרניש קיין באַלעבאָס אויף איר, אויף רינען, האָ?

— למשל, — האָט דאַניע תמימותדיק זיך נישט געמאַכט פאַרשטיין זיין מוסר.

— אוודאי, ווי לאָזטו איר באַלד פון באַגינען זיך אָפּטראָגן קיין חיפה?

דאַניע האָט אין דער רגע באַגריפן אַ געשעעניש, וואָס ער האָט זיך אויף איר געריכט כמעט יעדן טאָג. און דאָך האָט ער ביי די לעצטע ווערטער וואָס נאַכומאָוו האָט אים אָנגעזאָגט, דערשפּירט, ווי אַ טירעלע האָט ביי אים אין האַרצן אַזוי שמערצלעך פאַרקלעמט — ביז בלוט. ער וויל אָבער נישט ווייזן פאַר נאַכומאָוון אַז רינעס אַנטלויפן האָט אים ממש פריטשמעליעט, און אַז ער ווייסט צומאָל נישט פון דעם איינגאַנצן, זאָגט ער צו אים, לפנים, קאַלטבלוטיק, און אין האַרצן קלעמט אין־לשערדיק:

— קליגער מאַכן די ווייבער וועט שוין קיינער נישט — אפילו שלמה המלך אויך נישט.

.5

ווען רינאָ איז אָנגעקומען אין חיפה האָט זי זיך באַלד דערפילט אָפּגעפרישט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די צוימען וואָס זי האָט בידינגן געטראָגן אין קיבוץ. איצט האָט זי דערפילט אַ מידקייט, מיד איז אויך געווען צעלייגט דער ים פון נאַכטישן שטורעמען, איצט בלויט דער ים ריזעדיק גרויס. רינאָ זעט פאַר זיך די פעדים וואָס האָבן איר געבונדן אין אַ פריינדלעכער חברותא — די פעדים זענען צעריסן.

רינאַ וויל זיך איצט נישט אָפּגעבן קיין חשבון וואָס די צ ע ש י י ד ו נ ג וועט איר ברענגען. איר איצטיק קומען קיין חיפה איז פאַר איר נישט קיין ציל, דאָ וועט זי נישט פאַרבלייבן. עס לאָקט איר פון דער־ווייטן תל־אביב, די מעטראָפּאָליע פון פולסירנדיקן ישוב. די גרוסן וואָס גרושקען פלעגט פאַר איר שיקן דורך די בריוו צו דאַניען, און וואָס זי פלעגט נישט לייגן קיין אַכט אויף דעם, האָבן איצט עפּעס באַקומען גאָר אַן אַנדערן ווערט. גרושקינס גרוסן ווינקען איצט פאַר איר אַזוי באַדייטונגספול און אפילו מיט אינטערעס.

רינאַ האָט זיך געלאָזט צום וואָגזאַל, שלעפּנדיק אַ היפּש שווערע וואַליזע, — אין אַ האַלבע שעה אַרום גייט אָפּ אַ צוג קיין תל־אביב. דאָס איז איר ערשטע רייזע מיט דער אייזנבאַן אין לאַנד. אַן אַראַבישער קאָנדוקטאָר מיט אַ רויטער פעסקע אויפן קאָפּ שפּרייזט לענג־אויס די שורה וואַגאָנעס און קלינגט מיט אַ מעשענעם גלאָק. אַט גאָרגלט פון זיך אַרויס אַ לאָקאָמאָטיוו מיט אַ פאַרטויבנדיקן רעש, וואָלקנס שוואַרץ־געדיכטן רויך, און דאָס פאַרשטעלט מיט שוואַרצער ביטערניש דעם בלאָ־זוניקן אוויר. עס שניידט זיך דורך מיט אימפּעט אַ פאַרשטיקט־פאַרטויבנדיקער פּייף — און באַלד נאָך דעם אַ קלינגענדיקער טרייסל פון די שטאָלענע בופערן.

פאַר רינעס אויגן הויבן זיך אָן צו באַוועגן, דורך די אָפענע פענצטער, שורות וואַגאָנעס, שווימענדיקע מענטשן — שטייענדיק אויף איין אָרט. עס הויבט אָן האַסטיקער צו שווינדלען און לויפן, רעלסן קרייצן און פלעכטן זיך איינס אין אַנדערן. דער צוג יאָגט זיך שוין איבער אָפענע פעלדער מיט ריטמישן רעדער געקלאַפּ.

אַז רינאַ האָט אָפּגעריסן די אויגן פון דער לויפנדיקער לאַנדשאַפט, האָט זי פאַר זיך דערזען זיצן אויף די בענק אַ געמיש פון מענטשן. משפחות מיט קינדער טומלען, קוויקן זיך מיט צובייסעכץ און פרוכטן. זי קען דאָ נישט קיינעם, און קיינער קען איר אויך נישט. אַט דערגייט צו אירע נאָזלעכער אַ ריח פון קימל און האַרבע קרייטעכצער, נישט ווייט פון איר זיצן אַראַבער מיט פאַרלייגטע פיס אויפן מיזרחדיקן שטייגער, זיי עסן זייער פרישטיק, טונקען מיושבדיק

און מיט שטילן ערנסט די ווייכע פיטע אין קימל און פֿאַרבייסן מיט גרינעם פעפערל. אויף יעדער סטאַציע שיטן זיך אַרויס פון די וואַגאָנעס טומלדיקע פעלאַכן, און עס שטופן זיך באַלד אַריין מיט נאָך גרעסערן טומל כאַפּטעס אַנדערע אַראַבער, פעלאַכן מיט קולות כאָרכלדיקע, פּנימער אָפּגעברענטע פון זון און ווינט, זיי ברענגען מיט אין וואַגאָן האַרבע ריחות פון פעלדער און בהמות. דער צוג שטעלט זיך אָפּ אויף יידישע סטאַציעס, נעמט אויף אָפּגעברענטע יונגען און מיידן. דער וואַגאָן ווערט פול מיט געלעכטער און גאַרמאָשקע־שפּיל, די רעדער קלאַפּן און יאָגן ווי אַ צוגאָב צום פּאַסאַזשיר־טומל.

רינעס מחשבות טראָגן זיך ווייט אַריבער די לויפנדיקע פעלדער. פֿאַר אירע אויגן, די גרין־שווינדלדיקע בייטן, וואָס וויקלען זיך פונאַנדער אין גרינע זאַפּטיקע פעכערס. זי שטעלט זיך פֿאַר מאָמענטן אין איר איצטיקן איינזאַמען צעריסענעם לעבן. — תל־אביב, גרושקין. דאָס פֿאַלן עמעצן צו לאַסט האָט איר ביז גאָר געערגעט. — ניין, — האָט אין איר געריידט אַ זיכערקייט — זי וועט נישט זיין אָפּהענגיק פֿון קיינעם, מיט אירע הענט וועט זי אין ערגעץ נישט פֿאַרלוירן גיין. רעדער קלאַפּן, שפּילן צו מיט וויגנדיקן טאַקט צו אירע לויפנדיקע מחשבות.

הינטער רינעס פּלייצע פּיבערט אַ פלינקע גאַרמאָשקע־שפּיל, שפּילט אויס איין מעלאָדיע אין דער אַנדערער — יונגע שטימעס פלעכטן זיך אין דעם אַריין:

עוד לא אכלנו,
עוד לא שתינו —
יבש לנו בגרון.
הבו לנו משקה,
מיט אַ ביסל קאַשקע...

רעדער קלאַפּן אָן אויפהער, אַקאָמפּאַנירן צום טאַקט פון דער צעזונגענער חברה.

* * *

תל־אביב אין די פאַרמיטאָג שעהען. רינאַ לאָזט זיך פון הילצערנעם נידעריקן וואָגזאַל איבער צעצויגענע פלאַכע גאַסן און נידעריקע הייזקעס. די גאַסן ווי זיי וואָלטן קיין כוח נישט געהאַט זיך אויפצוהויבן העכער פון די הייסע זאַמדן. הייזער באַקן זיך אין חמסין־היץ און מענטשן שלייערן זיך אין ווייסער הלבשה. אַ ווייסע היץ, אַ מעטאַלענע, גליט פון די ווענט, פונעם בעטאָנענעם ברוק אונטער רינעס טריט. אַ בלאָ־ווייסע בלענדעניש, אַ היציקע חמימה שמעלצט אויף דער אַריינגעפאָרענער אורחטע. — זי קומט נישט צו קיינעם און קיינער וואַרט איר נישט אָפּ איבער די אומבאַקאַנטע, פאַר איר, גאַסן. אַ ווײַלע פאַרהאַלט זי זיך אונטער אַ שאָטנדיק דעכל, שטעלט אַוועק די שווער געוואָרענע וואַליזע, פאַריכט זיך דאָס ווייס־פאַרבונדענע טיכל אויפן קאָפּ. פאַרביישלייכנדיקע מענטשן מיט זון־פאַרבאַקענע פנימער פאַרהאַלטן זיך אונטערן דעכל און לעשן דעם דאָרשט מיט זויער־זיסער קאַלטער משקה, וואָס איינער צאַפּט אין גלעזער מיט רעש און סיקען, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו וואָלט זיך פאַרגאַנגען אין פּאַרע. אין רינען צעוואַקסט זיך ביסלעכווייז אַ שותפות מיט די אומבאַקאַנטע דאָרשטיקע מענטשן. די פריערדיקע פרעמדקייט פאַרוואַנדלט זיך גראָד אין משפּחהדיקייט. אָט די מענטשן ווערן איר אייגן ביים לעשן דעם הייסן דאָרשט.

רינאַ האָט זיך געלאָזט אין דער אַרבעטער־קיך. — מעגלעך זי וועט זיך דאָרט דערפרעגן אויף גרושקינען. אָט שוועבט שוין פאַר אירע אויגן זיין קרענקלעך־טונקל פּנים, און דאָס מויל שיט פון זיך בייסיקע רייד. זי דערמאָנט זיך אַז אַ שטיקל ברוגז האָט זיך צווישן זיי אָפּגעשפּילט ערב איר אָפּפאָר אין קיבוץ. — טאָ וואָסער טעם איז זיך איצט צו טרעפן מיט גרושקינען? — האָט אין איר גערעדט אַ שטים. אין דעם ווידערווילן זיך צו באַגעגענען מיטן קרענקלעך־איראָניזירנדיקן דיכטער, האָט זיך גראָד ביי איר געצייטיקט אַ געפיל, אַז אָט דער גרושקין וויל זיך דווקא טרעפן מיט איר, און ער וועט איר אויך העלפן מיט וואָס ער קען. זי מוז אים

אויפזוכן, און נישט בלאַנדזשען אין דער ווייסער זון־צעגליטער שטאָט.

רינאַ האָט זיך דערפרעגט צו דער אַרבעטער־קיך. אינעווייניק ביי לאַנגע טישן זענען געזעסן זון־פאַרבאַקענע בוי־אַרבעטער, אין אויסגעריסטע טריקאָ־העמדלעך אויף בראַנדזענע, נאַקעטע לייבער; זיי האָבן אַפּעטיטלעך געליידיקט דאָס געקעכץ פון די טעלער. רינאַ האָט זיך דערזען ביים טיש היימיש מיט די פאַרהאַרעוועטע חברה. פון אירע אויגן האָט זיך געטראָגן אַ בלאָע וואַרעמקייט, אַ ליכטיקע בלויקייט האָט אָפּגעשלאָגן אין אַלעמענס טעלערס. און טייַלמאָל האָט זיך זיי אויסגעדוכטן ווי אַ קאַלירטער רעגנבויגן וואָלט אַ שיין געטאָן פאַר זייערע אויגן.

רינאַ האָט געגעסן אַ קאַלירטן סאַלאַט, וואָס אַ שטאַרק צע־פלאַמטע קעלנערין האָט איר צוגעטראָגן. זי האָט געגעסן דעם מיטאָג, דערשפּירנדיק אין זיך שטאַרק דעם הונגער.

אַנטקעגן איר אין אַ ווינקל האָט אַ משונהדיקער יונגערמאַן, מיט אַ שטאַרק באַוואַקסענעם קאָפּ געקרייזלטע האָר, אַרויסגעלייענט מיט הונגער און התמדה פון אַ פּאַק צייטונגען און זשורנאַלן. די טיף ווילדע אויגן אין פּנים זענען גיך געלאָפן איבער די אותיות. ער האָט געלייענט האַסטיק אויפן קול מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, פאַר־פּלאָנטערטע פילאָזאָפישע געדאַנקען. די עסערס ביים טיש זענען געווען פאַרטיפט בעסער אין דער אכילה, איידער אין „גייסטיקן שפּייז” פון מטורף. רינאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן פון טעלער, טשעקאַווע געווען פון וואַנען טראָגט זיך מיט אימפּעט אַזאַ שטראָם מיט רייד? — אויפהייבנדיק די אויגן דערזעט זי מיטאַמאָל אַריינקומען גרושקינען.

גרושקין איז געבליבן שטיין אין דער טיר־עפענונג, זיינע ברוינע אויגן זענען געלאָפן איבער די קעפּ פון די עסערס, ווי איינער וואָס זוכט געשעפטמעסיק אַ פאַראינטערעסירטן מענטשן. גרושקינס אויגן האָבן געשנישטערט און פונאַנדערגענומען איין פּנים פון אַנדערן, — און פּלוצים... פאַר גרויס איבעראַשונג האָבן זיינע בליקן זיך אַ פאַר־טשעפּעט געטאָן אין רינעס פּנים. עס האָט אים באַלד געגעבן ווי מיט אַ האַמער אַ טיאַכטקע אין האַרצן. אין דער־אַ רגע האָט אין אים

אַ טראַג געטאָן אַ שטורעם, אַט הויבט אים אַ פרייד, אַט זינקט ער אין אַ תהום. ער שטייט ווי צעטומלט אויף איין אָרט, אַט גיט ער אַ נישט געראָטענעם הויב מיט דער האַנט אין דער לופטן, ווי ער וואָלט אויסגערופן: שלום, רינאַ! און פאַר איבעראַשונג און צעטומלעניש האָט זיין פנים געצוקט און ביטער געשמייכלט.

רינאַ האָט אים אָן שהיות פאַרבעטן צום טיש, גראָד ווי זי וואָלט דאָ געווען אַ תושבטע, נישט ווי אַן אַקאָרשט געקומענע פון אַ וויטן וועג.

גרושקינס פנים האָט זיך געמיניעט אין פאַרשידענע גרימאַסן, ער האָט זיך האַמעטנע אַוועקגעזעצטביים טיש און אַ זאָג געטאָן דעם באַקאַנטן זאָג: „אין אורח מכניס אורח". — ער האָט געוואָלט נאָך עפעס זאָגן, אָבער ער איז געבליבן זיצן קאָנצענטרירט אין אַ שטומער שווייגעניש, ווי אַ שווער געוויכט וואָלט זיך אָנגעהאָנגען אויף זיין צונג.

— ווי גייט עס, גרושקין? — האָט רינאַ אים געפּרוווט אַרויספירן פון זיין פאַרלעגנהייט.

— אַט, ווייס־איך־וואָס? — האָט זיך ביי אים אָפּגעריסן פון פאַרשטומטן קעל — מען „פּאַטשקעט" אין דער צייטונג.

רינען האָט שטאַרק געאַרט דער אופן פון גרושקינס רעדן.

גרושקין ווידער איז נאָך אַלץ אונטערן רושם פון רינעס פּלוצימדיקן קומען אין תּל־אביב. לפנים צוימט ער אין זיך די איבעראַשונג, און מעשה עקשן פאַרשטעלט ער אין זיך דעם נייגער און פרעגט איר גאָרנישט וועגן די סיבות, פאַרוואָס זי איז אַהער געקומען. ער זעט דאָך, אַז רינאַ אַליין טוט זיך אויף אָן אַ כוח און מערקט נישט אָן קיין שום וואָרט וועגן דעם אַלעמען. —

אין די פאָר מינוט וואָס ער זיצט מיט רינען ביים עס־טיש האָט זיין פאַרגליווערטע שטומקייט אָנגעהויבן וויכער ווערן, ביסלעכווייז ווערט ער באַרעדעוודיק. פון דאַניען, ווייסט ער, האָט ער באַדאַרפט קריגן אָן ענטפער אויף זיינעם אַ בריוו, זאָל עס רינאַ איצט זיין דער ע נ ט פ ע ר אויף זיין שרייבן?

— איז וואָסזשע הערט מען, גרושקין? — האָט זי אים ווידער אויפגעוועקט פון זיין צעשטרייטן נאָכקלערן. וואָס זאָל ער איר ענטפערן אויף אירע שאַבלאָנע פּראַגעס? — אוודאי האָט ער איר אַ סך צו זאָגן וועגן זיין אייגענעם „איך". וואָס וועט ער איר איצט דערציילן וועגן זיין קוק אויפן היינטיקן לעבן? ער, גרושקין, מוז מיטשפּילן אין דער קאַפּעליע, נישט פאַרטראַגנדיק צומאָל די דיריגענטן. רינאַ האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש, זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אין אָנגעהייצטן זוניקן דרויסן. גרושקין האָט מעשה דזשענטלמען אַרויסגענומען בגוואַלד פון איר האַנט דעם וואַגיקן טשעמאָדאַן. זיין קומען אַהער אין דער אַרבעטער־קיך — זאָגט ער איר — איז מחמת פּרנסה, עלעהיי ווי אַ הונט וואָס לויפט אין יאַטקע נאָך ביינער. ער קומט דאָ אַלע טאָג אויפכאַפּן קוריאָזן, סענסאַציעס פאַר זיין צייטונגס־רעפּאָרטאַזש. ער אַליין עסט נישט דאָ, זיין אָרט איז אין דער וועגעטאַריאַנישער קיך.

רינעס אויגן האָבן זיך צעשמייכלט, די וועגעטאַריאַנער — טראַכט זי — זענען געגליכן צו מלאכים, אַליין זענען זיי ריין פון זינד, און זענען גורם, אַז אַנדערע זאָלן זינדיקן. זי האָט זיך מיטאַמאָל צו אים אַ ווענד געטאָן צום עיקר:

— איך בין געקומען, גרושקין, אין תל־אביב ווערן אַ פּראָלעטאַריערין.

דערהערנדיק רינעס „אַנטפּלעקונג" איז אויף גרושקינס קרענקלעך פּנים אַדורך אַ ממזר־שמייכעלע, תל־אביב — גיט ער איר צו מוט — איז אַ ריזן שיסל, ס'וועט קלעקן פאַר נאָך איינעם.

— אָבער פאַר מיר שטייט איצט אַ פּראָבלעם פון אַ צימער — האָט רינאַ זיך נישט געמאַכט הערן גרושקינס איראָניע.

— ששש, האָט גרושקין זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַנג, אָוועקשטעלנדיק דעם טשעמאָדאַן פאַר די פיס — דאָס פּראָבלעם איז, דוכט מיר, פאַרענטפערט. — מיינס אַ באַקאַנטע זוכט אַ שותּפטע צו איר צימער.

פאַר גרושקינען ווערט קלאָר אין דער רגע, אַז ער קען נישט

א. ריוועס

אַוועקלאָזן פֿון זיך רינען כל־זמן ער געפֿינט נישט פֿאַר איר אַ דאַך איבערן קאָפּ. ער שפּאַנט מיט איר איבער די גאַסן מיט אַ זיכערקייט פֿון אַ תּושב, און ער ווייזט אַרויס פֿאַר איר איבערגעטריבענע גבֿורה ביים שלעפּן דעם טשעמאָדאַן, ער וויל זיך נישט איינהערן צו די פּראָטעסטן פֿון רינען, וואָס רייסט אים די משׂא פֿון די הענט אַרויס. — עט, ס׳איז נאַרישקייטן, — דרייט ער זיך פֿון אירע הענט אַרויס — ס׳איז לייכט ווי אַ פֿעדער. מיט יעדן טראָט ווייטער קריגט ער מער לשון. דער פֿריערדיקער שתקן האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ גאַנצן פּלוידערער. ער פּלאַפּלט און היפּערט פֿון איין גערייד אויפֿן אַנדערן, און ער אליין שפּירט גאָרנישט לכתּחילה, אַז אינעווייניק ביי אים, פֿון געהיימע האַרץ־באַהעלטענישן, טויכט אויף אַן אָנגרייפֿנדיקער אומרו. זייטיק הויבט ער אָן וואַרפֿן אויף רינען גנבֿישע בליקן, די אויגן צעשפּילן זיך מיט ברענענדיקן הונגער, און אַן אויסבאַהאַלטענע שטימע רעדט צו אים פֿון די באַהעלטענישן: צום טייוול, זי איז שיין ווי אַלדי רוחות. ער באַמיט זיך כּלומרשט זיך נישט אָנצוטרעפֿן מיט איר פּנים, נישט באַגעגענען זיך מיטן פֿלאַם פֿון אירע בלאָע אויגן. מיט דער גאַנצער האַרבקייט וויקלט זיך ביי אים פֿונאַנדער די בענקשאַפֿט וואָס ער האָט געטראָגן פֿאַר דעם „טייוול“. די בענקשאַפֿט האָט ער פֿון לאַנג שוין צו קבֿורה געבראַכט אין טעג פֿון אומענדלעכן צער.

גרושקין האָט געפֿירט רינען צו זיינער אַ באַקאַנטער. טאַמאַראַ, אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ שפּיטאָל. זיי האָבן געשפּרייזט איבער שווער געלע זאַמדן, פֿאַרקליבן זיך ערגעץ אין אַ זייטן־גאַס, אַריין אין אַ הויף און זיך געהויבן אויף טרעפּ ביז אויבן אויף אַ פֿלאַכן דאַך. פֿון אַ טיר איז צו זיי אַנטקעגן געקומען אַ מיידל מיט אַ קאָפּ שוואַרץ־געקרויזטע האָר, ווי ביי אַ שעפּס. אירע ברוינע און לענגלעכע אויגן האָבן אויפֿגענומען די געסט מיט תּמימות און גוטסקייט; אירע אויגן האָבן זיך נאָך מער צעלויכטן און גרעסער געוואָרן, ווען זי האָט זיך אין די רייד דערוווּסט, אַז דער מיטגעבראַכטער גאַסט בלייבט וווינען מיט איר אונטער איין דאַך. — פֿאַר מיר איז פֿולשטענדיק גענוג

גרושקינס רעקאָמענדאַציע, — האָט זי מיט אַ וואַרעמען פלעמל אין די אויגן געמאַכט גרושקינען אַ קאָמפּלימענט.

גרושקינס פּנים האָט זיך מאָדנע געקרימט מיט אומגעראָטענע שמייכלען, ווי נישט פאַרטראָגנדיק טאַמאַרעס אָפענעם לויב. (און גרושקין האָט דאָס גראָד יאָ געוואָלט הערן). טאַמאַראַ מיט רינען האָבן זיך צערעדט ווי צוויי צוקונפטיקע חברטעס, און אין דעם דאָזיקן שמועס האָט זיך גרושקין נישט געקענט אַריינפלעכטן, שטייט ער ביים אָפענעם פענצטער, בלאָנדזשענדיק פאַרווירט מיט די אויגן אין דרויסן, אַ הויכער עקאַליפּטוס־בוים, צעוואַקסן און צעשויבערט, וויגט זיך אין די בלאָע הויכן, ווייסע טויבן הוידען זיך מיט אויף די גרין־באַבלעטערטע צווייגן.

וויגן, הוידען זיך —

פאַלן נישט אַרונטער —

האָט גרושקין שוין געהאַט אַ פאַרטיקן פערז.

— און מיר געפעלט דווקא דער צימער — האָט רינאַ פאַר התפעלות זיך געגעבן אַ שטיפערישן דריי אין מיטן צימער מיט צענומענע הענט, ווי פליגל, — פון ווייטן בלויט אַזאַ ריזיקער ים, ווי מיר וואָלטן זיך געשיפט אויף וואַסערן.

אין גרושקינען יערט אַלץ מער דער אומרו. דעם טאָג האָט ער שוין צעפטרט, אין רעדאַקציע וועט ער שוין הייגט נישט גיין. ער זעט זיך איצט איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן — און ער וועט דאָס שוין דערשלעפּן ביזן סוף.

טאַמאַראַ איז באַפריינדעט מיטן סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אַ חבר אין דער פּאַרטיי. זיי וועלן זיך איצט זאַלבע דריט אָוועקלאָזן אין ביוראָ. — יענער וועט שוין באַזאָרגן פאַר רינען אַן אַרבעטס־פּלאַץ.

אַ רויטע זון זעצט זיך אין גרינעם טונקעלן ים. אונטן איז שוין די גאַס געשלייערט מיט ערב־נאַכט.

אין די באַלויכטענע קאָרידאָרן פון „הסתדרות" ווימלט מיט

אַרבעטער און אַרבעטערינס. מיט אומגעדולד וואַרט מען פאַר די צוגע־מאַכטע טירן פון פּראָפעסיאָנעלע אַמטן, ווו סעקרעטאַרן נעמען דאָרט אויף נאָך דער ריי. די שטיינערנע טרעפּ פון „הסתדרות״ רוען נישט, זיי טראָגן אויף זיך אַן אויפהער מידע פיס אין שווערע אַרבעטס־שיך, וואָס קלעטערן גאַנצענע טעג אויף רושטאָוואַניעס; זיי טראָגן אויף זיך אויסגעהאָרעוועטע פרויען־פּיס אין אָפּגעטראָגענע טופלעס. — די טרעפּ זענען אויסגעטרעטן און אָפּגעריבן דורך טריט האַרב־וואָכעדיקע, אומ־דערמידלעכע צו דערגרייכן דאָס גליק פון ברויט און לעבן.

פאַר אַ טיר פון טעקסטיל־פאַריין וואַרט רינאַ מיט אירע באַגלייטער. זיי וואַרטן אומגעדולדיק, אַ יעדע רגע איז אַן אייביקייט. מער פון אַלעמען עסט זיך אויף גרושקין. רינאַ איז דווקא פאַר אים אַן אָנגע־נעמע אָנשיקעניש, אָבער ער וויל שוין עס זאָל נעמען צו דעם אַ סוף.

די מינוטן וואָס רינאַ שטייט הינטער דער טיר זענען געשפּאַנט מיט פאַרנעפּלטע דערוואַרטונגען, אַלץ איז פאַר איר פאַרשלייערט ווי פון הינטער אַ צוגעמאַכטער קאָרט. טאָמאַרעס אויגן שמייכלען צו איר ברייטע, מיט אומבאַגרענעצטער טריישאַפט. ווען איין מענטש העלפט נישט אַרויס דעם אַנדערן — זאָגט זי איר — האָט דאָך די וועלט קיין ווערט נישט. און אַט אַזוי רעדנדיק האָט זיך אַן עפן געטאָן די טיר, און אַלע דריי אײנאײנעם שטופּן זיך אַריין אינעווייניק און קלאַפּן זיך שיעור נישט אָפּ אין אַן אַרויספאַלנדיקן אַרבעטער, ברומענדיק אומצופרידן מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט.

דער סעקרעטאַר, אַ שטיק קוועקזילבער, אַ טונקל נעגער־פּנים מיט געדיכטע קרייזלעך אויפן קאָפּ־שיידל, ווי אַן אַרויפגעצויגן קאַראַקו־לעכל, שטראַלט מיט אויפגעוואַכטער שמחה צו די אַריינגעקומענע געסט. די שמייכלעך פליען איבערן פּנים, איינס איבעריאָגנדיק דאָס אַנדערע. די פּיבערדיקע אויגן ווייסן נישט פריער מיט וועמען זיך צו זעטיקן: — אַט וויל ער זאָגן גרושקינען אַ שבח פאַרן ליד וואָס ער האָט געלייענט אין דער פרייטיקדיקער צייטונג, טאָמאַרען איז ער שוין שולדיק פון לאַנג אַ הויפן קאָמפּלימענטן, ער הויבט זיך אַזש אונטער און צאַפּלט אויף איין בענקל. די שמייכלעך אויפן פּנים

יאָגן איינס דאָס אַנדערע, פאַרלויפן הינטן אַרום און קלעפּן זיך אָן אין רינעס אומגעדולדיק, קאָנצענטרירט־צעשטרייטן פּנים. און אַז ער דערוויסט זיך די סיבה פון זייער איצטיקן וויזיט, הויבט ער אָן עפענען שופלאָדלעך אין זיין שרייב־טיש, פאַרמאַכט צוריק שופלאָדלעך, האַסטיק און מיט ברען. — ער זוכט פּאַפּירן און פּאַפּירלעך. זיין פען יאָגט זיך איבער פּאַפּיר־בלאַנקעטן, כאַפּט אין צווישן דאָס טעלעפאָן־טרייבל — ער רעדט דאָרט אַריין ווי אַ געוועלטיקער, אָפּגעהאַקט און טרוקן.

רינען דערלאַנג ער אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט מיט אַ וואַזשנער חשיבות, עס וועט זיין „בסדר" — זאָגט ער איר — מאָרגן אין דערפרי זאָל זי זיך מעלדן אין פאַבריק. מען וועט איר מסדר זיין פּאַר אַ „שפולערין" — דעם בריוו זאָל זי איבערגעבן דער חברטע „געניע".

* * *

די ערשטע טעג וואָס רינאַ אַרבעט אין פאַבריק, זי זעט זיך ווי אַ מעכאַנישער טייל צווישן הוזשענדיקע רעדער און טראַנסמיסעס. אירע חושים און געדאַנקען זענען נאָר אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט. זי איז טיף דערגרונטעוועט. אפילו אין שלאָף זעט זי קלאָר ווי אירע פינגער פאַרוואָרפן פלינקע שלייפלעך. די גאָרן־ווינדעס לויפן און וויקלען זיך מיט אַ פאַרעקשנטן אומאויפהערלעכן געווירבל, ווי עס וואָלטן געיאָגט מיט אַ רעש האַסטיקע וואַסער־פאַלן. רינאַ שפּירט צומאָל נישט ווי געניע קומט צו איר אַלעמאָל אַ שמעק טאָן ווי עס האַלט מיט דער נייער חברטע.

געניע, אַ מיידל מיט גלאַט־פאַרקעמטע, פלאַקסענע האָר און בורשטינענע העלע אויגן, רייסט זיך אַ ווײַלע אָפּ פון איר שפּול־מאַשין — די לויפנדיקע ווינדעס וועלן איר נישט פאַראַטן, וועלן ווייטער יאָגן אין פלייסיקן געאייל.

געניע איז צופרידן וואָס דער חבר סעקרעטאַר האָט איר צוגע־געשיקט איצט נישט קיין שלימזלניצע ווי פריער, — אָט די „נייע"

כאַפּט דעם „שניט״. — יענערס פינגער בינדן געשיקט.

דערפאַר איז שוין גאַרנישט צופרידן, ברוריה, פון דער „אַנטקעגנ־דיקער מאַשין. ברוריהס קאָסאַקע אויגל בליקט אין אלכסון, און אירע פינגער בינדן משונהדיק פלינק די פעדים, אָבער נאָך פלינקער וואַרפט זי פון מויל אומצופרידענע עזותדיקע רייד אויף די סעקרעטאַרן און ס׳גאַנצע געזינדל פון פּראָפּעסיאָנעלן פאַריין. — זי זעט דאָך שוין קלאָר אַז די „בייע״ איז אַן „אחדותניצע״ — און מחמת דעם וואַרפט זי אויף רינען בייזע קאָסאַקע בליקן. מיט גאַל פאַרקניפּט זי האַסטיק די איבערגעריסענע פעדים. ווען מען לאָזט איר וואָלט זי צעריסן אויף שטיקלעך אירע אידעען־קעגנער.

נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט אין פאַבריק, דערשפּירט איצט רינאַ ביי זיך אין צימער, ווי זי וואָלט געווען מיט נאָך עמעצן — טאָקע מיט זיך אַליין. אין פאַבריק פאַרגעסט זי ווער זי איז, זי זעט זיך ווי פאַר־בלאָנדזשעט אין אַ רוישיקן וואַלד. מיט חיהשער פלינקייט און גע־שפּאַנטע חושים וואַכט זי, נישט פאַרצוקט צו ווערן פון די לויערנדיקע פאַבריקס־געפאַרן.

אַז זי איז איינע אַליין אויף דער סאָפע אין צימער, וויל זי זיך באַפרייען פון דעם קאָשמאַר — און ווידער שפּרינגט אַרויס פאַר אירע אויגן, ברוריה, מיטן קאָסאַקן אויגל. יענע פאַרפאָלגט איר מיט אַזאַ פינצטערן שפּאָט, ס׳ווערט איר אַזש קאַלט אין די בלוטן. ברוריה איז אַ „רויטע״ און די יעניקע וואָס זענען נישט מיט איר אין דער זעלבער דעה — האַלט זי — איז ביי זיי דער געוויסן „פּעך־שוואַרץ״, רינעס געוויסן איז ריין, נישט פאַרטונקלט. דער גלויבן אינעם מענטשן לייכט אויף ביי איר אין די העלסטע פאַרבן. זי וועט ברוריהן נישט אָפּגעבן קיין חשבון פון איר אידעען־וועלט. זי איז אַהערגעקומען פון סאָוויעטן־לאַנד, דאָ וויל זי זיך פאַרגלידערן מיט די צעזונגענע האַרעפּאַשנע פּיאָנערן, זי וועט העלפן מיטבויען דאָס קליינע לאַנד, — און צו דעם האָט זי געבענקט פון מרחקים.

אַז רינאַ רוט אויף דער סאָפע, נאָך אַן אויסגעמאַטערטן טאָג אַרבעט, באַגרייפט זי דעם בלינדן כוח, וואָס שטעלט אַוועק אין מיטן

אַ וואַנט און טיילט אָפּ איינעם פון אַנדערן, — אַט די וואַנט טיילט פונאַנדער איין מחשבה וואָס איז אַנדערש צו דער מחשבה פון אַנדערן, טיילט אָפּ איין האַרץ פון אַנדערן. זי טוט זיך אָן אַ כוח נישט צו טראַכטן פון דאַניען, אָבער טיילמאָל דאַכט זיך איר, אַז אָט גייט ער אויף די טרעפּ. ס׳פלעגט איר ביז גאָר פאַרדריסן פאַר אָט די דאָזיקע איינרעדענישן — און ביי אַזעלכע איינבילדונגען קומט תמיד אַריין טאַמאַראַ פון איר שפּיטאָל־אַרבעט, מיטברענגענדיק מיט זיך שאַרפע נאַרקאָטישע ריחות.

יאָ, רינאַ האָט פאַר טאַמאַרען גוטע געפילן. זי געפינט אין איר מחיצה אַ רויקן ווינקל אויסצורוען זיך פון אירע ברוזנדע לעצטע איבערלעבונגען. טאַמאַראַ מיט איר נאַטירלעכער תמימות באַלעסטיקט איר נישט מיט צופיל רייד, וואָס קען אַמאָל אָנריירן רינעס שטאָלץ.

אין דער ערשטער וואָך פון רינעס אַרבעטן אין פאַבריק, פלעגט גרושקין קומען אין די פאַרנאַכטן וויזיטירן דיביידע שכנטעס. אַ זייטיקער וואָלט נישט תופס געווען צו וועמען גרושקין איז מער אָנגעבערענט? פאַר רינען איז אָבער נישט קיין ספק, אַז טאַמאַראַ האָט אַ זעלישן שייכות צו אים. עס איז אַריבער עטלעכע וואָכן און גרושקין האָט אויפגעהערט זיך צו באַווייזן פאַר רינעס אויגן — און דאָס האָט דער וועקט ביי איר אַ חשד: און אפשר — טראַכט זי זיך — באַווייזט ער זיך נישט, ווייל טאַמאַראַ האָט די לעצטע וואָך נאַכט־דינסט אין שפּיטאָל? טאַמאַרען פרעגט זי ווידער נישט איבער, הלמאי מען זעט עפּעס נישט גרושקינען. זאָל טאַמאַראַ נישט מיינען, אַז רינאַ האָט אַ באַזונדערע כוונה זיך צו טרעפן מיט אים? רינעס געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אַרום גרושקין און טאַמאַראַ, און וואָס מער זי האָט אַריינגעקלערט אין ענין, אַלץ מער הויבט זי אָן גלויבן אַז צווישן זיי ביידן וועבט זיך אַ שטיקל ראָמאַן. און אפשר — מאַכט זי נישט שלום מיטן געדאַנק — טרעפט זי זיך יאָ מיט אים, און פאַר איר דערציילט זי גאָרנישט פון דעם? טיילמאָל האָט זי איר שוין געוואָלט פרעגן — וואָס האָט פּאַסירט מיט גרושקינען, מ׳זעט אים נישט פאַר די אויגן. אָנגעוואָרפן איר אין צימער, און שוין?

א. ריוועס

די אַלע גריבלענישן זענען אָבער אויס אין אירע אויגן תפל און קליין. — נישט זי פרעגט טאַמאַרען וועגן גרושקינען, — זאָל יענע נישט מיינען, אַז זי האָט אַ ברענענדיקן אינטערעס צו אים. דאָס קומען אַלעמאָל פון פאַבריק מיט אַלץ שווערערע איינדרוקן און קאָנפליקטן פון אַרבעטער, האָט פאַרשטופט אין אַן ענגן ווינקל די ספקות אַרום טאַמאַראַ־גרושקין. פאַר אירע אויגן שטייט תמיד דער פאַבריקאַנט, וואָס קומט תמיד וויזיטירן אין פאַבריק. אַן אויסגעפּאַשעטער שווערער ייד מיט אַ געל־גראָער, צעבייזערט־דראָענדיקער באָרד, וואָס שרעקט מיט ירגזון ווי אַ שטעכיקער געלער יעזש. אומצופרידן איז אויך די בלאָע פאַנפעוואַטע נאָז, וואָס טראָגט אויף זיך אַ פּאָר שפּאַקולן מיט גאָלדענע רעמלעך. די שפּיגל־שייבלעך פאָטאָגראַפירן אין זיך אַלץ וואָס עס טוט זיך אין פאַבריק: די יאָגנדיקע מאַשינען, די פאַרפּאָ־רעטע אַרבעטער.

רינאַ זעט דעם פאַבריקאַנט אַלע טאָג קומען אין פאַבריק קאָנ־טראָלירן זיין האָב און גוטס. פאַר אים טענצלט פאַרויס דער געשעפטס־פירער, אַ שטאַרק צעטראָגענער יונגערמאַן מיט שפּרינגענדיקע אויגע־לעך, ווי זלידנע פליגן, וואָס קלעפּן זיך אָן האַסטיק דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם. אין זיין צעשמאָלצן פּליכל אויפן קאָפּ שפּיגלען זיך עלעק־טרישע לעמפּלעך, וואָס ברענען אַ גאַנצן טאָג ביי די פאַרשאָטנטע הוזשענדיקע מאַשינען. דער פאַבריקאַנט כמורעט די פאַנפעוואַטע נאָז, די געל־גראָע באָרד שפּיזלט מיט דראָענדיקער רוגזה: — זיי שטעלן אים בדלות מיט אַזאַ־אַ אַרבעט. הענט דאַרפן שנעלער לויפן.

טראָגט ער זיך פאַרביי דער פאַבריקאַנט, אין דער אָפּטיילונג פון די שפּול־מאַשינען מיט די לויפנדיקע גאַרן־ווינדעס. אויף צולהכעיס רייסן זיך ביי רינען די פעדים — עטלעכע ווינדעס שטייען שוין אומבאַוועגלעך. דעם פאַבריקאַנטס ברילן־שייבלעך גליווערן פאַר כעס. ברוריה מיטן קאָסאָקן אויגל פרעגלט זיך פאַר הנאה: ביי איר לויפן די ווינדעס, ווי די שדים. אירע פינצטערע בליקן שיסן אין אלכסון, טרעפן זיך גראָד אָן אין אָנגעכמורעטן פנים פון באַלעבאָס, וואָס בייזערט זיך פאַרן ביז גאָר פאַרלוירענעם געשעפטס־פירער. — שוין ווידער

אַנגעשיקט טויגעניכטסן, — גיט דער פאַבריקאַנט אַ פאַנפע אין דער ירגזונדיקער באָרד.

רינעס פינגער פאַרלירן די שליטה איבערן גאָרן, וויפל זיי בינדן צערייסט זיך דאָס ווידער. פאַר ווייטיק צעצינדן זיך ביי איר די זומער־שפרענקלעך אויף איר צעפליגלטן נעזל.

איינמאָל קומענדיק אַ היים נאָך אַ פיינלעכן טאָג איבערלעבונגען אין פאַבריק, האָט זי געטראָפן זיצן אין צימער טאַמאַרען מיט גרוש־קינען. פאַר רינעס אויגן הענגט נאָך דער שווערער פאַבריקס־נעפל — און אין האַרצן אַזאַ פאַרלוירנקייט און דערנידערונג, ווו נעמט זי איצט פריינטלעכע אינטימע ווערטער פאַר טאַמאַרען מיטן פלוצים אַנטפלעקטן גרושקינען? און מיט אָט אַזאַ געדריקטער שטימונג האָט זי זיך מיט זיי באַגריסט אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון צימער.

נו, אוודאי, זעט זיך גרושקין פאַרשולדיקט פאַר רינען. דער צע־טראָגענער קבלת־פנים מיט די שטאַמלדיקע תרעומות, הלמאי מען זעט אים גאָרנישט און אַזוי ווייטער, האָט אויף זיין פנים אַרויסגערופן פאַרשולדיקטע גרימאַסן, אַ געמיש פון שמייכל און קרענקונג. זיינע ברוין־הייסע אויגן פאַרלויפן עפעס אין די ווינקלען און זוכן אַ שוץ. ער שפירט בחוש, אַז רינאַ ווייסט דעם ריכטיקן באַשייד, הלמאי ער מיידט אויס זיך צו טרעפן מיט איר? די אַוועקגעדרייטע אויגן זאָגן גראָד אויס דעם סוד, אַז ער פאַרמאָגט דווקא אַ שטאַרקן באַגער צו זען איר פנים אל פנים. ער געפינט זיך אין אַ בלינדן מאַגישן שפּיל צווישן רינען און טאַמאַרען.

אין דער חברותא פון די צוויי פריינדינס ווערט אים אַזוי ענג אין ברוסט, דאָס לשון ווערט האַמעטנע — און אינעווייניק אין האַרצן באַהאַלט ער אויס אַ גאָלדענעם געשאַנק פאַר רינען, דאָס געשאַנק איז וואָגיק און מיט אַ סך ווערטן, ווי אַזוי קען ער דאָס אַרויסברענגען און אַנטפלעקן פאַר איר?

און כדי זיך צו באַפרייען פון דעם שווערמוט וואָס איז אים אין דעם מאָמענט באַפאַלן, האָט גרושקין אַרויסגעשטאַמלט, אַז ער האָט פאַר רינען אַ גרוס פון דאַניען.

דער גרוס האָט רינען, וואָס אַן אמת, אַרויסגעפירט פון גלייכ־געוויכט, אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן פינקלען און מיניען אין בלאָע קאָלירן. פאַר גרושקינען באַווייזט זי אַ גבורה, זי איז כלומרשט גלייכ־גילטיק צו דעם גרוס, וואָס דאַניע פרעגט ביי אים אָן. אָט נעמט גרושקין אַרויס פון קעשענע דעם בריוו און לייענט אַרויס: — „ציזעט ער אַמאָל נישט רינען אין תל־אביב, און ווו געפינט זי זיך?״

אַזוי גאָר? — האָט רינאַ אַ טראַכט געטאָן — גרושקין וועט פאַרנעמען די ראָל פון אַן אינפאָרמאַטאָר? זי קוקט אַן לאַנג און דורכ־דרינגלעך גרושקינען, עפּעס אַן אומצוטרוי גיט ביי איר אַ צאַפּל צו גרושקינען. עס דאַכט זיך איר, אַז ער וועט שוין צושטעלן דאַניען די געהעריקע ראַפּאָרטן.

טאַמאַראַ באַווייזט אין דער צייט אָוועקצושטעלן אויפן טיש פאַר דריי מאַן סאַלאַטן, ברויט און הייסע טיי.

רינאַ גרויסט זיך פאַר גרושקינען מיט טאַמאַרעס בריהשקייט: — אָט, אַ ווירטין — באַגייסטערט זי זיך — אין אַ פאַר רגעס און עס לעבט אַלץ אויפן טיש.

טאַמאַראַ דינגט אַראָפּ פון איר „בריהשקייט״. זי איבערצייגט אַז „די פאַר רגעס״ האָבן זיך פאַרצויגן גאַנץ היפשלעך. דער באַזונדערער שמועס פון זיי ביידן האָט נישט ווילנדיק אָנגעהויבן אַרן טאַמאַרען, פונקט ווי מען וואָלט איר אויסגעטיילט אין אַ באַזונדערן ווינקל. מ׳האָט שווייגנדיק געגעסן און יעדער איינער האָט פאַרטרונקען די טיי מיט אייגענע מאַטערנדיקע מחשבות.

רינאַ שפּירט בחוש אַז צווישן טאַמאַרען און גרושקינען וועבט זיך אַן איידעלער זיידענער באַנד. אירע אייגענע פעדים פאַרוועבן זיך, נישט ווילנדיק, דאָרט אינאיינעם. צו וואָס דאַרף זי דאָס, רינאַ? ווען זי שטייט אַ ביסל פעסטער אויף די פיס אין פאַבריק, וואָלט זי אַן שהיות זיך געזוכט אַן אַנדער צימער.

גרושקין פילט אַז די לופט אין צימער איז געמינעוועט, באַלד קען דאָ עקספּלאָדירן, און אַ פייער וועט אַרומכאַפּן אַלץ און אַלעמען. טאַמאַרעס שאַפּישע אויגן מאַנען און וועקן ביי אים נאָענטקייט. גרושקין

שלאָגט פּאַר אַראָפּצוגיין אַביסל שפּאַצירן ביים ים, אַנישט, דוכט זיך אים, ווערט ער שיעור נישט דערוואָרגן אין אַ קנויל פון גליענדיקע געפילן.

אין דרויסן גייט גרושקין אין טאַמאַרעס זייט, און דאָס האַרץ ווייטיקט אין־לשערדיק פּאַר איר שכנטע. געדולדיק טראָגט ער אין זיך די יסורים. זיינע אויערן נעמען אויף יעדעס וואָרט וואָס רינאַ דערציילט וועגן אירע איבערלעבונגען אין פאַבריק. זי דערציילט, אַז זי פאַרמאָגט שוין נישט קיין פּיצל נשמה, זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכאַנישן טייל פון אַ טרייבנדיקער מאַשין.

די אַראַנזש־זון האָט זיך פאַרטונקען אין די וואַסערן פון ים. כוואַליעס האָבן געיאָגט זילבער־ווייסן שוים, פלאַש־גרינע, טונקל־גראָע שווערע וואַסערן האָבן זיך געוויקלט, געפּרייכט און מיט צעקלונגענעם שוים דערלאָפן צו די טריט פון די שפּאַצירנדיקע מענטשן.

גרושקין איז אַריינגענומען געוואָרן אין מיטן פון טאַמאַרען און רינען. טאַמאַראַ האַלט זיך אַן אין זיין אָרעם. ס'איז איר לייכטער דער גאַנג איבער די שווערע זאַמדן. די נאָענטקייט פון רינען האָט פאַר־שיכורט גרושקינס ברוסט — ס'האָט אים פאַרשיכורט ביז ווייטיק. גרושקין איז אַ צינגל אויף דער יסורימדיקער וואָגשאָל: — די גוטע טאַמאַראַ ציט אים צו זיך אין גאַנצן, — און זיין האַרץ בויגט זיך אין ווייטיק, אין באַרוישטע יסורים אין דער זייט פון רינען.

.6

רונד־מאַשינען האָבן זיך געדרייט אין אַן אומאויפהערלעכן הוישע־דיקן רעש, זענען געשטאַנען שורותווייז איינע נעבן דער אַנדערער, איינ־געטוליעט אין ווייסן שטאָף. זיי האָבן זיך געדרייט און געדאַוונט, ווי באַקיטלטע יידן יום־כיפור אין שול. שעכטער, אַ נידעריק אויסגעדאַרטער בחור אין אַ טונקעלן כאַלאַט ביז די קניען, האָט געוואָרפן אויגן אויף דער שורה מאַשינען, צו די איבערשטע שפּולן, וואָס האָבן אַראָפּגע־

שיקט פלאַטערנדיקע פעדים צום וועבשטאָף. דאָ און דאָרט האָט אַ מאַשין זיך אָפּגעשטעלט מיט אַ פאַרהאַקנדיקן הוק. שעכטער האָט מיט אַ דינ־לאַנגן שטעקן, ווי אַ וועגטקע, פאַרוואָרפן אויבן דעם דרים אין פאָדים־פירער — און די מאַשין האָט ווייטער געהוזשעט און געדרייט באַלעמס מיט טריקאָ־שטאָף.

שעכטערס אומרויקע אויגן, ווי צעטומלטע גראָע פישעלעך אין סאַזשעלקעס, זענען אויסבאַהאַלטן אונטער אַ וואַלד פון ברעמען. אין ליכט פון זון־שטראַלן צינדן זיי זיך אין אַ קאַווע קאָליר, און דער גע־דיכטער קאָפּ האָר צינד זיך אויך מיט דעם זעלבן קאָליר, און עס מאַכט בולט די שטייפע האָר־קאַרבן, וואָס קלעטערן איינס איבערן אַנדערן ווי טרעפּ. די אויגן זעען טיפער און דערבליקן אַריבער די מחי־צות פון די מאַשינען. זיין פנים איז אַ קורצס און פאַרעקשנטס, אַזוי זיכער מיט זיך, מיט די מחשבות וואָס ער קלערט — און פאַרוואַנדלט דאָס באַלד אין געטאַקטע רייד. נישט בחינם איז ער פון די אַקטיוויסטן אין פאַבריקס־ראַט, אונטערהאַנדלט אַנטשלאָסן אין אַרבעטער־ענינים, גיט צו פילן זיין שטאַרקע האַנט דעם רייכן פאַבריקאַנט און גערער חסיד, זיידנבייטל, וואָס פאַרפעלט נישט יעדן טאָג צו לערנען אַ פרק משניות. און איז אויך נישט מוותר פון גראָבער געלט־עקספּלאָאַטאַציע.

שעכטער האָט אַ סך צייט צו טראַכטן ביי די מאַשינען.

דרייפערטל פון טאָג איז ער זיך מתיחד מיט די טרייבנדיקע מעכאַ־ניזמען — און די רעשט שעהען מחוץ די פאַבריק־ווענט, לויפן אים דורך אַזוי ראַשיק און גיך. אויף צו מאָרגנס זעט ער זיך ווידער אין פאַבריק, תמיד ווי פאַרקנעכט ביי זיידנבייטלס עקפּלאָאַטאַציע־מזבח. עפּעס קען ער נישט שלום מאַכן מיט מענטשן, ווי ער וואָלט געוועזן מיט זיי אין אַ כסדרדיקן קריג. מיט איין מענטש וואָלט ער געשלאָסן אַ שלום אויפן גאַנצן לעבן. אין פאַרהאַרטעוועטן קאָלעקטיוו זוכט ער תמיד די באַשטימטע פרוי, ער זאָל זיך מיט איר קענען פאַרבינדן לעולם ועד.

שעכטערס שטערן ווערט עפּעס לעצטנס ברייטער פון קלערן, די אומרויקע אויגן אונטער די בערגלעך ברעמען פינקלען מערער ווי אַלע־מאָל. אין ווייסן געוועב, וואָס דרייט זיך אים פאַר די אויגן, טרעפט ער

אָפּטע פּגימות — דאָס זענען די נישט געראַטענע קניפּ פון דער בייער שפּולערין, אין פּלוג האָט דאָס ביי אים באַדאַרפט אַרויסרופן אַ בייזקייט, אין אַזאַ פאַל פלעגט ער אַ כאַפּ טאָן מיט די פינגער זיין קורץ נעזל. אָבער די איצטיקע פעלערן האָבן אויף אים געווירקט אַנדערש ווי אַלעמאָל — להיפך, ער האָט גאָר שלום געמאַכט מיט דעם, ווי אַ טאַטע וואָס נעמט פאַר ליב און איז מוחל די פעלערן פון זיין אייגן קינד. ער איז אָבער בייז געווען אויף ברוריהן מיטן קאָסאַקן אויגל, וואָס רעדט לשון הרע און פּלאַפּלט אויף דער בייער שפּולערין, אַז זי איז אַ דעזערטירין פון סאָוויעטן־לאַנד, און איז פון סעקרעטאַרס „אייגענע־מענטשן."

אויטאָמאַטיש שטעלט זיך אָפּ די מאַשין מיט אַ פּאַרהאַק, שעכטער כאַפּט אויף אַ פּגם אין ווייסן שטאָף, ער האָט אין דער רגע זיך אַ פּאַרקרים געטאָן, ווי אַ נעפּל וואָלט אים פּאַרטונקלט די אויגן — אָבער באַלד לייטערט זיך עס אַלץ אויס, און פון ווייסן שטאָף קוקט אַרויס רינעס פּנים מיט צעפּליגלטע נאַזלעכער און בלאָען פייער אין די אויגן. אויגן ווי זיי וואָלטן צו אים גערעדט: זיי אַ באַשיצער פאַר מיר אין דעם גיהנום...

אַ סך מאָל האָט ער איר אָפּגעוואַרט ביים אַרויסגיין פון דער אַרבעט, אָדער זיך געטראָפן מיט איר אין אַרבעטער־רעסטאָראַן. אין זי האָט פאַר אים גראָד נישט אַרויסגעוויזן דעם זעלבן פּנים, ווי ער פלעגט זי זען אין דמיון ביי די הוזשעדיקע מאַשינען, אירע אויגן האָבן נישט געקוקט מיט רחמים, און נישט פּאַרלאַנגט פון אים קיין באַשיצונג. אירע אויגן האָבן געפייערט מיט שטאָלץ — און געפילט האָט ער אין איר אַ געצוימטן שטורעם. ער אַליין האָט זיך אין איר קעגנוואַרט דערזען, נישט דער שעכטער, דער געוועל־טיקער ביי די מאַשינען און וואַרטזאָגער פון אַרבעטער־קאָלעקטיוו אין פאַבריק, ער האָט זיך געזען אין אַ צווייטער מדרגה: אַ געהאַרכזאַם־פאָלגעוודיקער מענטש. ער איז גרייט צו גיין אויף יעדן רוף, וואָס רינאַ וועט אים צוואַרפן.

אין פאַבריק האָט ער אַלץ מער פאַרוועבט זיינע געדאַנקען אַרום

רינען. די מאַשין האָט זיך שוין זעלטענער געהאַט אָפּגעשטעלט, פּראָ־דוצירט דעם ריכטיקן סכום נישט פעלערהאַפטן־שטאָף. רינאַ האָט דער־גרייכט איר קוואַליפיקאַציע אין שפּולער־פאַך.

אָנגעגאַנגען איז אַן אַקציע פאַר לוין־העכערונג. ברוריה איז אַרויס פון די כלים, הלמאי רינאַ ווערט פאַרעכנט אין איר קאַטעגאָריע. דאָס קאָסאָקע אויג האָט געשפּריצט מיט גאַל אויף דער „קאַפּיטאַ־ליסטישער וועלט" און אויף דער „דעזערטירין", וואָס האָט אַזוי שטאַרק נושא־חן געווען אין שעכטערס אויגן (און נישט זי, ברוריה). זי האָט אויסגעפּלאַפּלט בפרהסיה רכילות אויף זייער ביידנס אַדרעס. אירע נישט געשטויגענע פּלאַפּלערייען זענען אַזש דערגאַנגען צום פאַבריקאַנט זיידנבייטל אין ביוראָ, ווו עס האָט זיך תמיד געוויירעכט אַ בלאָער קטורת פון גוטע ציגאַרן און עס האָט נישט אויפגעהערט דאָרט צו קלינגען אחן גרילצן דער טעלעפאָן.

* * *

זיידנבייטל, אין אַ סאַמעטענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, האָט אַרויסגעלייענט מיט מוח פון אַ גראָבן חשבון־בוך דעם קאַסע־באַריכט. דער ציגאַר האָט געפּאַפּעט פון דער געלער באָרד קלעמבעס בלאָען רויך. אין קאָפּ האָט זיך אים געבאַמבלט אָפּגעריסענע פּסוקים און משניות, וואָס ער האָט היינט אין דערפרי געלערנט, זיי האָבן זיך מיט אים ווי גערייצט און פאַרשטעלט די געדיכט־אָנגעזעצטע ציפערן אין חשבון־בלאַט — „בשביל ארבעה דברים נכסי בעלי בתים יוצאים לטמיון..." — הערט ער אויספשטעלן זיין אייגענעם גמרא־ניגון. זיין פינגער רוט מיט אַ זעלבסט־צופרידענער הנאה ביים אונטערשטן קאַסע־סך־הכל פון חודש. די הנאה צעגייט זיך ווי אַ וואַרימע פאַרע אויף די פאַרגילדעטע שפּאַקולן־גלעזער.

די טיר פון ביוראָ האָט זיך אין מיטן דערינען אַן עפן געטאָן און די אַרבעטער־דעלעגאַציע בראש מיט שעכטערן איז דאָרט אַריינגעפאַלן.

זיידנבייטל האָט באַלד פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט —

שותפים צו זיין האָב און גוטס — האָ, וואָס איז שוין ווידער? — האָט ער זיך געמאַכט תמעוואַטע. ער האָט בהרחבה צעלייגט די עלנבויגנס איבערן גלאָז־טיש. אַ פעטשל געטאָן איין פוכקע האַנט אין דער צווייטער — איר ווילט מיך שוין ווייטער בדלות שטעלן?

— איר רעדט צו אונדז, אדון זיידנבייטל, בלשון סגי נהור — איז שעכטער אַרויס מיטן דיבור.

— אוודאי, אוודאי — האָט דעם פאַבריקאַנטס ציגאַר אַ פאַפּע געטאָן — איך ווער ביי אייך נתעשר מיט אייער אַרבעט און מיט די שטייערן וואָס מען רייסט פון מיר.

— מיר זענען מיט אייך אויסגעזאָרגט, אדון זיידנבייטל — האָט שעכטער אים גאָרנישט געוואָלט שענקען — איר זאָלט זיך גאָרנישט באַליידיקן, איר זענט געגליכן צו אַ קליין קינד: ביידע וויינט איר — און איר וואַקסט...

עס האָט אַ פּראַל געטאָן אַ געדיכט־קורצער געלעכטער, אָפּגע־קלאַפּט זיך אין די ווענט און אין סופיט און געבליבן הענגען אויף דעם פאַבריקאַנטס בלאָער וואָרשטל־נאָז און פאַרגילדעטע שפּאַקולן־גלעזער.

שעכטער האָט אים אויסגעשפּרייט אַ פּאַפּיר פאַרן פּנים מיט אַ רשימה פון נעמען, וואָס דאַרפן קריגן לוין־הוספות.

— אדון קוויאַטעק! — איז דער פאַבריקאַנט אַרויס מיט הייזע־ריקע קולות, געדריקט מיט רוגזה אין עלעקטרישן גלעקל.

דער פליכעוואַטער געשעפטס־פירער איז פייל פון בויגן אַריינ־געפאַלן אין ביוראָ. זיינע פיבערדיקע, קלעפּעדיקע אויגן האָבן גע־שפּרונגען פון איינעם צום צווייטן און מיט הכנעה זיך אָנגעהאָנגען אין דער צעבייזערטער באָרד פון באַלעבאָס.

— נאָ — האָט ער אַ הויב געטאָן דעם בינטל פינגער פון פּאַפּיר

— פאַר אַלע לא־יוצלחס רייסט איר איין וועלטן — בר־חנניה, האָ? ווער איז ער דער תנא?

— דאָס איז דער מאַשיניסט מיטן בערדל — האָט דער געשעפטס־פירער אויפגעלעזט דאָס רעטעניש.

— וואָס עפּעס אין מיטן דערינען משנה שם געוואָרן? — און וואָס איז שוין ווייטער? מ׳האָט אים דאָך דאָ נישט לאַנג דערלייגט!

— דער „נישט לאַנג״ איז שוין צוויי יאָר — האָט שעכטער פּאַרטיידיקט דעם אַרבעטער — אגב איז דאָס אַ פּועל מיט סטאַזש. עס קומט אים די הוספה מן השמים.

— הערט, אדוני: — האָט דער פאַבריקאַנט אַ שפּיזל געטאָן די געלע באָרד, — אַז איר רעדט שוין מיט „גאָט״, וועל איך מיט אייך לערנען אפּיקורסות: עס האָט נישט קיין שיעור צו לאָזן וואַקסן אַ מעטער־לאַנגע באָרד — סטאַזש־שמאַזש — מ׳שערט אָפּ אין מיטן.

— לויט אייער פּשט — האָבן שעכטערס אויגן אויפגעפינקלט — איז יענעמס באָרד אייך ניחא צו שערן?.

מ׳האָט זיך געאַמפּערט און געדונגען ביי יעדן איינעם פון דער אויסגעשטעלטער רשימה. דער טעלעפאָן האָט כסדר געקלינגען. דער געשעפטס־פירער האָט געפּאַטשטעועט דאָס טעלעפאָן־טרייבל צום באַלעבאָס, עסקים מיט בענק, טשעקן געצאָלטע — און נישט געצאָלטע צום טערמין. דעם פאַבריקאַנטס פינגער האָבן אומגעדולדיק געהיפּערט די נעמען אויפן בויגן פּאַפּיר — ס׳איז שוין באַלד צייט צו דאַוונען מנחה, און „זיי״ האָבן זיך אָנגעזעצט אויף זיין קאָפּ, ווי די האַרבע קטיגורס. ער איז צוגעקומען צום נאָמען „רינאַ״.

— רינאַ? — פון וועלכער אָפּטיילונג?

— די נייע שפּולערין — האָט דער געשעפטס־פירער אַ בויג געטאָן דאָס פליכעוואַטע קעפּל.

— די, די... „באַלשעוויצקע״? — האָט דער ציגאַר אַ פּאַפּע געטאָן אין דער באָרד.

שעכטערס פּנים איז עפּעס קלענער און קירצער געוואָרן. ס׳האָט זיך אים געוואָלט זאָגן אַ גראָב וואָרט — און דאָ האָט ער דווקא געוואָלט אויסקעמפן דעם פולן פּרייז וואָס איר קומט, — זי אַרבעט פלינק און רעיעל — האָט ער זיך געעקשנט.

דעם פאַבריקאַנטס ציגאַר האָט געדריגעט און זיך געוועדט, אויס־פּאַפּעדיק קלאָמבעס רויך — נבע... — האָט ער אַ קרעכץ געטאָן —

איך דערלייג צו די אַרבעטער...

— אדון זיידנבייטל, — האָט שעכטער זיך געביסן די ליפּן — איר דערלייגט נישט צו די אַרבעטער, איר דערלייגט אין דער קאַסע.

— סאַ העזה פון אַ שייגעץ — האָט זיך די באָרד געצונדן אין אַ שטיק פייער.

— מיט דער־אַ העזה שטאָלצירן מיר, אַרבעטער! — האָט שעכטער פאַר אים טריומפירט.

ער האָט פאַר רינען אויסגעקעמפט אַ הוספה.

דעם זעלבן אָוונט האָט שעכטער זיך געטראָפן מיט רינען אין אַרבעטער־רעסטאָראַן, ער האָט איר געוואָלט איבעראַשן מיט דער אויסגעקעמפטער לוין־הוספה, איז זי גראָד געזעסן ביים טיש מיט גרושקינען. די אינטים צוגעגרייטע וואַרעמע ווערטער פון שעכטערן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרוקענער אָפיציעלער מעלדונג — און דאָס האָט אים ביז גאָר געאַרט. ער האָט זיך דערזען פּלוצים אַנטוישט.

רינאַ האָט פאָרגעשטעלט גרושקינען פאַר שעכטערן: — מיינס אַ „שיפס־ברודער" — און מיט דער צווייטער האַנט האָט זי אָנגעוויזן אויף שעכטערן: — אונדזער בראַווער אַרבעטער־דעלעגאַט!

שעכטער האָט לכתחילה נישט געקענט תופס זיין דעם „שיפס־ברודער" מיטן זשאַרעדיקן גלאַנץ אין די אויגן און בלאַנגעדראָלענער נאָז.

גרושקין האָט פאַרטייענדיק געשוויגן בעת רינאַ האָט זיך צעוואַרעמט פאַר שעכטערן. זי האָט נישט אויפגענומען גלייכגילטיק שעכטערס דערפרייענדיקע ידיעה. זי האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט פאַר שעכטערן פון אירע קאַשמאַר־איבערלעבונגען אין פאַבריק. — אָט די ברוריה, יענע איז דאָך גרייט זי אויפצועסן אַ לעבעדיקע. מה רעש, אַז נאָך איינער פאַרדינט זיין ברויט ביי זיידנבייטלס שפּול־מאַשינען? — עפּעס אַזוי אָפּנהאַרציק איז זי איצט געווען פאַר שעכטערן און כמעט נישט

געלייגט קיין אַכט אויף דעם בייזיצנדיקן גרושקינען. רינאַ איז באַרוישט פון אייגענער זעלבס־דערמוטיקונג, זי הויבט זיך אויף העכער פון די נישטיקע אינטריגעס פון אַ ברוריה, — יאָ, די פאַבריק איז פאַר איר אַ פייערפרווו, יענעמס קליינלעכע קנאה וועט צעגיין ווי וואַקס אויפן פייער.

— ברוריה איז מקנא — האָט שעכטער באַרויקט רינען — ווייל איר פאַרטנערין איז נישט אַזוי העסלעך ווי זי.

רינעס חן־גריבל אין באַק האָט זיך טיף צעשמייכלט.

און גרושקין האָט זיך געכמורעט און געשוויגן עקשנותדיק ווי אַ שטיין.

אין קעגנזאַץ צו רינעס צעוואַרעמטקייט, איז גרושקין געזעסן ביים טישל ווי אַ דומם מיט אַ שלאָס אויפן מויל. שעכטערן האָט עס אַרויסגעבערענגט פון די כלים. עס האָט אויף אים געווייעט פון גרושקינען אַ קעלט מיט פרעמדקייט. — עס וועט זיין גלייך — האָט שעכטער זיך געטראַכט — אַז ער וועט זיך פון דאַנען אָפּטראָגן.

אַז שעכטער איז אַוועק האָט רינאַ זיך אַרומגעזעצט, ווי אומדאַנקבאַר זי איז געווען צו שעכטערן. די גאַנצע שולד פאַר דעם האָט זי אָנגעהאָנגען אויף גרושקינען, וואָס האָט איצט אויף דאַסניי אויפגעלעבט און באַקומען לשון. רינאַ קען זיך אָבער נישט שענקען — איך האָב זיך דאָ צערעדט — זאָגט זי — פון פערזענלעכע שטימונגען, פון ראַנגלענישן אין פאַבריק. אָט גיט אַוועק יענער חבר זיין צייט און טעמפּעראַמענט פאַר דעם קאָלעקטיוו. פון זיין אייגענעם „איך" רויבט ער אַוועק אַ סך שעהען.

— איך האָב נאָך נישט אָנגעטראָפן אַן עסקן — האָט גרושקין געוואָלט פאַרמינערן שעכטערס גרויסמוט — וואָס זאָל אין קהלישער אַרבעט נישט וועלן אַרויסציען פערזענלעכן פאַרדינסט.

— איר רעדט ווי אַ קרעמער! — האָבן זיך ביי רינען אַ צינד געטאָן פלאַמען אין די אויגן.

— איך וויל זיין אויפריכטיק, רינאַ — האָט ער זיך אַ בייג געטאָן צו איר איבערן טישל — יעדער פאַרליבטער נאַר האַנדלט, נישט

ווילנדיק, ווי אַ קרעמער, כאַטש ער האַלט זיך פאַר גאַטס מלאך.

רינאַ האָט זיך אויפגעשטעלט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס — זייט מיר מוחל, גרושקין, וואָס איך לאָז אייך איצט אַליין, איך מוז דרינגענדיק אַוועקגיין.

אויפגערעגט ביז צום ביין, האָט רינאַ זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס מיט אַ ווידערווילן צו גרושקינען, און צו דער שליחות וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, ער איז כלומרשט דער פאַרמיטלער פון דאַניען. דאַניע ווייסט אַפּנים נישט, אַז מען „שיקט נישט די קאַץ נאָך פּוטער". גיין אַהיים האָט זי נישט געוואָלט, נישט געהאַט קיין חשק זיך צו טרעפן מיט טאַמאַרען. זי זעט זיך צעפּיצלט אויף דראָבנע חלקים, נישטאָ די האַנט וואָס זאָל צונויפזאַמלען די אַלע שפּליטערס און ווידער איר באַשאַפן אין איין גאַנצקייט. דאָס גיין צוועקלאָז לענג־אויס די שוואַך באַלויכטענע גאַסן אין געדרענג פון שפּאַצירנדיקע מענטשן האָט איר ביז גאָר געערגעט, זי האָט געזוכט צו דעם אַן אויסוועג.

זי האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ קינאָ.

די לויפנדיקע בילדער אויפן באַלויכטענעם עקראַן האָבן זיך עפּעס נישט געקלעפּט איינס צום אַנדערן אין אירע אויגן. אייגענע אָפּגעריסענע לעבנס־בילדער האָבן אַרויסגעבליקט פון אירע טיפענישן. איין בילד האָט געטוישט דאָס צווייטע; זי זוכט אַ באַשייד צו אירע שטורמישע קאָנפליקטן, וואָס ווערן אַלעמאָל באַשאַפן אויף איר לעבנס־וועג. זי האָט געקלערט וועגן דאַניען וואָס גאַרט שטאַרק זיך צו־טרעפן מיט איר. דאָס וואָס גרושקין ברענגט איר דאַניעס גרוסן, זענען נאָר אַן אויסרייד פאַר גרושקינען, כדי ער זאָל קענען אויסלאָדן פאַר איר זיינע אייגענע פאַרבאַרגענע תשוקות, — און דאָס פאַרשאַפט איר בייז בלוט. פאַר איר איז קלאָר, אַז דער גרעסטער טייל חברים, געקומענע מיט דער שיף „טשיטשערין", האָבן שוין פאַרלאָזן דעם קיבוץ. דאַניע איז דאָרט פאַרבליבן דער איינציקער, ווי אַ פּרוש האָט ער זיך פאַרעקשנט אין איז פאַרבונדן מיט דער ערד. אין דעם פינצטערן זאַל האָט זי דערשפּירט אַזוי העל זיין בענקשאַפט און צער.

מיט פאַרמאַכטע אויגן זיצט זי צווישן שורות מענטשן, וואָס קוקן מיט שפּאַנונג צו די בילדער אויפן עקראַן. איר גייען נישט אָן די לויפּנ־דיקע בילדער, זי טראַכט פון איר פּשוטן אייגענעם לעבן, פון זיין אַ פאַבריקס־אַרבעטערין. זי וועט זיך שיידן מיט טאַמאַרען און דינגען אַליין אַ צימער, זי וועט זיך באַפרייען פון גרושקינס שווערמוט.

פאַר די שיפס־ברידער און שוועסטער פון „טשיטשערין" גילט גרושקין ווי אַן אַמבאַסאַדאָר. אַלע שרייבן זיך מיט אים דורך, אַלע טראָגן צו דעם כבוד דעם משורר, וואָס שרייבט אין צייטונג. דורך גרושקינען האָט זיך רינאַ דערוווּסט, אַז יאשא און שולמית האָבן פאַרלאָזט דעם קיבוץ און זיין אַרבעטן אין אַ קאָלאָניע ביי מאַראַנצן־סעדער. ביי רינען האָט געצייטיקט אַ ווילן אַראָפּצוכאַפּן זיך אויף אַ שבת צו זיי, זי איז נייגעריק צו זען ווי אַזוי לעבט זיך דאָרט דאָס אידעאַלע פּאָרל?

* * *

— אַ שאָד וואָס צוויי מאָל אין וואָך איז נישט שבת — האָט רינאַ בעת אַ שפּאַציר געזאָגט צו שעכטערן.

כמעט אַלע שבת נעמט רינאַ אָן אָנטייל אין די קילאָמעטער־לאַנגע שפּאַצירן פון דער אַרומיקער געגנט. רינאַ טראָגט אויפן קאָפּ אַ ווייס־פּלאַטערנדיק טיכל, פאַרבונדן אויפן אַראַבישן שטייגער. אויף איר אַקסל איז אָנגעהאַנגען אַ רייזע־טאַש. די שפּאַציר־גענג האָבן אָפּגעפּרישט רינען פון די דערדריקנדיקע אַרבעטס־טעג אין פאַבריק.

שעכטער איז געווען דער איניציאַטאָר פון די שפּאַצירן. אַרום אים האָבן זיך גרופּירט להוטע חברה צו אַזעלכע עקסקורסיעס. מ'האָט געשפּרייזט לענגאויס פון ברעג ים, איבער פייכט־איינגעפּרעסטע זאַמדן, איבער אַרויסגעשטאָכענע מושלען פון ים־כוואַליעס. זיי זענען געשפּרונגען איבער שטיינערנע סקאַלעס, זיך אָנגעטראָפן מיט אַרכעאָלאָגישע אויס־גראָבונגען פון אַלטערטימלעכע תקופות. אין מיטן וועג האָבן זיי מידע פון

גאַנג געמאַכט הפסקות אין נאַטור־אויסגעפורעמטע בערג־אַפּריסן, ווי פון בראַנדז אויסגעטעסעטע באַרעליפן. אַט קרייצט דורך די שפּאַצירנדיקע מחנה אַן אַראַבישן דאָרף מיט ליימיקע הייזקעס, טונקל־פאַרשלייערטע פעלאַכינס טראָגן זיך פאַרביי מיט ערדענע קרוגן אויף די קעפּ. האַרבע ריחות פון פאַרברענטן בהמה׳שן מיסט ביטערט אין די אויגן, קריכט אין האַלדז אַריין — און די בלאָע ציכטיקע הימלען ווערן עפּעס טונקעלער.

שעכטער ווייסט צו דערציילן פון יעדן שפּאַן ערד וואָס זיי היפּערן דורך. ער ציטירט פון אויסנווייניק פּסוקים פון תנ״ך — מיר טרעטן אויף שטיקער געשיכטע — פאַרזיכערט ער. אַט גייען זיי פאַרביי יידישע ישובים, ווו עס וואַכן מיט שטאָלץ הויכע בעטאָנענע וואַסער־טורעמס, זיי וואַכן איבער באַאַרבעטע גרינע פעלדער, איבער יונגע פיין־פאַרפלאַנצטע מאַראַנצן־סעדער. — דאָ נישט לאַנג — האָט שעכטער זיך געגרויסט — איז דאָ פּוסט און וויסט געווען, מיט אונדזער פלייס בויען מיר דאָ גאַנצע וועלטן! — דאָס לאַנד — זאָגט ער — איז אַמאָל געווען אַ צילברעט פאַר אַ סך קריגערישע פעלקער. אַרכעאָלאָגן געפינען דאָ רעשטלעך פון תקופות און קולטורן. איין תקופה האָט איינגעשלונגען די צווייטע — און מיר לעבן ווידער אויף די וויסטע ערד.

איינמאָל אַ שבת זענען זיי דערגאַנגען צו אַ קאָלאָניע, באַרינגלט מיט גרין־זאַפטיקע מאַראַנצן־סעדער. די געווירצטע שאַרפע ריחות האָבן פאַרשיכורט און דערפרישט. עס טראָגט זיך אַזאַ עשירות פון די ציכטיק בלאָע הימלען, פון די לעבעדיק גרינע בוימער און פלאַנצונגען. אַלץ אָטעמט פול און זאַפטיק. דאָרף־מענטשן מיט שטאַרק־אָפּגעברענטע פון דער זון פּנימער זענען געקומען באַגעגענען די שטאָטישע מענטשן. פאַרשטויבטע און מידע פון אַ ווייטן וועג. זייערע בייגעריקע בליקן גאַרן צו באַגעגענען אַ באַקאַנטן, אַ חבר.

רינען ווילט זיך דאָ שטאַרק טרעפן שולמיתן מיט יאשען, רעדן מיט זיי אַ פּאָר גוטע ווערטער, אויסגעכאָוועטע דורך לאַנגע חדשים, פון דערווייטן. אָבער זיי זענען ווייט פון דאַנען, גאָר אין אַן אַנדער

געגנט. זי האָט איצט דערשפּירט די מערוועדטיקייט פון דאָרף־מענטש אַנטקעגן דעם שטאָטישן אַרבעטער. — זי האָט זיך אין דער רגע דערזען אַ סך נידעריקער אין דער מדרגה פון דאַניען, וואָס פאַרמאָגט אַזוי פיל עקשנות און אויסדויער.

רינען אינטערעסירן די שבתדיקע עקסקורסיעס און זי דריקט אויס פאַר שעכטערן איר דאַנקבאַרקייט. — אין מיין אַלטן היימלאַנד — זאָגט זי — האָבן ריזיקע שטחים פאַרמאָגט איינע און די זעלבע לאַנדשאַפט — און דאָ באַגעגן איך זיך מיט אַזאַ געמיש פון פאַרבן און באָדנס: אור־פּרימיטיווע, קולטיווירטע — אַלץ אויף איין קליינעם שטיקל שטח.

די וואָכנטעג אין פאַבריק פלעגן גיך אויסוועפּן די אָפּגעפרישטע איינדרוקן פון די שבתדיקע שפּאַצירן, פאַר שעכטערן ווידער זענען די שפּאַצירן ממש געוואָרן אַ בויטוועדיקייט — שוין דערפאַר אַליין וואָס רינאַ באַטייליקט זיך אין זיי. ער האָט זיינע געדאַנקען און חושים קאָנצענטרירט אַרום איר. ווי דורך אַ זעלטן איידעלן שלייער האָט ער זיינע געפילן פאַרזיכטיק איר אַנטקעגן געטראָגן.

און גראָד האָט זיך אין די עקסקורסיעס אַריינגעדרייט ברוריה. אין פלוג איז זי דאָך תמיד געשטאַנען אין אַן „אָפּאָזיציע" צו דעם אַלעמען וואָס קומט פאָר אין דער פאַבריק, און מיטאַמאָל באַקומט זי אַן אינטערעס צו די קאָלעקטיווע אויספלוגן. איר קאָסאָקע אויגל ברענט מיט אַ פאַרשייט־פאַרעטעריש פייערל, זי דערשמעקט דעם בלינדן האַרץ־שפּיל פון שעכטערן צו רינען — און דאָס מאַטערט איר און רייצט.

שעכטערן האָט ביז גאָר געאַרט דאָס מיטפּלאָנטערן זיך פון ברוריהן מיטן מאָגערן צעפּל. זי איז אים געלעגן אויפן געמיט ווי אַ שווערער שטיין.

איינמאָל אַן ערב שבת, ווען דער עולם האָט זיך אַרויסגעלאָזט האָפּעדיק פון פאַבריק, דערשפּירנדיק שוין די הנאה פון מאָרגנדיקן רו־טאָג. פאַר אַלעמען איז שוין באַקאַנט געווען די מעלדונג אויפן וואַנט וועגן דער שבתדיקער עקסקורסיע, געפינט גאָר רינאַ פאַר

נויטיק צו זאָגן שעכטערן, אַז דאָסמאָל וועט זי נישט קענען מיטמאַכן דעם שפּאַציר, זי פֿאָרט אָוועק זיך זעען מיט אירע גוטע פֿריינד, שוין אַ לאַנגע צייט ווי זי קלייבט זיך זיי צו באַזוכן. זי באַדויערט זייער דעם צופֿאַל, און בעת מעשה האָבן אירע בליקן אָוועקגעקוקט אין דער הויך, ווי זי וואָלט איבערגעלעבט אין דער רגע די באַגעגעניש מיט שולמיתן און יאָשאַן.

שעכטערן ווערט עפּעס ענג אין ברוסט. די אויגן אונטער די קאָווע־ברעמען אַנטלויפֿן טיף, נאָך טיפֿער, און פֿון דאָרטן ווינקט צו אים אַרויס ברוריהס שעלמיש אויגל.

— אפֿשר פֿאַרפֿאָלגט איר ברוריהס אָנוועזנהייט? — האָט איר שעכטער האַמעטנע באַמערקט — און באַלד האָט ער דערשפּירט אַ חרטה וואָס זיין מויל האָט אַרויסגעבערענגט. נישט דאָס האָט ער איר געוואָלט זאָגן.

— פֿאַרוואָס עפּעס? — האָט רינעס פּנים זיך אַ וואָלקן געטאָן.

— איך שרעק זיך נישט פֿאַר אַזאַ טייוול, פֿאַר קיין גרעסערן אויך נישט. — מיין אָוועקפֿאָרן טראָגט נישט מיט זיך קיין שום בייזוויליקע כוונות.

7.

אַ הייסע כאַמסין־זון, ווי אַ מעשענער טעלער האָט אַרויסגעבלאַנקט דורך פֿאַרפֿאַרעטע אומקלאָרע הימלען. עס האָט געהייצט מיט געדיכטן פֿייער די צעוואָרפֿענע מאַראַנצן־סעדער און מאַנדל־כרמים. בוימער האָבן פֿאַרטייעט געשמאַכט אין אָנגעהייצטן חלשות, און די הייסע ווינטלעך האָבן פֿוילע און טרוקענע געבלאָזן אין מענטשנס פּנימער. די לופֿט האָט געדעכעט מיט צוגעברענטע האַרבע ריחות. דאָרף האָט געדרימלט אין פֿייערדיקן כאַמסין; עס האָבן געדרימלט די געמויערטע הייזקעס, די געדרייטע זאַמדיקע סטעזשקעס. און מענטשן האָבן זיך געקילט הינטער געמויערטע ווענט. אָבער קלמן סטאָלער איז ווידערשפּעניק צום כאַמסין מיט די בריענדיקע טרוקענע ווינטלעך,

א. ריזועס

צו די אויסבאַהאַלטענע מענטשן הינטער די פאַרקלאַפּטע לאַדנס; ער איז ווידערשפּעניק צו זיין ווייב הינדע, וואָס יאָדעט אים אויף אַ שטילן אופן: דאָ זיץ נישט, דאָ שטיי נישט.

קלמן סטאָליער, אַ קנאַכיק מענטשל מיט נאָכגעהאָנגענע צעשראָקענע הענט, ווי זיי וואָלטן עפּעס פאַרלוירן, האָט אַרומגעבראָדזשעט אין הייסן דרויסן מיט אַ שטרויעלע אין מויל, דאָס בערדל אַ צעפּאָרנס אין אַ זייט, ווי דאָס וואָלט געווען צעקריגט מיטן אויסגעטריקנטן, פאַרבאַקענעם פּנים און גרין־פאַרחלומטע אַגרעס־אויגן. ער האָט אָפּגעוואָרט דעם אויטאָבוס וואָס קומט אָן פון שטאָט און ברענגט תמיד מיט זיך נייע פּנימער און אימפּעט פון דער גרויסער וועלט. די זאַמדיקע גאָס האָט זיך געצויגן פאַר זיינע אויגן באַרג אַרויף און געברויינט מיט טונקלקייט פון לקוי־חמה. הויכע סאָסנע־בוימער שטייען אומבאַוועגלעך, פאַרשפּיצטע און שקוואַרן אין שטויביקער חמימה.

צו זיינע אויערן דערטראָגט זיך דאָס סיקען פון גאַזאָז־קליטל, ווו פאַרשמאַכטע פאַרשוויצטע פאַרקלייבן זיך אַהין אָפּצוגעצן די פאַרטריקנטע ליפּן. אים רייצט אויך די זויער־זיסע קאַלטע משקה, ער פאַרמאָגט אָבער נישט איצט אין קעשענע אַ טאַריפע — די „קאַסע” פון זיינע פאַרדינסטן האַלט זיין ווייב. ער גייט אַרום מער ליידיק, ווי ער אַרבעט. זייך ווייב האָט צו אים אַ טענה, אַז ער בטלט די טעג, ווי דער גביר, דער פּרדסן, און איז נאָך מיט דער דעה פון די פאַריאָכטע אַרבעטער. ווען ער, קלמן, וואָלט פאַרמאָגט אַ גאַנצן פּאַלאַץ — זאָגט ער — איז ער אויך אויפן צד פון אַרבעטער. וואָס איז ער, משטיינס געזאָגט, אַ באַלעבעסל פון אַ שטיקל הייזקע, וואָס פאַרמאָגט אין זיך מער האָלץ ווי ציגל? מיט די אייגענע הענט האָט ער דאָס אַליין צונויפגעקלאַפּט. יאָ, קלמן וועט שוין פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן אַ יגיע כפּים... אַז ער איז נאָך געווען גאָר יונג האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַזעלכע אידעאַליסטן, ווי ער, פון אַ קאַלטן לאַנד און אָנגעקומען דאָ אין הייסן לאַנד, ווו דער טערקישער סולטאַן האָט דעמאָלט געשאַלטעוועט. ער איז דורכגעגאַנגען אַלע גלגולים ביי כל־ערליי אַרבעטן, בכדי מקיים צו זיין דעם „ותחזנה עינינו בשובך לציון”.

קלמן האָט זיך אַרומגעזען אַז דאָס לעבן האָט אים אָפּגעטאָן אויף קאַטאָוועס: האָט ער שוין מיט מזל אויסגעהאַדעוועט צוויי זין — דאַרפֿן זיי, אין יאָרן פֿון קריזיס, אויסוואַנדערן קיין אַרגענטינע — העלפֿן זיי אים איצט אַרויס מיט אַביסל פּעזעס.

ער בראָדזשעט אַרום מיטן שטרויעלע אין מויל. די אויגן, ווי גרינע אַגרעסן, זשמורען אין הייסן כאַמסין־ווינטל, זיי בינדן דעם „עבר" מיטן „איצט". ער זעט ווי דאַרף רייסט זיך ווערן „שטאָט", דאָס סיקען פֿון נאָענטן גאַזאַז־קלייטל פֿאַרמעסט זיך צו זיין אין דער זעלבער מדרגה מיט דעם ווייטן כרך, וואָס גרויסט זיך מיט זיינע גאַסן און ווייסע הייזער. און דאָ אַרום אין די צעוואָרפֿענע מאַראַנצן־סעדער שמאַכטן הונדערטער אַרבעטער אין שווייסיקן יאָך. אין זיינע אויערן קלינגען די טענות פֿון ווייב: זעסט, קלמן, געקומען מיט דיר צוגלייך, אַזעלכע גאַרנישטן, און היינט פֿאַרמאָגן זיי שטיין־רייכע מאַראַנצן־סעדער און כרמים. — ביסט געווען אַ בטלן און וועסט בלייבן אַ בטלן מיט דיינע נאַרישע געדאַנקען.

אין מיטן די מחשבותן און גריבלענישן מיט זיך, האָט מיט געשריי און געבייזער זיך אַריינגעקערעוועט אין זאַמדיקן געסל אַ פֿול־געפּאַקטער אויטאָבוס מיט מענטשן. דער אויטאָבוס האָט זיך גע־וויגט אַהער און אַהין, דער דאַך איז אָנגעהויפֿט מיט טשעמאָדאַנעס און פּעק, און טרומייטן־שאַל צעלאַרעמט זיך און וועקט די איינגע־דרימלטע הייזקעס און הייסן זאַמד. פֿאַרן גאַזאַז־קלייטל האָט דער אויטאָבוס ראַפּטום זיך אָפּגעשטעלט.

קלמן סטאָליער האָט אויפֿגעלעבט. דאָס שטרויעלע אין מויל האָט האַסטיקער געדריגעט. אין איין רגע וואַקסט אויס פֿאַרן אויטאָבוס אַ געזעמל מיט מענטשן. אַ פֿאַרשוין קלעטערט אויפֿן שמאָלן לייטערל צום דאַך, בינד אויף שטריק און לאָזט אַרונטער פּעק און טשעמאָ־דאַנעס צו אויסגעשטרעקטע הענט אין דער לופֿטן. דער אויסגעליידיק־טער אויטאָבוס רייסט זיך אַוועק פֿון אָרט מיט אַ מאַשין־געבייזער, איבערלאָזנדיק אין דער לופֿטן אַ געדיכטן שטויב.

אַז דער שטויב מיט די פּאַסאַזשירן זענען צערונען געוואָרן,

האָט קלמן סטאָליער דערזען שטיין, פּאָר פּעק מיט טשעמאָדאַנעס, אַ הויכן יונגנמאַן אין שטיוול. אַ מיידל איז געזעסן אויף אַ פּאַק אַזוי פּאַרווירט און פאַרלוירן. דער יונגערמאַן האָט געבלאַנדזשעט די אויגן אין דער לקוי־חמהדיקער היץ און צום סוף זיך אַנגעהאַנגען אין קלמן סטאָליער, ווי זיי וואָלטן געטענהעט: זעט, ליבער ייד, אפשר קענט איר פאַר אונדז ווערן אַ גוטער מלאך?

האָט איצט קלמן סטאָליער אַרויסגעוואָרפן דאָס שטרויעלע פון מויל און גוטמוטיק זיך דערנענטערט צו זיי מיט נאָכגעהאַנגענע הענט.

— שלום! — האָט דאָס בערדל זיך אַ קרום געטאָן — איר וואַרט דאָ אויף עמעצן? געקומען איצט פון חוץ־לארץ?

— ניין, קיינעם האָבן מיר דאָ נישט... האָבן ביידע אינאיינעם אָפּגעענטפערט. זיי האָבן ביידע אויפגעלעבט, ווי דערשפּירנדיק אין דעם אומבאַקאַנטן יידן אַ נאָענטקייט — מיר זענען שוין היפשע חדשים אין לאַנד.

קלמן סטאָליער האָט מאָדנע אַ מאַך געטאָן מיט די הענט, געוואָלט פאַר זיי אַרויסווייזן מענטשלעכע גוטסקייט, און אַרויסגעשמייכלט מיט די געמאַרשטשעטע בעקלעך פונעם בערדל. עס האָט ביי אים גע־צייטיקט אַ מחשבה: עס וואָלט כדאי געווען אַריינצונעמען דאָס פּאָרל אין זייטיקן חדרל.

צי דאָס מיידל האָט דערשפּירט די כוונה פונעם יידן? דערפאַר האָט זי אַרויסגעוויזן אַזאַ אָפּנהאַרציקייט פאַר אים, און זיך אָפּגערופן מיט אַ זיפצעלע: — זיי ווייסן נאָך בכלל נישט ווי זיי וועלן זיך דאָ איינאָרדענען. זיי זוכן דאָ, קודם־כל, אַ שטיקל ווינקל פאַרן קאָפּ, מ׳קען דאָך נישט בלייבן אין גאַס אין אַזאַ פייערדיקן גיהנום.

— וואָס איז דאָ לאַנג צו קלערן? — האָט קלמן אַ דזשאַמזשע געטאָן מיט די טרוקענע ליפּן — נעמט די פּעק און קומט מיט מיר, איך וועל אייך אָפּגעבן אַ מקום־מנוחה אונטער מיין דאַך, — אידרט נישט פאַרלוירן גיין.

דער יונגערמאַן אין די שטיוול האָט אַ פאַרנעם געטאָן מיט אַנגעיאָגטער פרייד די פּעק אויפן אַקסל. דאָס מיידל, אַ נידעריקע,

אַ פּולינקע, האָט נאָכגעאײלט מיט צעשטראָלטע אויגן און סאַפּענדיק געשלעפּט אַ טשעמאָדאַן. זײ זענען געגאַנגען אין די פּוסטריט פּונעם גוטן יידן איבער סטעזשקעס, דורכגעקרייצט שטיקער פעלדער. פון דער־ווייטנס האָט אַלץ בולטער און קלאָרער זיך דערנענטערט אַ שטיבעלע.

הינדע, קלמן סטאָליערס ווייב, האָט שוין פון ווייטנס דערשמעקט איר מאַן מיט די אומבאַקאַנטע געסט. זי איז געשטאַנען אין אָפענעם טירל פון הויף מיט בלייכע איינגעפאַלענע באַקן. פון אונטער דעם פאַרבונדענעם ווייסן קאָפּטיכל האָבן אירע אויגן אַרויסגעקוקט צום מאַן מיט שטילן אומעט, די בליקן האָבן גערעדט: האַ? דו ברענגסט מיר שוין ווידער אַן לאַ־יוצלחס פון דער גרויסער וועלט? און וואָס וועסטו האָבן דערפון — אַ לייכטע קעשענע און אַ שווערן קאָפּווייטיק?

קלמן סטאָליער האָט מיט געמאַכטן קוראַזש אַריינגעפירט די פאַרשוויצטע סאַפּענדיקע געסט צו זיך אין הייזקע, געהאָלפן אַרייַנ־שלעפּן די פּעק אין ליידיקן חדרל. אין די פנימער האָט אַ ווייע געטאָן אַ ריח פון פריש געקאַלכטע ווענט. קלמנען זענען נישט אַנגעגאַנגען די שטומע פּראָטעסטן פון זיין ווייב. ער האָט פון זיך געבלאָזן די חמימה און אַרומגעשמייעט מעשה באַלעבאָס אַרום די פאַרוואונדערט־פרעמדע געסט. — מאַכט זיך באַקוועם, בבקשה. אחינו בני ישראל ווערן נישט פאַרלוירן.

* * *

יאַשאַ און שולמית זענען דאָס געווען די אַנגעקומענע געסט, וואָס זענען אַריין וווינען אין קלמן סטאָליערס זייטיק חדרל. מען קען נישט אַנהענגען די שולד, גלייכמאָסיק, אויף ביידן צוליבן פאַרלאָזן דעם קיבוץ. די עיקר שולד נעמט שולמית אויף זיך, יאַשאַ האָט דאָרט יאָ געוואָלט פאַרבלייבן, נאָר זי האָט אים פאַרביטערט די טעג. ער האָט פאַלגעוודיק געטראָגן אין זיך אירע קאַפּריזן, געווען איבער־געלאָדן ביז אַריבער די אויערן מיט טריישאַפט צו איר.

אָט אַן עקשנות פֿון אַ מײדל, אָפּגעפּסקנט נײן, און נײן! זי װיל נישט פֿאַרבלײבן אין קיבוץ. זי װיל נישט צעטרענצלט װערן פֿאַרן כלל, זי האָט געפֿילט אַז זי גײט אײן פֿון טאָג צו טאָג...

און נאָך אַ סיבה האָט צו דעם גורם געװען: רינאַ. רינאַ איז תּמיד פֿאַר איר געװען אַ שפּיגל, זי האָט זיך נאָר פֿאַרקוקט אויף איר. װיפֿל שולמית איז געװען זיכער מיט זיך אַלײן, אין איר אײגענעם גאַנג, דאָך פֿלעגט זי דערשפּירן מערער מאָל, װי די רעלסן װאַקלען זיך אונטער אירע טריט. זי קען נישט פֿאַרדײען רינעס זיגזאַגן־װעג, און די קריװודעס װאָס דאַניע האָט אויסצושטײן פֿון איר.

רינעס אָפּטראָגן זיך פֿון קיבוץ האָט שולמיתן אין גאַנצן גע־פּלעפֿט, זי האָט זיך קײן אָרט נישט געקענט געפֿינען. װי נאָענט און אײגן יאשא איז איר געװען, האָט זי אָבער געפֿילט די גאַנצע צײט, אַז איר פֿעלט עפּעס אײגנס, אַ װאַרימע אַטמאָספֿער. ס׳איז בײ איר רײף געװאָרן דער באַשלוס: זי װעט נישט פֿאַרבלײבן אין קיבוץ!

אַז יאשא פֿלעגט זיך אומקערן פֿון אַ שװערן טאָג אַרבעט, האָט ער תּמיד פֿון איר געהערט די תּרעומות און טענות, אַז זי פֿילט זיך פֿרעמד, אַלע זענען זיך צעלאָפֿן, עס עקט זיך איר די װעלט. האָט יאשא אײנמאָל אַראָפּגענומען די האַנט פֿון האַרצן און תּמימותדיק זיך אָפּגערופֿן: גוט, דו װילסט נישט? װעט מען פּרוּװן אונדזער מזל ערגעץ אַנדערש.

אַז זײ זענען געקומען זיך געזעגענען מיט דאַניען, איז ער געװען אַזױ געקרענקט פֿון דער צעשײדונג. ער האָט אין דער רגע טאָפּל האַרב דערשפּירט רינעס אַנטלויפֿן. דאַניע האָט זײ װאַרעם געדריקט די הענט. דוכט זיך, זײן פּנים האָט געשמײכלט, אָבער אַזאַ װײטיק איז געװען אויסבאַהאַלטן אונטער זײן שמײכל. ער האָט זײ געדריקט די הענט און פֿון אונטער די רײכע אָנגעכמורעטע ברעמען האָט דער טרױעריקער אַרויסגעפֿינקלט פֿון די אויגן — זאָל שוין דער װעג אײערער זײן געבענטשט מיט מער הצלחה — האָט ער זיך מיט זײ געזעגנט מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול. נו, יאָ, ער האָט געמײנט אַז די אידיליע פֿון זײן צוזאַמען װעט אײביק אָנהאַלטן.

יאשא מיט שולמיתן האָבן ווידער געוואַנדערט מיט פאַרבונ־דענע פעק. די וואַנדערונגען פון דאָרף צו דאָרף, פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע זענען באַגלייט געווען מיט שולמיתעס אַן אַ שיעור קאַפּריזן און זיפצעלעך. יאשא האָט דאָס אַלץ מקבל באהבה געווען דורך זיין אייזערנער געדולד — ביז זיי זענען אין יענעם הייסן כאַמסין־טאָג אַריינגעפאָרן אין קאָלאָניע, באַוואָרנט מיט כל־ערליי דאָקומענטן און רעקאָמענדאַציעס צום אָרטיקן אַרבעטס־אַמט.

באַלד דעם ערשטן פאַרנאַכט, ווען זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין קלמן סטאָליערס חדרל, האָבן זיי זיך געמאָלדן אין אַרבעטס־אַמט. דער סעקרעטאַר, אַ פאַרשוין מיט אַ ווייבעריש שמייכלענדיקן פּנים, און אַ גרויסן קאָפּ האָר, אַן אומגלומפערטן, ווי אַ צעוואַקסענער קוסט האָט זיי אויפגענומען מיט אַמטלעכן כבוד. ער האָט די אויגן אַריינ־געזשמורעט אין עם באַרג פאַפּירן און פאַפּירלעך, וואָס יאשא האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש. די פליישיקע נאָז מיטן ברוין־זודיקן ווײַמפערל האָט ביי אים כסדר געצוקט, ווי זי וואָלט נישט פאַרטראָגן דעם רוסישן געפּליסטער פונעם פּאָרל.

דער סעקרעטאַר פון אַרבעטס־אַמט האָט זיך באַצויגן צו די אַרבעטער, נישט ווי אַ דורכשניטלעכער ביוראָליסט. ער האָט פאַרמאָגט אין זיך די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון אַ פּראָווינציאַנעלן דילעטאַנט: ער איז בוכהאַלטער, לערער, אָראַטאָר — און געטריי געוואַקט, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, פאַר דער קדושה פון מענטשן און זיין געוויסן. דער סעקרעטאַר האָט אין יאשען דערשפּירט, באַלד ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אַ וווּנדערבאַרן מאַטעריאַל, וואָס זאָל פעיק זיין צו פאַרדייען זיין וועלט־איינשטעלונג און פּרינציפּן. דער סעקרע־טאַר האָט זיך ביז גאָר צעוואַרעמט מיט זיין רעדן און ער האָט לגמרי נישט געלייגט קיין אַכט אויף דער אומגעדולדיקייט פון שולמיתן — ביי יענער האָט נישט אויפגעהערט צו פּיקן אין מוח: אָט, ס׳וואָלט גאָר נישט שלעכט געווען ווען מען קען שוין מאָרגן אַרויסגיין צו אַן אַרבעט.

הינטער די פּלייצעס פון שולמיתן און יאשאן מערן זיך אַרבע־

טער, געקומענע פון פעלדער מיט אַרבעטס־כלים, וואָס אָטעמען מיט ריחות פון פריש־צעגראָבענער ערד און גרינע פלאַנצן. אומגעדולדיקע ווילן זיי זיך דערשלאָגן צום סעקרעטאַר אין פענצטערל — זיי ווייסן אַז ער האָט ליב אָנצוציען רייד ווי אַ יידענע.

— חבר כספּי! — שרייט מען צו אים אַריין, און מען שטופּט אים צעטעלעך דורכן פענצטערל.

יאַשאַ און שולמית האָבן זיך צוריקגעקערט צו זיך אין צימערל מיט גוטע הבטחות פונעם סעקרעטאַר. ביים אַריינגאַנג אין הויף האָט זיי באַגעגנט קלמן סטאָליער אַ צופרידענער.

— נו, איר האָט דערליידיקט? — האָט ער געגעבן אַ דריי מיט די עלנבויגנס.

— מיר גייען מאָרגן אַרויס צו דער אַרבעט — האָבן זייביידע אים אָנגעזאָגט די בשורה.

— אין אַ מזלדיקע שעה! — האָט קלמן זיי נאָכגעשיקט אַ ברכה.

די ערשטע טעג זענען אַדורך נישט אַזעלכע געהויבענע. יאַשאַ האָט ווי דער שטייגער, געשמייכלט, קומענדיק פון דער אַרבעט, גע־וואָלט מיט דעם פאַרשטעלן זיין מידקייט. ער האָט געאַרבעט מיט אַ טוריע אויף אַ שטיק פעלד, געריסן „אינזטיל" פון אַ ווילדן באָדן. ער האָט נאָך אַזאַ טאָג אַרבעט געשפּירט, ווי איינער וואָלט אים אויסגעדרייט די געלענקען. שולמית האָט געאַרבעט ביי אַ לייכטער אַרבעט — זי האָט אַרומגעזעגט פאַרדאַרטע צווייגלעך פון מאַראַנצן־ביימער. דער צער פון גאַנצע מחנות אומצופרידענע אַרבעטער איז איר געווען אויסגעגאָסן אויפן טונקל־אָפּגעברענטן פנים.

הינדע, דעם סטאָליערס ווייב, פלעגט תמיד זיך באַווייזן אין טיר פון חדרל און מיט שטילע רייד אָנביטן איר הילף: — עס שטייט אַ טשייניק מיט געקאָכטן וואַסער, זי קען אויף איר קנויט־מאַשינקע אויספּרעגלען אייער. — ווו ווען זיי איצט מידע זיך שלעפּן אין רעסטאָראַן צו נאַכטמאָל?

הינדע האָט רחמנות אויף די קינדער וואָס רייסן זיך אַוועק פון טאַטע־מאַמע, פון ווייטע היימען, און קומען אין הייסן לאַנד זיך מאַטערן. מיט רחמנות בענקט זי אויך נאָך אירע אייגענע קינדער, וואָס האָבן זיך אַוועקגעריסן אין דער ווייטער וועלט. טייַלמאָל שטעלט זי זיך אין דער אָפענער טיר מיט אַ פינגער אין מויל־ווינקל און פליסטערט שטילע רייד צו די יונגע שכנים — ווער עס האָט אויסגע־טראַכט — זאָגט זי — צו ווערן אַן אַרבעטער „ביי יענעם", איז גאָר נישט ווערט.

הינדע האָט זייער אויסגענומען ביי שולמיתן. — אַן איידעלע ווילע פרוי — פלעגט זי רימען הינדען פאַר יאשאַן. איר איז געווען צום האַרצן הינדעס שכלדיקע רייד וועגן „תכלית" און פון „אַרויפּ־אַרבעטן זיך". יאשא ווידער האָט אָנגעקוואָלן פון קלמן סטאָליער מיט זיינע טראַציקע רייד וועגן די גבירים, די יידישע שייכן און עפענדיס. ווען ער, קלמן, וואָלט פאַרמאָגט זייערע גייציקע אַפעטיטן, וואָלט ער אויך פאַרמאָגט סעדער און שאַצקאַמערן. קלמן פאַרלייד נישט אַזאַ וועלט פון פאַראַזיטן, וואָס ווערן פעט פון יענעמס שווייס. — צו אַלדי רוחות, די וועלט האָט געמעגט האָבן אַן אַנדער פנים!

אין די פאַרנאַכטן קומען אָפּטער יאשא און שולמית אין אַרבע־טער־אַמט. זיי ווילן זיך דערשלאָגן צו אַ שטענדיקער אַרבעט. מיט יעדן מאָל קומען צום סעקרעטאַר, זעען זיי זיך שטיין אַלץ מער אויף אַ העכערן שטאַפּל פון דערגרייכונג. זיי האָבן ווירקלעך בושא־הן געווען ביים סעקרעטאַר, ווייל יענער רעדט פאַר זיי אַזוי וואַרעם און פאַמיליאַר. ער גיט זיי גוטע פּערספּעקטיוון.

דער סעקרעטאַר מיטן צעפלאָסענעם קאָפּ האָר איז שוין צופיל מיט זיי פאַמילאַר, אפילו היפש צודרינגלעך. ער האָט איינמאָל יאשאַן געראָטן, נישט מחמת דעם ווייל ער וויל אים זאָגן מוסר — נאָר צוליב ריין עסטעטישע נאַציאָנאַלע טעמים זאָגט ער אים דאָס — עס וואָלט נישט געשאַדט, ער זאָל איבערגיסן אין העברעישן מקור זיין האַלב־סלאַווישן און האַלב־דייטשישן פאַמיליען־נאָמען: „יאשא מעלזאַן" — „קמחי" זאָגט אַ סך מער ווי „מעלזאַן". איטלעכער העברעישער קלאַנג

— זאָגט ער — וואָס מיר גיבן צו, איז ווי מיר וואָלטן צוגעגעבן נאָך אַ ציגל פאַרן בנין פון אונדזער לאַנד.

מ׳קען נישט זאָגן אַז דעם סעקרעטאַרס פאַרשלאַג האָט תיכף אימפּאָנירט יאשאָן, ס׳האָט אים עפּעס אויסגעדוכט, ווי מען נעמט ביי אים אַוועק אַ נאָענט־איינגעבוירענע זאַך און מען לאָזט אים שטיין הויל, אויסגעליידיקט.

יאשא שמייכלט צו שולמיתן: — נו, ווי געפעלט דיר דער ענין?

דער סעקרעטאַר איז צעוואַרעמט פון זיין אייגענעם רעדן, ער הויבט זיך אַוועק פון בענקל, זשעסטיקולירנדיק מיט די הענט, ער פירט פאַראַלעלן, וואַרפט מיט ראיות. די האָר ביי אים פלאַטערן אויפן קאָפּ, ווי אַ ווינטל וואָלט זיי דורכגעלופטערט — אָט — זאָגט ער — לשון; רוסיש, די שפּראַך איז דאָך ביי אים איינגעבאַקן געווען אין האַרצן, ווי זיין מאַמע, עליה השלום, וואָס הייסט? ער איז דאָך געווען אויסגע־קאָכט מיט די רוסישע קלאַסיקער, ער האָט דאָך געקענט אויף אויסנ־ווייניק זייערע שריפטן, ווי אַ ייד „אשרי״. שטיקער פּושקין און לער־מאָנטאָוו האָט ער געקענט ווי אַ וואַסער — און היינט, ווי האַלט ער מיט דעם אַלעמען? ער האָט עס אַלץ פאַרוואָרפן. געגוג געדינט פרעמדע געטער.

יאשא באַוווּנדערט דעם חבר כספּי, וואָס קען מיט אַ צויבער־שטעקעלע פאַרווישן די מיטגעבראַכטע, איינגעבוירענע קולטור־ווערטן פון דער אַלטער היים, — און ער אַליין, יאשא, באַמערקט גאָרנישט ווי ער אַקלימאַטיזירט זיך גיך דאָ אין דער קאָלאָניע. ער האָט שוין פון לאַנג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די הויכע שטיוול פון די פיס, וואָס פלעגן דערמאָנען די רוסישע אָן־סופיקע סטעפּעס. אין די שווערע אַרבעטס־שיך און קורצע הייזלעך זעט ער אויס נידעריקער. איצט טיילט ער זיך מיט גאָרנישט אויס פון די איבעריקע דאָרפס־אַרבעטער. נאָך דער אַרבעט קומט ער אויסגעמאַטערט צו זיך אין צימערל. ער גראָבט טיפע גריבער צו פאַרפלאַנצן מאַראַנצן־בוימלעך. שולמיתן טרעפט ער שוין זיצן פאַר אַ קליין שפּיגעלע. איינגעוואַשן און אָפּגעפרישט אין אַ ריין קליידל, דרייט זי מיט אַ הנאה אירע מאַסיווע צעפּ אין רעדלעך

פוןביידע זייטן. יאשא בויגט זיך צו צו שולמיתן און דערשפירט אַ קילע פרישקייט פון אירע האָר און פּנים. זיין מויל, וואָס האָט גראָד געלעכצט נאָך אַ פרישן טרונק וואַסער, האָט אַ קוש געטאָן אירע אָפּגעפרישטע פולע ליפּן.

אין חדרל וואַקסט אַ געמיטלעכע וואַרעמקייט, עס שטייגט בהדרגה פון טאָג צו טאָג.

מיטן שפּראָץ פון פּיאַלעטן באַגינען שטייען שוין ביידע אויף די פיס, גרייטן צו עסנוואַרג אין די קלומעקלעך. זיי לאָזן זיך אַוועק איבער די זאַמדיקע סטעזשקעס, וואָס זענען איינגעזאַפּט מיט נאַכט־ראָסע, זיי שפּרייזן צו זייערע אַרבעטס־פּלעצער. די אויפגייענדיקע זון צינד אין קופּער די גרינע מאַראַנצן־סעדער און פעלדער. צענדליקער טריט פון אויפגעוואַכטע אַרבעטער מעקן דעם באַגינען פון דער ערד.

שולמית פאַרקערעוועט זיך אַרונטער צום טאָל, טראָגנדיק מיט זיך אַ קלומעקל עסן אויף אַ גאַנצן טאָג. אַ מאַנדל־כּרם קלעטערט באַרג אַרויף און טוליעט זיך אין אַ זאַפטיקן גרין. פון ווייטנס קומען אַנטקעגן יונג־פאַרפלאַנצטע מאַראַנצן־סעדער. זיי לויפן אין גרין־סימעטרישע שורות, דרייען זיך אין שולמיתס אויגן, ווי זאַפטיקע גרינע פעכערס. יאשא פאַרנעמט זיך ווידער שפּרייזן דורך אַ פעלד, ער דרייט אויס אַלעמאָל דעם קאָפּ צום טאָל און קוקט נאָך שולמיתן, ווי זי ווערט וואָס אַמאָל קלענער און קלענער, ביז זי דערווייטערט זיך פון אים — און ער פאַרלירט איר אין גאַנצן פון די אויגן. ער שפּרייזט איבערן פעלד און אין האַרצן טראָגט ער איר די גאַנצע צייט. איבערן פעלד שפּרייזן נאָך אַרבעטער אַזוי ווי ער, יעדער איינער איז פאַרטיעט אין מחשבות און נשמה־געראַנגל. פון ווייטנס קלאַפּט אַ מאָטאָר, ער טרייבט וואַסער מיט גרילץ און ווידערקול פאַר דאַרשטיקע מאַראַנצן־בוימער. די מאָטאָר־קולות הילכן מיט געמאָסטענעם ריטם, ווי זיי וואָלטן פריידיק אויסגע־פויקט אַ הימן פאַרן זוניק־אויפגעוואַכטן טאָג.

יאשא שניידט מיט דער טוריע גריבער, ווי פירקאַנטיקע טיפע קאַסטנס. ער וואַרפט אַרויס וואַגיקע פּאַרציעס באָדן אין דרויסן. ער אַרבעט קאָנצענטרירט, מיט אימפּעט און ריטם. נאָכן ענדיקן אַ גרוב, זעצט ער זיך אַוועק רוען אויף דעם אָנגעהויפטן באָדן, באַלד שטעלט ער זיך אויף, גלייכט אויס דעם אויסגעקרימטן רוקן. זיין שכן שטייט שוין היפש ווייט פון אים, דוכט זיך, יענער איז אַ נידעריק מאָגער גופל, אָבער ווי אַ מאַדים שליידערט ער אַרויס דעם באָדן פון די גריבער.

— דו הערסט! — שרייט אַריבער צו יאשאן דאָס פאַרשווינדל — צו די טייערע גריבער גילט נאָר חכמה, נישט קיין כוח — און נישט אַזוי חכמה ווי מזל, דאַרפסט, יאַכאַביבי, אָנטרעפן אַ גוט שטיקל באָדן, ווייכן זאַמד, נישט קיין קורקאַר אָדער האַרטע שוואַרצע פּאַסקודסטווע, זאָלסט אַוועקלייגן די ציינער דערביי — נגע — אַ שאָד די צייט, האָט דאָס מאָגער גופל קונציק אַ שפּיי געטאָן אין דער לופטן — מען דאַרף צוּיאָגן דאָס האַלבע פונטעלע און גיין אַהיים.

פאַר יאשאס אויגן זענען די גריבער צעכראַסטשעט מיט די אַרויס־געריסענע אינגעווייד. ער שניידט פון פאַרעקשנטן באָדן און ערגערט זיך וואָס די גריבער גייען ביי אים אַזוי לאַנגזאַם.

יאשאן האָט מען ליב ביי דער אַרבעט, ווייל ער שטעלט זיך נישט אַנטקעגן מיט עזות, ער האָט פיינט זיך צו אַמפּערן און קריגן פאַר יעדער קלייניקייט, ווי ער זעט עס ביי אַנדערע אַרבעטער. זאַרגעוודיק זאַמלט ער אין זיך אַלעמענס גוטע רייד — און די גוטע הבטחות פון סעקרעטאַר כספּי, אַז ער וועט פאַרבלייבן פון די שטענדיקע אַרבעטער אין יונגן פּרדס וווּ ער גראָבט איצט די פלאַנץ־גריבער. ס'איז אים קלאָר מיט אַלע פּליטערלעך, אַז אויף דעם באָדן וואָס ער באַאַרבעט איצט האָט אַמאָל געבליט אַ מאַנדל־כרם, דער גאַנצער שטח איז דאָס אייגנטום פון רייכן אשכנזי. יענעם האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר די צעפרעסענע מאַנדל־בוימער, דורך די אינזעקטן, וועלכע גיבן שוין מער נישט קיין פּרוכט. און פאַר דעם האָט זיך געקימערט נישט אַזוי ער, אשכנזי, ווי זיין פרוי, די מאַדאַם אַלגאַ, וועלכע ווייסט ווי צו

פאַרוואַנדלען וויסטן באַדן אין אַ גאָט־געבענטשטן גאָרטן מיט גאָלדענע אָראַנזשן.

יאשא זעט אַלע טאָג ווי מאַדאַם אָלגאַ קומט אַנגעריטן אויף אַ גראָען אייזל, באַהאַנגען מיט קאָלירטע באַמבלדיקע טראָלדן. זי זיצט אין אַן אָריענטאַליש געשמוקטן זאָטל, ווי אַן אינדישע פּאַקירן; אירע בלאָנד־שטרויענע האָר זענען פאַרבונדן אין אַ משונהדיק־געשטרייפטן שאַל. אַז דער צעגראָבענער שטח דערשפּירט דאָס אָנקומען פון דער געוועלטיקערין, הויבן זיך די טוריעס אַרויס פון די גריבער מיט אימפּעט און ברען. די שטאָלענע שאַרפן בליצן מיט שטיקער זון. די מאַדאַם אָלגאַ לאָזט שטיין דעם אייזל און שמייעט אַרום פון איין גרוב צום אַנדערן, לאָזט אַרונטער אין דער גרוב־טיפעניש די מעטער־מאָס. — מער פּעלט נישט, זי זאָל נאָר דערטאַפּן אַ פאַלש־אויסגעגראָבענע מאָס, עס גיבן זיך באַלד אַ צינד אָן אירע בלאָנד־וואַסערדיקע אויגן און זיי פאַרוואַנדלען זיך אין שאַרפע שפּילקעס, — אדוני! — גיט זי זיך אַ צעזינג — גראָבט אויס טיפער, איך צאָל נישט אומזיסט קיין געלט.

יאשא פאַרליידט נישט דעם ווייבערישן ירגזון, ביי אים האָט זי געפּועלט, ער וועט שוין באַדאַי גראָבן טיפער, ער זעט שוין ווי אַזוי מען קען איר נאַרן. אירע שאַרפע אויגן נישטערן אין אַלע ווינקלען. די מאַדאַם אָלגאַ פירט אַליין אַן מיטן פּלאַן פון פּרדס. אַליין איז זי אַ באָטאַניקערין, שטודירט אין אויסלאַנד. איר שיטה פון די פּלאַנטאַציעס איז די סאַמע בעסטע. זי איז אַ פעדאַנטין אויף ריכטיק־אויסגעגראָבענע ערד־שיכטן, ברייטע רווחים צווישן די בוימער — די וואָרצלען זאָלן נישט דערשטיקן איינס דאָס אַנדערע. די בוימער וועלן אויסטראָגן פילצאָליקע פּרוכטן.

ביי די אָרטיקע אַרבעטער איז די מאַדאַם אָלגאַ באַקרוינט געוואָרן מיט אַ ביינאָמען „יעקאַטערינאַ די צווייטע״, מחמת דעם וואָס זי פירט אָן איר מלוכה מיט אַ שטאַרקער האַנט. אשכנזי מיט זיין ווייב האָבן זיך איינגעטיילט מיט גאָטס יצירה אויף אַזאַ אופן: אָלגאַ וועט האָבן די שליטה אויף דער ערד מיט אירע פּלאַנצונגען, און אשכנזיס אויג וועט נאָכפאָרשן די חיות און שרצים וואָס פּרוכפּערן זיך אויף גאָטס ערד.

אשכנזי, דער זאָאָלאָג, האָט לאַנגע יאָרן שטודירט אין אויסלאַנד און קומענדיק צוריק אין לאַנד האָט ער פאַרגעזעצט זיינע פאָרשונגען ביי זיך אין היים. זיין קאַבינעט איז געווען פול מיט אויסגעשטאָפּטע האַריקע חיות, מיט קאָלעקציעס שלאַנגען און אויסגעשטאָפּטע פייגל אונטער גלעזערנע קאָלפּאַקן.

ערב פאַרזעצן די שתילים האָט זיך אשכנזי באַוויזן אויפן אַרבעטס־שטח. ער איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון סעקרעטאַר כספּי. יאשא האָט גראָד געהאַלטן ביים פאַרענדיקן אַ גרוב, אויסקראַצנ־דיק מיטן שאַרף פון דער טוריע ס׳לעצטע ביסל ערד.

— שלום קמחי! — שרייט אַריין דער סעקרעטאַר צו יאשאן אין גרוב. — אָט דער־אַ יונגערמאַן — דרייט כספּי אויס זיין ווייבעריש פּנים צו אשכנזין — איז אַ ריכטיקער קאַנדידאַט צו פאַרבלייבן אַלס שטענדיקער אַרבעטער אין אייער פּרדס. ער איז אַ מענטש מיט אחריות, עס איז דאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן.

די צוויי פאַרשוינען וואָס זענען געשטאַנען איבערן גרוב האָבן אין יאשאס אויגן אויסגעזען, ווי אַראָפּגעפאַלענע מלאכים פון הימל, און ער אַליין זעט זיך עפּעס אויך אין דעם ענגן גרוב, ווי פון אַן אַנדערער נייגעבוירענער וועלט. דער נאָמען „קמחי", וואָס כספּי האָט אים מיט כוח אַ וואָרף געטאָן אין גרוב אַריין וועט אים ברענגען מזל, פּונקט ווי אַ פויגל וואָס ציט אַרויס אַ מזל־צעטעלע פון אַ שפּיל־קאַסטן.

כספּי מיט די קורצע פיס פון אונטער דער אַריבערגעלאָזענער לאַנגער בלוזע, ווי אַן אַראָפּגעהאָנגענער זאַק, האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אשכנזין צו די ווייטערדיקע שורה גריבער, פון וואַנען עס האָבן זיך געהויבן מיט קוראַזש שטאָלענע טוריעס. יאשא האָט אָנגעהויבן עפענען אַ נייעם גרוב. מיט די אַרויסגעשטאָטענע פאַרציעס פריש־פייכטן באָדן, האָט ער באַגריפן, אַז אויך פאַר אים עפנט זיך איצט אַ ניי קאַפּיטל אין לעבן.

אין חדרל שטראַלן וואָרעמער שולמיתעס אויגן, שטראַלן אַנדעריש ווי אַלעמאָל. גוטע האָפענונגען קוועלן אין איר ברוסט. איינמאָל גיט

זי אַ זאָג יאַשען מיט אַ באַטעמט זיפצעלע: — דו ווייסט, יאַשאַ, מיר וועלן דאַרפן שטעלן אַ חופה, מ'קען שוין לענגער נישט אָפּשלעפן.

שולמית האָט פאַרטייענדיק געלויכטן ווי אַן איבערגעפּולטער לאָמפּ.

יאַשען האָט די איבעראַשנדיקע נייעס צעוואַרעמט מיט שטייגנ־דיקן פיבער, מיט געוויכטער אין ברוסט — יאָ — האָט דאָס מויל געפּלאַפּלט — ער מיינט אויך אַזוי, מען דאַרף טאַקע.

שולמיתן האָט כסדר באַגלייט אַן אומגעדולד, געמישט מיט קוועלנ־דיקער פרייד, די בלוטן האָבן ביי איר געפּאַליעט העל, זינגעוודיק.

און אומגעדולדיק איז אויך געווען איר באַלעבאָסטע, הינדע. יענע וויל שוין אָפּנעמען סוף־חודש דאָס דירה־געלט פון די נייע שכנים. הינדע איז אַרומגעגאַנגען מיט שטילע טריט און מיט טיפן אומעט אין די אויגן, און מיט אַן אומעט אין די איינגעפּאַלענע באַקן. זי האָט געהאַט שטילע תרעומות צום מאַן, וואָס פאַרעט זיך אין וואַרשטאַטל אויפן הויף מיט זעג און הובעל — און פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע.

סוף חודש האָט זי אָפּגענומען פון שולמיתן דאָס דירה־געלט. אירע איינגעפאַלענע באַקן האָבן אויפגעלויכטן מיט ראָזע פאַרב. איר האַנט האָט דערפילט די וואָג פון זילבערנע מטבעות, און ביי איר אין האַרצן איז ליכטיק געוואָרן. — זאָל מען דערלעבן פון אייך נחת — האָט זי אַרויסגעפּליסטערט פאַר שולמיתן אַ שטילע ברכה.

שולמית האָט די ברכה געטוליעט צום האַרצן. אייננמאָל אַ טאָג האָבן זיי זיךביידע באַפרייט פון דער אַרבעט, זיי דאַרפן אין שטאָט דערליידיקן אַ וויכטיקן ענין. דער אויטאָבוס האָט זיי געפירט אין נאָענטן כרך — דאָרט וועלן זיי דורכפירן די „כתובה" מיט דער חופה. פון ביידע זייטן שאָסיי זענען פאַר זייערע אויגן געלאָפן גרינע מאַראַנצן־סעדער. בוימער שווינדלען און דרייען זיך רייך־צעוואַקסענע מיט אָנגעלאָדענע פּרוכטן. שולמית זיצט צונויפגעדריקט מיט יאַשען אין אָנגעפּראָפּטן אויטאָבוס, אירע געדאַנקען טראָגן זיך איבער ווייטע לענדער און סטעפּעס, צו אירע עלטערן — זי האָט זיי הייליק פאַרשפּראָכן זייער ווילן.

פאַרנאַכט איז דער אויטאָבוס צוריק אַריינגעפאָרן אין קאָלאָניע מיט געפּילדער און שטויב. אַריינגעוויגט זיך מיט בענזין־טשאַד צום

גאַזאַז־קלייטל. יאשא און שולמית האָבן זיך אַרויסגעשאָטן מיט די פּאַסאַזשירן אין זאַמדיקן געסל, זיי האָבן זיך ווידער אָנגעטראָפן מיט קלמן סטאָליער, וואָס האָט תמיד אָפּגעוואַרט נייע פּנימער און אויס־געדאַכטע גליקן.

— שלום, ווו זענט איר דאָס געווען אַ גאַנצן טאָג? — האָט ער פּאַר זיי אויסגעשטרעקט די הענט, פּונקט ווי ער וואָלט זיי שוין נישט געזען, ווער ווייסט ווי לאַנג.

שולמית און יאשא האָבן זיך פּאַר אים דורכגעשלייכט אומגע־דולדיקע, דערשעפּטע, אַרונטערלאָזנדיק די אויגן צו די זאַמדן. יאשא שפּרייזט אויף די זאַמדן און ער האָט דאָס געפיל, ווי די שיך־זוילן טרעטן נאָך אויף דעם צעפלאַצטן קידוש־גלעזל. ס'איז אים אויסגעקומען משונהדיק די צערעמאָניע אין אַ פּראָסטן וואָכן־טאָג אונטער די פיר דרענגלעך, איבערגעדעקט מיט אַ קאָלירטן שבתדיקן טישטוך. וויפל ער האָט זיך געסטאַרעט צו שטעלן גלייכע טריט מיט זיין „פּאַרקנסט ווייבל„ — איז שולמית, אַ פּולינקע, מיט איילנדיקע טריט, דאָך געבליבן הינטערשטעליק פון אים. שולמית האָט שוין געוואָלט זיין אין חדרל, אַרויסברענגען אויף אַ בויגעלע פּאַפּיר די דערהויבענע געפילן פון הארצן, זי וועט אַוועקשיקן צו אירע עלטערן די לאַנג־געגאַרטע־בשורה.

8.

אין פלוג האָט דער יונגער אשכנזי באַדאַרפט ירשנען די מידות פון זיין טאַטן, דעם לאַנדוויירט. דער אַלטער אשכנזי, דער אַמאָליק איינגעוואַנדערטער בילועץ, האָט אין די יונגע יאָרן זיך איבערגעגעבן דער ערד מיט אייפער און ברען. מיטן כוח פון זיין אידעאַל איז ער געוואָרן אייגנטימער פונעם באָדן, וואָס האָט זיך צעבליט אין דער וויסטעניש. פאַרן יונגן אשכנזי איז אָבער דעם טאַטנס אידעאַל גע־בליבן פאַרעלטערט, אים איז ליבער געווען צו וווינען אין די אויס־

לענדישע שטעט, שטודירן דאָס לעבן פון חיות און געפליגל, וואָס פּרוכפּערן זיך אויף גאָטס ערד. און אויף דעם טאַטנס ערד האָבן געפּראַצעוועט די דזשעמאַלס, אַכמעדס און אבדולעס, די אייניקלעך פון אברהם אבינוס קעפּסווייבער. זיי האָבן געגראָבן קאַנאַלן און גריבער, האָבן געאַקערט בייטן. צוזאַמען מיט די פּעט־צעבליטע מאַנדל־בוימער און וויינשטאָקן איז אויך רייכער און פולווייביקער געוואָרן דער לאַנד־ווירט. דעם בילו־אידעאַל האָט ער שוין געהאַט אין גאַנצן פאַרטאָכ־לעוועט אין דער צעבליטער ערד. זיין טריי ווייב איז פון אים אויך נסתלק געוואָרן. די געבענטשטע ערד האָט דאָס אַלץ אין זיך פאַר־נומען. איז ביי אים אין האַרצן פאַרבליבן אַ הוילקייט צו העכערע פאַרלאַנגען. ער איז געוואָרן נאָכגיביק צו די קאַפּריזן פון זיין איינ־איינציקן זון אין אויסלאַנד, וואָס קלעטערט אין די שווייצאַרישע בערג און יאָגט זיך נאָך זעלטענע עקזעמפּלאַרן פון פייגל. אָט קלייבט ער זיך אינאיינעם מיט אַלגען אין אַ זאָאָלאָגישער עקסקורסיע צו די אַפריקאַנער דזשונגלס — דאָרט וועלן זיי פאָרשן די סובטראָפּישע ווילדע חיות. דער זון האָט איצט חתונה געהאַט מיט אַלגען, זייער שכנס אַ טאָכטער, אַ סטודענטין־באָטאַניקערין. זייענדיק נאָך יונגע קינדער ביי טאַטע־מאַמע אין דאָרף, האָט זיך ביי זיי פאַרקניפּט אַ ראָמאַן. זייערע ליבע־עקזאַלטאַציעס זענען באַגלייט געווען מיט אַפּטע קריגערייען און אַרומרייסענישן — אַ סימן פון אמתר ריינער ליבע. זענען זיי געקניפּט און געבונדן געווען אין זייער לעבנס־וועג, נישט געקוקט וואָס זיי האָבן זיך גראָד אויסגעקליבן צו שטודירן צוויי באַ־זונדערע פּראָפעסיעס.

אַלגעס מוטער האָט שטאַרק צוגערעדט דעם אַלטן אשכנזי, ער זאָל נישט פאַרזיצן לאַנג אַן אלמן, — איינזאַמקייט איז נישט פאַר קיינעם געדאַכט ערגער פון אַ קרענק. — זי האָט פאַר אים אַ לייטישע פרוי, אירס אַ קרובה פון אַ נאָענטער קאַלאָניע, אויך אַן אלמנה, רחמנה־לצלן, פאַרמאָגט הונדערטער דונאַמס באַדן און מאַראַנצן־סעדער. ווי אַזוי קען ער, אשכנזי, איבערלאָזן די ווירטשאַפט אויף סאַידס הענט? — זאָל מען איבעררייסן — זאָגט זי — דאָס שטודיום פון די

קינדער און זיי אַהערברענגען צו דער ווירטשאַפט. אַלגעס מוטער האָט אים געגעבן אָנצוהערן זיין איינזאַמען מצב.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער טרויבן־סעזאָן. די טעג איז חודש תמוז האָבן געברענט מיט חמימה אין די ווייגאַרטנס. די פולע שטענגלען טרויבן האָבן געקוואָלן פון צייטיקייט, געפּלאַצט פון וויינ־קער זיסקייט אונטערן פייער פון זון. טראָפּנס ווייך האָבן געטריפט אין די זאַמדן און צעטומלט די פאַרשכורטע מוראַשקעס אין זייער אייפערדיקן לעבנס־גאַנג. די דזשעמאַלס, אכמעדס און אבדולאַס האָבן פלינק און ראשיק געשניטן די בינטלעך פרוכטן, געזאַמלט אין די קערב.

דער אַלטער אשכנזי איז אַרומגעגאַנגען אין כרם הויך־געוויקסיק און פוללייביק. אין דעם עשירות פון די ווייגשטאָקן, צעגלידערטע און פאַרפלאָנטערטע איינס אין אַנדערן, האָט ער זיך אַרומגעשלייכט אַזאַ פאַר־איינזאַמטער און דערשפּירט אַרום זיך אַזאַ שטייגנדיקע אָרעמקייט. די בלוטן האָבן געפּאַליעט צום מוח און געפּלאָנטערט די רעיונות. עפּעס האָט ער אויפגעהערט צו וואַרפן שליטה איבער די אַראָבער־ייִנגלעך, וואָס האָבן דווקא פאַר אים אַרויסגעוויזן בריהשקייט און קנעכטישע חניפה, שטייענדיק געבויגן מיט די רוקנס ביים שניידן די טרויבן. טיף אין אשכנזיס ברוסט קלאַפּט האַסטיקער און שווערער, מערער ווי אַלע־מאָל, פּונקט ווי ער וואָלט געהערט ביי זיך דאָס ריטמישע קלאַפּן פון מאַטאָר, וואָס צעטרייבט פון די טיפענישן שטראָמען וואַסער. די בלוטן יאָגן צום מוח און ווילן ביי אים אָן ענטפער: די מאַנדל־בוימער ווערן וואָס אַ יאָר מער צעפרעסן פון די שעדלעכע אינזעקטן. די בוימער בלייבן שטיין נאַקעט־פאַרדאַרטע אָן אַ טראָפּן חיות. די צווייגן הושכן טרוקן־צעדריוולטע, אָן אַ סימן פון גרין־זאַפטיקע בלעטער. הייַנטיקס יאָר איז נישט קיין גערעטעניש — ווייניק רעגן געווען, די ווייגשטאָקן צאָלן נישט מיט קיין שפע. אשכנזי, אַזאַ שווערער בעל־גוף שלייכט זיך אַרום אין דער חמימה ווי אַ שאָטן. ער זעט זיך עפּעס היינט מערער פאַראייינזאַמט ווי אַלעמאָל. — זאָל ער זיך לאָזן איבעררעדן פון אַלגעס מוטער? זאָל ער מסכים זיין צום שידוך? — און ווי וועט זיין זון רעאַגירן אויף דעם? ער דאַרף דאָך שוין אַהיימקומען מיט אַ פאַרטיקן

דיפּלאָם! אין מיטן זײַנע מחשבֿותן און נשמה־ראַנגלענישן איז אים עפּעס אַזוי ענג געוואָרן אינעווייניק, פאַר די אויגן האָבן זיך אים גערעדלט פינצטערע רינגען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן, די הענט האָבן קאָנוולסיוו ווי עפּעס אַ כאַפּ געטאָן אין דער לופט, פאַרן פּנים האָט אים אַ פלאַם געטאָן הייס און געדיכט, אין מוח צינדט זיך פייער. עס פלאַמט אין די אויערן. ווי אַן איינגעבראָכענער בוים האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און אַ פאַל געטאָן ביי די קערב פון די טרויבן.

די דערשראָקענע אַראַבער־ייִנגלעך זענען פון פחד און גרויס געאייל זיך צוזאַמענגעלאָפן פון אַלע עקן, פון דעם צעוואָרפענעם ווייַנגאָרטן, זיי זענען צוגעפאַלן צום כאַוואַדזשאַ אשכנזי.

דער אַלטער אשכנזי האָט זיך נישט געקענט רירן פון דער ערד. דאָס פּנים און די בלוט־פאַרלאָפענע אויגן האָבן געצילט צו געוועלב־טער הויכקייט פון הימל, צו די פאַרגליווערט־הענגענדיקע וואָלקנס, וואָס דער צעגאָסענער נילוס אין מצרים האָט זיי אַהערגעיאָגט אין הימלישן בלוי. די שוויס־באַגאָסענע אַראַבער־יונגען האָבן סאַפּעדיק גיך אַרויפגעלייגט דעם אַלטן שווער־וואָגיקן אשכנזי אויף אַ וואָגן און געברענגט אין געאייל צופירן אין קאָלאָניע. זיי האָבן אויפן גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו פּליסטערן פאַרכטיקע שפּרוכן צום ליכטיקן אַללאַ אין הימל. דער וואָגן מיט די פאַרשוויצטע מויל־אייזלען זענען געבליבן שטיין פאַרן טויער פון אשכנזיס הויף.

* * *

אַז דער יונגער אשכנזי איז צוריקגעקומען מיט אַלגען פון אויס־לאַנד, האָט ער געטראָפן דעם טאַטן צוגעשמידט אין הויז. אַ האַלבער גוף איז אים געווען געליימט. זײַן רעדן צום זון איז שוין נישט געווען ווי פון אַ בר־דעת. ער האָט געשטאַמלט חסר־דעהדיק און זיך צעוויינט אַלעמאָל ווי אַ קינד. סאַיד, דער הויף־דינער, האָט זיך געפּאָרעט אַרום דעם געליימטן טאַטן. ווי אַ מאַמע האָט ער אים אַרומגעוואַשן און

געגעבן עסן. געקאָרמעט אים מיט אַ לעפל. פאַר דעם יונגן כאַוואַדזשאַ מיט אַלגען האָט סאַיד אַרויסגעוויזן אַזוי פיל הכנעה און קנעכטשאַפט, ביים אַריינברענגען פון הויף דעם זודיק־רוסישן סאַמאָוואַר, ביים פאַר־בריען פריש־שמעקנדיקן טיי. דער האַלב־געליימטער טאַטע האָט זיך געשאַרט ביי די ווענט און געשלעפּט אַ פוס. די ציטערנדיקע האַנט האָט געטרייסלט דעם שטעקן, וואָס האָט געטאַפּט פאַר זיך אַ וועג און פלוצים פלעגט ער אַרויספּלאַצן מיט אַ געוויין. עס איז שווער געוועזן תופס צו זיין, צי דאָס געוויין איז מחמת פרייד, וואָס זיין זון איז ענדלעך צוריקגעקומען פון אויסלאַנד מיטן פּאַרטיקן דיפּלאָם פון דאָקטאָר זאַאַלאָג. דאָס וויינען און העשן ווי פון אַ קינד, האָט אפשר מער צוויסן געגעבן פון זיין מאַטערנדיקן סוף? אָדער איז אפשר זיין געוויין מחמת קריוודע פאַר די צעפרעסן אויסגעדאַרטע מאַנדל־ביימער אין די צעוואָרפענע כרמים? — ער האָט צעטראָגן, שטאַמלענדיק איבערגעחזרט: זיי גייען אונטער, זיי גייען — —

דער יונגער אשכנזי האָט נישט פאַרויסגעזען אַזאַ גיכע פאַר־ענדערונג ביים טאַטן אין שטוב. עס איז אים נישט געוועזן צום האַרצן דער עול פון אַ לאַנדווירט, וואָס ער דאַרף בעל־כרחה אויף זיך טראָגן. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן אַנגעכמורעט און צעטראָגן. זיין פולער קאָפּ איז אים תמיד אויסגעראַזירט, ווי אַ נאַקעטער אַרבוז, און פון אונטער די שפּיציקע ברעמען פינקלען די אויגן און טראַכטן פון פליכטן, וואָס יאָגן זיך אויף אים איינס איבערן אַנדערן. דעם גרעסטן צימער אין וווינונג האָט ער אָפּגעטיילט פאַר זיך ווי אַן אַרבעטס־קאַבינעט, כדי דאָרט זיך אָפּצוגעבן מיט פאָרש־אַרבעט. דורך די ברייט־צעפּראַלטע פענצטער זעט ער פאַר זיך צע־וואַלגערטע פעלדער, וואָס פאַרנעמען זיך העט ווייט אַוועק, די אויגן טרעפן זיך אָן מיט גרינע שטחים פון מאַראַנצן־סעדער און מאַנדל־כרמים.

אַלגאַ קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף איר מאַן. — זיינע חושים און פעיקייטן זענען גאָר געצילט אין אַנדערע וועלטן. אַלגאַ האָט איבער־גענומען די פירונג איבער אשכנזיס גיטער און סעדער. איר פלייס און באַטאַנישע קענטענישן שענקט זי אַוועק דעם באָדן. אין דער ווירקלעכ־

קייט זעט זי זיך שוין ווי אַ יורשטע פונעם האָב און גוטס — ביי איר וועט שוין נישט פוסטעווען סתם אַזוי באָדן! — מענטשלעכע הענט וועלן באַפרוכפּערן גאָטס ערד!

לכתחילה האָבן זיך גלייך געשאַפן חלוקי־דעות צווישן אַלגען מיטן מאַן. אויף אַ גרויסן שטח פון אַ פאַרוואָרלאָזטן מאַנדל־כרם האָט אשכנזי געפּלאַנט צו פאַרפלאַנצן אַ וואַלד פון סאָסנע־בוימער. דער הייסער אַקלים נויטיקט זיך אין שאָטן — האַלט ער — די לונגען דאַרפן איינאָטעמען ריחות פון טריפנדיקע נאָדל־בוימער. און ועל־כולם — זאָגט ער — דאַרף מען אויך געבן אַ מקום מקלט פאַר חיות און פויגל. אַלגאַ פאַר־בויגט איר מאַנס נישט רעאַלע טענות, וואָס זענען נאָר פאַר מעשה־ביכ־לעך. זי זאָגט אים גאַנץ אָפן: — זי דאַרף נישט קיין „וועלדער"! — אָראַנזש־סעדער גיבן ריווח און גאָלדענע שפּייז פאַרן מענטשן, זי איז נישט מחויב צו האָדעווען חיות אין וואַלד.

און ווידער איז זי נישט מסכים מיט איר מאַנס אידעען וועגן „נאַ־ציאָנאַלן הומאַניזם", וועגן אָט דעם פּראָבלעם האָט ער שוין פאַרטיק אָפּצודרוקן אַ בראָשור. ער איז גרייט אַריינצונעמען צו דער אַרבעט די אַהערגעקומענע חלוצים אין זיינע פּרדסים און כרמים. אַלגע איז אויסער זיך: איר מאַן איז פאַרשווענדעריש און בידים באַגראָבט ער געלט אין דער ערד! — אַ פעלאַך באַצאָלט זי אַ העלפט פון אַ יידן. אשכנזי בלייבט איר נישט שולדיק מיט קיין ענטפער, ער זאָגט איר, אַז דער טאַטע האָט אויסגעכישופט דעם איצטיקן אַזיס אויף דער אַמאָליקער וויסטע־ניש אַ דאַנק דער פּראַצע פון די אַראַבער־יונגען. קנעכט קענען נאָך אַמאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין מורדים — עס וועט זיך זיי פאַרגלוסטן אין אַ מטורפער צייט צו פאַראייגענען פאַר זיך דעם טאַטנס גוטס.

דער אַלטער אשכנזי האָט זיך שוין מער נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אין די אַמפּערייען צווישן זיין זון און אַלגען, ס'פלעגט אים אַלעמאָל אַ יאָג טאָן אַ כוואַליע פייער איבערן מוח. דער שווער־געליימ־טער גוף האָט געקראַמפט אין זשאַרעדיקער היץ, זיינע געוויינען האָבן זיך היסטעריש צעטראָגן איבער די צימערן און ווענט.

* * *

אַז אַלגע האָט איבערגענומען די ווירטשאַפט אין אירע הענט, האָט אַלץ אָנגעהויבן צו פּולסירן דינאַמישער, עס האָט באַוועגט ערד און מענטש. דער פּאַרכישופטער שפּרוך פון דער „באַלפור דעקלאַראַציע״ האָט צונויפגעיאָגט יונגעלייט מכל תפוצות העולם. זיי זענען געקומען אָנביטן זייער כוח צו באַאַרבעטן און העלפן באַפרוכטן די וויסטע ערד. די יונגעלייט זענען אויך דערגאַנגען צו די טויערן פון אשכנזים מאַראַנצן־סעדער און ווייַנגאָרטנס.

דער אַלטער אשכנזי האָט שוין פון לאַנג זיך אַריבערגעקליבן אויפן עולם האמת. די ווענט פון די גרויסע צימערן האָבן זיך אָפּגעוווינט צו הערן די היסטערישע געוויינען פון אַלטן, דערפאַר האָבן שוין די ווענט אויפגעכאַפּט אַנדערע קולות — קולות באַפעלערישע מיט אַ פּרוויאַישן פּאַלצעטל: — סאַאיד, סאַיד, ווו ביסטו?! אָט די דאָזיקע קולות פלעגן זיך הערן ס׳רוב פון באַגינען אָן, ווען דאָס קרייען פון די הענער איז געוואָרן שרייענדיקער און געדיכטער, ווען די אייזלען האָבן מיט אייפער און גרילצנדיקן רעש זיך צעשריגן אויף בלעכענע קולי־קולות, ווי ווען זיי וואָלטן איבערשטייגן אין אַ געפּעכט איינער דעם אַנדערן.

— סאַיד, סאַיד, ווו ביסטו?!

— אָט גיי איך, מאַדאַם! — האָט סאַיד אַלעמאָל אויפגעציטערט ביי די שטעלער אין הויף, פּונקט ווי ער וואָלט דעם ערשטן טאָג זיך געשטעלט דינען ביי די אשכנזים.

ווען סאַיד איז נאָך אַ יונגער בחורעץ געווען, איז ער אָנגעקומען ביים כאַוואַדזשאַ אשכנזי אויסצופירן זיינע באַפעלן. ער האָט געאַרבעט מיט פלייס אין די ווייַנגאָרטנס, ביי די מאַנדל־בוימער, און צום סוף איז ער שוין פאַרבליבן אַ הויז־דינער ביי די שטאַלן און אייזלען אויפן הויף. מיט דער צייט האָט שוין סאַיד געוועלטיקט איבער ראַשידאַן, זיין ווייב, וואָס האָט אים געבוירן פיר קינדער

אין דעם טוכלען קעמערל ביי די שטעלער פון די בהמות, אינעם געמיש פון האַרבע מיסט־ריחות און הויפנס שמעקנדיקע פרוכטן, אַהער־געברענגטע פון די פּרדסים.

אַז סאַיד פלעגט הערן אין די פרימאָרגנס דאָס טראַציקע קולעכל פון מאַדאַם אַלגאַ, האָט ער שוין געוווּסט אַז ער דאַרף אַריינברענגען אויף דער טעראַסע דעם זודיקן סאַמאָוואַר. ער טוט דאָס גערנווייליק פאַרן יונגן כאַוואַדזשאַ, דווקא ווייל יענער שאַפט זיך נישט מיט אים אַזוי פיל, ווי די מאַדאַם מיט די שאַרפע דורכדרינגלעכע אויגן. אַט באַלד דאַרף ער גרייטן דעם אייזל, וואָס וועט איר אָוועקפירן איבער סעדער און פעלדער. דער כאַוואַדזשאַ בלייבט דערנאָך זיצן ביי זיך אין גרויסן צימער, וואָס איז אַרומגעשטעלט מיט פּאַליצעס ביכער און שרייבט אין פּאַפּירן. סאַידן פאַרשאַפן אַ הנאה די אויסגעשטאָפּטע חיות און פייגל, וואָס שטייען ווי לעבעדיק אין די ווינקלען פון צימער.

היינטיקן פרימאָרגן האָט סאַיד אַן איבעראַשונג פאַרן כאַוואַ־דזשאַ: — ער האָט געכאַפּט אַ לעבעדיקן שאַקאַל אין דער קונציק אַנגעצויגענער שטריק־פּאַסטקע. צופיל וויזיטן מאַכן די שאַקאַלן אין די נעכט און צעטראָגן האַרץ־רייסנדיקע יללות איבער פעלדער און גאָרטנס. אויף מיילן ווייט דערשמעקן זיי מיט גיריקע נאָזלעכער די עופות אין די שטייגן. פאַרן כאַוואַדזשאַ אשכנזי איז ער גרייט צו כאַפּן אַ יעדע חיה — אפילו די ווילדסטע דעבע. ער האָט פיינט די מאַדאַם, און ער ציטערט פאַר איר אימת־מוות.

דער ברוין־הויטיקער סאַיד, אין געשטרייפט־לאַנגן כאַלאַט ביז צו די קנעכל, האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש דעם בליאַסקעדיק־זודיקן סאַמאָוואַר און ער איז געבליבן שטיין אין דער וואָלענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, ברייט־אַקסלדיק און דין פאַרגאַרטלט אין דער טאַליע, ווי אַ פרוי.

— האָסט גרייט דעם אייזל? — איז אַלגען נישט געפעלן געווען סאַידס פאַריסענער געשטעל.

— איך האָב געכאַפּט פאַרן כאַוואַדזשאַ אַ שאַקאַל! — האָט סאַיד טריומפירט פאַר אשכנזין, סאַידס אויגן האָבן זיך צעפינקלט

און גרעסער געוואָרן — און פאַר דער מאַדאַם איז ער געבליבן שולדיק אַן ענטפער.

אשכנזי, אַז ער האָט דערהערט פון סאַידן די בשורה, האָט ער שוין נישט געקענט איינזיצן רויק ביים פרישטיק. ער האָט זיך אַראָפּ־געיאָגט פון די פּאָר טרעפּלעך און ממש גענומען לויפן איבערן הויף. זיין בלאָע פּידזשאַמע האָט געפלאַטערט און זיך געבלאָזן, ווי אַ זעגל אויף אַ שיף.

הינטער די געמויערטע ווענט פון שטייג האָט זיך געטראָגן אַלץ שטאַרקער דער אומרו פון געפליגל. די לופט, ווי ערב שטורעם, איז פול געוואָרן מיט אַ צעשראָקענעם קוואָקען, מיט אַ פּאַטשן פון די פליגל. דער הינער־פרעסער, אַ געל באַשעפעניש, איז איינגעדרייט און פאַרפּלאָנטערט אין נעץ פון שטריק. אין דערשלאָגנקייט וואַרט די חיה אויפן פאַרדינטן משפּט. ראַשידאַ, סאַידס ווייב, איז באַרינגלט מיט איר הויז־געזינד, אַ כאַפּטע אויפגעלעבטע קליינוואַרג מיט פּאַ־ראַצטע נעזלעך, וואָס פּאַטשן אין די דלאָניעס און שפּרינגען אין דער לופטן מיט משונהדיקע קולות. ראַשידאַ דראָט מיט אַ שטעקן אין האַנט אין דער לופטן דעם שאַקאַל, זי פּילדערט נישט געשטויגענע רייד: — דו, פאַרסרחעט באַשעפעניש, סם וועסטו קריגן נישט קיין הינער.

— כאַלאַס! — איז אשכנזי צוגעלאָפן פאַרסאָפּעט מיט אויפגע־הויבענע הענט, ווי איינצושטילן ראַשידאַס טומל מיט דער שרייענדיקער קאַפּעליע קליינוואַרג. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צום פּלאָנטער פון די שטריק און זיין נאַקעט־אויסגעראַזירטער קאָפּ האָט געלויכטן מיטן פּאַליר פון קופּער. דאָס געלע חיהלע האָט זיך נישט געלאָזט קוקן אין די אויגן ס'האָט אָנגעשפּיצט די האָריקע אויערן און אויפגעכאַפּט דאָס צעשראָקענע קוואָקען פון די עופות.

— סאַיד! — האָט ער אָהינגעשריגן איבערן הויף — וועסט מיר דעם שאַקאַל פאַרשליסן אין אייזערנעם שטייג פון גערטנדל!

* * *

אין זכות פון חבר כספי אַרבעט איצט יאשא אין אשכנזיס יונגן פּרדס. בהדרגה און פּאַמעלעך האָט ער זיך דערוואָרבן די קענטעניש און לעבנס־געבאָטן פון די מערקווירדיקע אייגנאַרטיקע ציטרוס־בוימער. אשכנזי און זיין ווייב אָלגאַ האָבן צו אים געהאַט צוטרוי, אָלגאַ איז ווירקלעך געווען די דעה־זאָגערין און דיריגענטין פון די פלאַנצן־אַרבעטן.

פון אַ טאָג־אַרבעטער האָט יאשא זיך דערשלאָגן ביי די אשכנזים צו ווערן אַ חודש־אַרבעטער. ער האָט געגראָבן פלאַנץ־גריבער, פאַרזעצט ציטרוס־שתילים, געוווסט ריכטיק ווי זיי אָנצוטרינקען מיט שטראָמען וואַסער. — דעם פאַרפלאַנצטן שטח דאַרף מען אַרומצוימען מיט אַ פלויט. — בוימעלעך קענען נישט שטיין הפקרדיק פאַר דרויסנדיקע אָפּגעדעקטע פליינען. יאשא האָט אויפזיכט איבער דער אַרבעט פון איינגראָבן אייזערנע שטאַנגען, פון וויקלען און ציען באַלעמס שטעכל־דראָט. אינעווייניק פון די לאַנג־צעצויגענע פלויטן, ציען זיך גלייך־געמאָסטענע סימעטרישע ליניעס פון גרין־פאַרפלאַנצטע בוימעלעך. אָט יאָגן זיי זיך אין אלכסון — און קומען ווידער אַרויס פאַרן אויג אין גראָדע ליניעס.

יאַשאַ פלעגט קומען אין די פאַרנאַכטן צו אשכנזין אין קאַבינעט אָפּגעבן באַריכטן פון דעם אַרבעטס־טאָג: וויפל שתילים מ׳האָט היינטיקן טאָג פאַרזעצט, וויפל וועגענער מיט שתילים פאַרזעצט מען מאָרגן. יאשאס טעגלעכער דין־וחשבון איז פאַר אשכנזין אַ דעסערט צו אָלגעס טומל־דיקע אַנקלאַגעס אויף די פועלים, וואָס כספי שיקט איר אַלע טאָג. זי געפינט אויס אַ חסרון דאָ אויף דעם, דאָ אויף יענעם, — דער עיקר ווייל זי נישט מוותר זיין אויף אירע אַראַבער־פעלאַכן, וואָס זייער פּראַצע קאָסט איר באַדייטנד ביליקער ווי דער חלוצישער כוח.

באַלד פון פרימאָרגן פירט דורך יאשא רינוועס פון איין פאַר־פלאַנצט בוימל צום אַנדערן. וואַסער שטראָמט און מאַכט פול דעם טעלער אַרום גרינעם שתיל. ער גיט אַ לייג מיטן פיאַש אַ פאָרציע

ערד, פאַרשטעלט דאָס שטראָמיקע וואַסער, קערעווועט עס פון איין שטיל צום אַנדערן. און וואַסער שפּיגלט אין זיך הייסן גאָלד פון דער זון, שפּיגלט בלויקייט פון קלאָרע הימלען; וואַסער טרינקט אָן צו דער זעט די אָקאָרשט פאַרפלאַנצטע ציטרוס־שתילים. אין דער צעשפּילטער אַרומיקער סימפאָניע פון זאַפטיק שמעקנדיקן גרינס און מורמלדיקן גאָלדיקן וואַסער, טראָגן זיך אַוועק יאשאס מחשבות צו שולמיתן. די פריידיקע בשורה וואָס שולמית האָט אים פאַרטרויט, האָט גראָד ביי אים אַרויסגערופן זאָרג: — שולמית וועט דאָך מוזן מיט דער צייט אויפהערן פון דער אַרבעט. עס מאַטערט אים דער געדאַנק, אַז ער איז באַגאַנגען אַ גרויסן פעלער, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט דעם קיבוץ. — דאָרטן ווערן דאָך די קינדערלעך אויסגעהאָלטן דורכן קאָלעקטיוו. אוודאי, ער איז געווען נאָכגיביק צו שולמיתעס קאַפּריזן — געמיינט עס עקט זיך די וועלט, — מה רעש, אַז רינאַ איז אַנטלאָפן פון דאַניען? ווען שולמית איז מסכים מיט אים — טראַכט ער איצט — וואָלט ער מיט פאַרמאַכטע אויגן צוריקגעגאַנגען אין קיבוץ. אוודאי, אַז מען ווייזט אַרויס אַ סך גוטסקייט, איז מען אַ רשע פאַר זיך אַליין.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן ווען יאשאַ איז דערגאַנגען צום פריש־פאַרפלאַנצטן טאָל, האָט ער געטראָפן פאַרן אַריינגאַנג אַ געזעמל יונגען, געשיקטע דורכן אַרבעטס־אַמט. און מיטן שפּראָץ פון באַגינען. איידער די זון האָט נאָך אויפגעעפנט אָן אויג האָבן זיך שוין געפּעדערט די שטענדיקע אַראַבער־פעלאַכן אין די וואָלענע יאַרמולקעס אויף די קעפּ און צעאָדערטע אַבאַיעס אויף די לענדן. מיט חזקה און שוץ פון דער מאַדאַם אַלגאַ, האָבן זיי באַצייטנס זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט: געגראָבן אין געל־רויטלעכן באָדן, פאַרזעצט שמעקעדיקע ציטרוס־שתילים.

יאשאַ פאַרעט זיך אין הילצערנעםביידל ביי די אַרבעטס־כלים. ער ווייסט אַז די מאַדאַם אַלגאַ דאַרף אַ יעדע רגע אַנרייטן אויף איר אייזל. ער שפּירט בחוש, אַז דאָס וועט אַזוי גלאַטיק נישט אַדורכגיין מיט די אַהערגעשיקטע, מערער ווי אַלעמאָל, פּועלים. וואָס אָן אמת.

האָט ער געהאַט אַ חשק צו פּאַרטיילן יעדן איינעם מיט אַ טוריע — גאָט, נעמט אייך, ברידער, כלים — דער באָדן וואַרט שוין לאַנג אויף אייך! דורך דער אָפענער טיר צילט יאשאַ זיינע בליקן באַרג אַרויף צו דער אויסגעטרעטענער געדרייטער סטעזשקע, וואָס מיטאַמאָל פאַר־לירט זי זיך אין באַרגיקן האָריזאָנט. פון סאַמע הויכקייט, פון הימל־קלאָרקייט האָט אין דער רגע אַ פּראָל געטאָן אַ באַוועגלעכער קיילעך, ווי אַ האַסטיק אויפגעשאָסענער פון אַ צעהיצטן פוטבאָל־שפּילער. מיט יעדער רגע האָט די מאַסע געענדערט איר געשטאַלט, זי לויפט און קוליעט באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ. יאשאַ באַברעט זיך מיט טאָפּעלער פאַרטועגקייט ביי די שטאָלענע אַרבעטס־כלים מיט די הילצערנע הענט־לעך, אויף דער געדרייטער סטעזשקע זעט ער שוין דייטלעך ווי די מאַדאַם אָלגאַ שיסט פייל פון בויגן מיטן גאַלאָפּירנדיקן אייזל. זי דריגעט אינעם אייזלשן פעל, ס'זאָל לויפן גיך און גיכער. דאָס אייזל פלעכט גיכע דראָבנע טריטלעך, שטייפע דינע פיס צעשיסן אַרום זיך וואָלקנס שטויב, די קאָלירטע טראָלדן פון דעם זאָטל שפּרינגען אָפּ מיט אימפּעט אויף אַלע זייטן.

די מאַדאַם אָלגאַ איז אָנגעפלויגן צום גרין־פאַרפלאָנצטן טאָל, אַריינגעריטן אין געזעמל יונגען ביים אַריינגאַנג פון שטעכיקן פלויט, פלינק אַראָפּגעגליטשט זיך פון אייזל, און פאַרן פּנים האָט איר אַ שלאָג געטאָן איבעראַשענדיקס, נישט פריילעכדיקס. זי האָט אויפן ניכטערן, שמעקעדיקן פרימאָרגן גענומען זיך בייזערן און צינדן: — ווער דאַרף דאָ האָבן אַזוי פיל מענטשן?! — יאשאַ, ווו איז ער דאָרט?

יאשאַ באַוויזט זיך פונעם הילצערנעםביידל מיט אַ סנאָפּ אַרבעטס־כלים, אַראָפּלאָזנדיק זיי מיט אַ קלאַפּ פאַר די פיס.

— איך האָב נישט געפאָדערט אַזוי פיל אַרבעטער! — האָט זי געפּילדערט מיט קוראַזש, ווי אַ געוועלטיקערין, עס האָט איר ביז גאָר פאַרדראָסן, וואָס יאשאַ שטייט ווי אין אַ זייט מיט אַ צוגעמאַכט מויל — איך וועל נישט אָנוועקשיקן מ י י נ ע אַרבעטער! — האָט זי אים אַריינגעשריגן אין פּנים.

אויף די געוואָלדן פון מאַדאַם אָלגאַ האָבן זיך די פועלים טיפער

אַריינגעלאָזט אינעם אַריינגאַנג. — אויף דעם ווייבערישן ירגזון האָבן זיך ווידער די אַראָבער־יונגעלעך נאָך מער צעשאָקלט מיט די פּיאַשן אין די הענט. די פּועלים האָבן מיט תקיפות געפאָדערט פון יאשען אַרבעטס־כּלים — ס׳קומט זיי זייער חלק אין דער אַרבעט — זיי וועלן פון דאַנען נישט אָפּטרעטן!

— ווער איז דאָ דער באַלעבאָס: איך, צי איר? — איז אַלגאַ זיך פאַרגאַנגען אין אַ קוויטש — אָט האָסטו דיר דעה־זאָגערס!

יאשא ווערט עפּעס אַלעמאָל נעלם פון אירע אויגן, און זי דאַרף אײנע אַליין פירן דעם קריג מיטן אַנלויף פון עקשנותדיקן געזעמל יונגען. — יאשא! — שרייט זי ווידער צום הילצערנעםביידל — וווּ איז ער שוין ווידער אַהינגעקומען? ווען מען דאַרף אים איז ער נישטאָ!

אַז יאשא האָט זיך, ווי אַ פאַרשולדיקטער, אַנטפּלעקט פון ביידל פאַר אַלגעס אויגן, באַקומט ער פון איר אַ באַפעל: דער אדון כּספּי זאָל תיכּף־מיד נאָך דער אַרבעט זיך זען מיט איר! זי וועט נישט פאַרשווייגן דעם סקאַנדאַל. מילא, היינטיקן טאָג זאָלן „זיי" שוין אַרבעטן.

דאָס געזעמל יונגען האָט מיט נצחון זיך אַ וואָרף געטאָן צו די צעשאָטענע אַרבעטס־כּלים, זיי האָבן דערשפּירט אין די הענט אַ געווו־נענעם אַרבעטס־טאָג.

נאָך דער אַרבעט איז יאשא אַריינגעפאַלן צו זיך אין צימערל, מידער ווי אַלע טאָג. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט אויפצוגעמען דעם זעלישן געשאַנק, וואָס שולמית טראָגט אים אַנטקעגן. וואָס אַ טאָג ווייטער שטראַלן אירע אויגן מיט מער יום־טוב און פרייד.

נאָכן איינוואַשן זיך האָט יאשא אַוועקגעאיילט צו כּספּין אין אַרבעטס־אַמט.

דער חבר כּספּי מיטן צעשויבערטן קאָפּ האָט שוין פון פריער געהערט וועגן קאַמף וואָס די פּועלים האָבן געפירט היינטיקן פרימאָרגן מיט דער מאַדאַם אַלגאַ. ווען יאשא האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה,

אַז ער דאַרף זיך איצט מעלדן צו די אשכנזים, האָט כספי זיך אונטער־געהויבן פון בענקל און זיך אָוועקגעזעצט, — נגע... מיר שרעקן זיך נישט פאַר אירע באַפעלן — האָט ער אַ צוק געטאָן מיט דער פלייצער נאָז. — אונדזערע הענט זענען יידישע — און אשכנזים באָדן איז אויך אַ יידישער — נגע... האָט ער אַנטשלאָסן זיך אויפגעשטעלט — מיר גייען...

אַז כספי מיט יאשאן זענען אָנגעקומען צו די אשכנזים האָבן שוין געברענט לאָמפן אין די הייזער. פון הויף האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרעקשנט הינטיש בילן, וואָס האָט פאַרטויבט די אויערן. ביים אַריינגאַנג האָט זיי באַגעגנט די מאַדאַם אַלגאַ, שאַרף זיי אָנגעקוקט מיט די דורכדרינגלעכע וואַסערדיקע אויגן. זי האָט אויסגעלאָדן אויף כספיס קאָפּ אַ שטום־פאַרביסענעם גרימצאָרן. אַלגאַ האָט פאַרבעטן דעם פירזאָגער פון די פועלים אין מאַנס קאַבינעט. דער קאַבינעט פון אשכנזין איז מער ענלעך געווען צו אַ וועלדל מיט צעשטעלטע פאַלמען, פיקוסן און אויסטערלישע קאַקטוסן. דורך צווייגן און צעשויבערטע בלעטער האָבן אַרויסגעגלימצערט פאַספאַר־אויגן פון האַריקע אויס־געשטאָפּטע חיות און פויגל. אַ זשיראַנדאָל האָט אַראָפּגעלויכטן פון סופיט מיט אַ גרין לבנה־ליכט.

אַריבערטרעטנדיק די שוועל פון זאָאָלאָגישן קאַבינעט, איז אשכנזי אָפּגעפּלויגן פון שרייב־טיש מיט אַ: וואָספאַרע רעוואָלוציעס מאַכט איר מיר אויפן ניכטערן פרימאָרגן?!

— איר דאַרפט מיר נישט אָנשיקן כאַליאַסטרעס מיט מענטשן, איז אַלגאַ אַריינגעפאָרן אין מיטן — וואָספאַרא חתונה איז דאָ? מען פלאַנצט אַ הונדערט דונאַם באָדן? איך וועל נישט אָוועקשיקן מיינע אַראַבער־פעלאַכן, אדון כספי, איר הערט?!

כספי איז אַ מענטש מיט געדולד, אַ דעמאָקראַט, האָט ליב אויס־צוהערן יעדנס רייד ביזן סאַמע סוף. ער וועט נישט שטערן די אשכנזים אין מיטן די טענות, שולדיק וועט ער זיי נישט בלייבן מיט קיין ענטפער, מ'קען זיך אויף אים פאַרלאָזן, נישקשה. אָבער די תרעומות שיטן זיך אויף זיין קאָפּ, ווי אַ שווערער האָגל, דאָס אָנגע־

צונדענע ווײמפּערל אויפֿן נאָז צוקט און צוקט אָן אָן אויפֿהער, זײַנע קלעצלדיקע קורצע פֿינגער באַמבלען אומגעדולדיק אויף אשכנזיס שרײַבטיש.

— איר האָט געענדיקט? — פּרובירט כּספּי אָפּשטעלן די שטראָ־מיקע רייד — איך מעג שוין אויך רעדן?

— ידידי — ווייסט אשכנזי פּאָרויס וואָס כּספּי וועט אים זאָגן — אין מײַן פּרדס נעם איך אַרײַן ייִדישע פּועלים לפני משורת הדין, מײַן ווײַב הערט דאָך נישט, אַיאָ?

— אוודאי — וויל אַלגאַ אָפּצאָלן דעם מאַן אַ גאָב בפרהסיה — ביי מיר קענען נאָך פּועלים יאָ פֿאַרדינען געלט — אָבער ביי מײַן מאַן? — ער קען זיך באַגיין אָן אַ פּרדס.

— צו וועמען דער פּרדס געהערט — איז כּספּי אַרײַנגעפֿאָרן אין מיטן — וועלן מיר שוין שפּעטער דערגיין צו אַ טאָלק, אָבער אַז אונדזערע פּועלים האָבן מער זכות אויף אַרבעט, דאָס איז אַ געזעץ פֿון תּורת־משה.

— און איך וועל נישט אַוועקשיקן מײַנע פֿעלאַכן! — איז אַלגאַ ווידער אַרויס מיט אַ קוויטש.

— איר רעדט פֿון „תּורת־משה“ און איר האַנדלט לויטן שולחן־ערוך פֿון „מאַרקסן“ — איז אשכנזי ווידער אָפּערגעשפּרונגען פֿון שרײַבטיש.

דער זשיראַנדאָל גיסט פֿון סופֿיט גרין לבֿנה־ליכט, באַגרינט פּנימער און צעשוויבערטע געוויקסן. יאשאַ איז געשפּאַנט אינעם פּונאַנ־דערוווערטלען זיך פֿון די אשכנזיס מיט כּספּין. זײַן אייגענער גורל איז אַרײַנגעפּלאָכטן אינעם גורל פֿון דער מחנה אַרבעטער, וואָס קלאַפּן אָפּ די טויערן פֿון אשכנזיס פּרדס. ער וויגט זיך אויף אַ וואַקלדיקער וואַגשאָל, ער שטייט אויס די קאַפּריזן פֿון אַ געוועלטיקערין. איז ער נישט דער זעלבער קנעכט ווי סאַיד אויפֿן הויף? צו וואָס האָט ער דאָס אַלץ באַדאַרפֿט? ווען ער פֿאַרבלײַבט מיט שולמיתן אין קיבוץ איז ער פּטור פֿון דעם אַלעמען, וואָלט ער אויסגעמיטן די אַמפּערײַען פֿון די אשכנזיס מיט כּספּין.

אַלגאַ איז שטאַל און אײַזן פאַר אירע אַראַבער. כספּי גײט אײַן אויף פּשרות, דינגט זיך אויפן מקח, אַט לײגט מען צו אַ סכום אויפן וואַגשאַל, אַט נעמט מען אַראָפּ. פון די קאַבינעט־ווינקלען, דורך צע־שויבערטע בלעטער און צווײַגן שיסן פאָספאָר־אויגן פון אויסגעשטאָפּטע האַריקע חיות און פײגל. יאַשאַ איז צעטומלט פון צופיל קלערן איבער שולמיתן, ער איז איצט אַרויסגעטאָן פון דעם געראַנגל און דינגען זיך איבער חיי־שעה פון גאַנצע מחנות. ער איז ווי פאַרוויקלט אין שווערע הימל־כמאַרעס, און עס דוכט זיך אים, אַז אַלגעס טראַציקע קוויטשע־רײַען דערגײַען נישט פון איר האַלדז, נאָר פון די אויפגעריסענע חיהשע מײַלער מיט די דראָענדיקע שאַרפע צײַנער.

9.

רינאַ האָט געשטעלט שווערע טריט איבער ווײַך־זאַמדיקע סטעזש־קעס, דורך לאַנגע געדיכטע ווענט פון מאַראַנצן־סעדער. אירע שיך האָבן געטאָפּטשעט אין זאַמדיקן וועג. דער אויטאָבוס האָט איר איצט, אַ פרײַטיק נאָך מיטאָג, געבראַכט צו פירן פון תל־אביב. און געזאָגט האָט מען איר, אַז צו שולמיתן מיט יאַשאָן וועט דער וועג זײַן קירצער אויב זי וועט דורכשנײַדן די דאָזיקע סטעזשקע. אין אירע אויגן זעט אָבער אויס דער וועג אומגעהויער לאַנג — זי האָט שוין געוואָלט אָנקוקן דאָס פּאָרל. עס דאַכט זיך איר, אַז אַ גאַנצע אײביקײט איז שוין אַריבער פון ווען אָן זײ האָבן זיך צעשײד אין קיבוץ. פון די מאַראַנצן־בוימער ווײעט איר אין פּנים אַ שאַרפער פאַרשיכורנדיקער אַראָמאַט. צו די געדיכטע בוימער־ווענט נעמט גאָרנישט קײן סוף, זײ זענען פאַרצוימט אוז פאַרפלאָכטן מיט שטעכל־דראָט און געדיכט־פאַר־פלאָנטערטע קלעטער־פלאַנצונגען, לענגאויס די בוימער־ווענט גלידערן צו דער ערד סאַבּרע־קוסטעס, פאַרשטויבטע, האַרב־געהויקערטע און שטעכיק דראָענדיק פון לאַנג־יאָריקער שמירה איבער גאָלד־רײַכע פּרוכטן, וואָס טוליען זיך אין גרין־שמעקנדיקע בלעטער.

רינאַ האָט ענדלעך זיך אַרויסגעקליבן פון די בוימער־ווענט, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ קיל־שאָטנדיקער טונעל. אויפן פרייען פעלד האָט די זון אויפסניי געהיצט און פאַרבלענדט די אויגן. די זון האָט כּפליים אָפּגעצאָלט רינען פאַר דעם תּענוג וואָס זי האָט געגאָסן אינעם קילן בוימער־טונעל. פרעגט זי זיך ווידער דעם און יענעם אויף דער הייזקע פון קלמן סטאָליער. און אַז רינאַ איז שוין דערגאַנגען צום ריכטיקן אָרט, האָט די זון שוין אָנגעהויבן זיך זעצן נידעריקער אין הימל. הינדע, די ווירטין, איז אַרויסגעקומען צו רינען אין אַ שבתדיק בלאַנקענדיק טיכל אויפן קאָפּ. אירע אויגן אין אויסגעצערטן פּנים גאַפּן מיט אומעט און ווונדער. מיט אַ פינגער אין מוילווינקל פרעגט זי רינען, אַז מסתּמא איז זי דאָך געקומען צו אירע שכנים? זאָל זי זיך מאַכן באַקוועם, אָט דאָ איז זייער צימער — האָט זי אָנגעוויזן איז דער אָפענער טיר. מיינע שכנים האָבן זיך אַ ווײַלע אַרויסגעכאַפּט אין קלייטל, זיי קומען באַלד אָן. רינען איז ליבער זיך דורכצושפּאַצירן אין דרויסן — זי וועט זיי דאָרט אָפּוואַרטן אויפן וועג, און געטראַכט האָט זי — זי האָט זיך שוין מיט מזל דערפרעגט אויף זיי און מען טרעפט זיי ווידער נישט.

אַז יאשא מיט שולמיתן האָבן זיך אומגעקערט אין צימערל איז אויפן שוועל אויסגעוואַקסן הינדע מיט דער בשורה אויף די ליפּן וועגן אַ גאַסט, אַ געקומענעם צו זיי — אַ גאַסט? — האָט שולמית, אַ צעוואַרעמטע פון גאַנג, געשיקט די אויגן צו יאשאן, צו הינדען.

— אַ „בחורה" — פּליסטערט שטיל הינדע, געבעטן איר זיצן — זי וועט זיך דורכשפּאַצירן אין דרויסן — זאָגט זי.

— אוודאי, רינאַ! — האָבן ביידע מיטאַמאָל אַרויסגעפּראַלט.

יאשא איז אַרויסגעלאָפן אַ צעשטראָלטער אויסקוקן דעם גאַסט, דרייט ער דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן, געהאַט שוין בדעה דורכקרייצן דאָס פעלד צום שאָסיי, מיטאַמאָל דערהערט ער הינטער זיין פּלייצע לויפן, פּראַלן. ער גיט אַ דריי דעם קאָפּ — רינאַ לויפט אים אַנטקעגן מיט צענומענע הענט.

אין אויגנבליק פון דער באַגעגעניש האָבן ביידע זיך פאַרכלינ־עט

פון איבעראַשונג, די העלדזער זענען פאַרקאַרקעוועט, קיין וואָרט נישט אַרויסצוברענגען — די ערשטע קומט צו זיך רינאַ און באַוואַרפט אים מיט ווערטער — יאשא, הא, וואָס הערט זיך ביי אייך? ווו איז שולמית? איא, יאָרן זענען שוין אַריבער? נישט אמת?

יאשאן זענען אין דער רגע אַנטרינען געוואָרן אַלע גוטע רייד וואָס ער וויל איר איצט זאָגן, ער ציט איר פאַר אַ האַנט און שטאַמלט האַמעטנע — קום, רינאַ, קום.

שולמית אויפן הויף צערייסט זיך שיעור נישט פאַר אומגעדולד — ווו זענען זיי דאָרט?

קלמן סטאַליאַר מיט הינדען זענען אויך אַרויסגעקומען אויפן הויף, זיי זעען זיך ווי מחותנים ביים באַגעגענען דעם אומגעריכטן גאַסט, זיי קוועלן ממש אַן וויביידע חברטעס פאַלן צו איינע צו דער אַנדערער און פרעסן אָפּ אין די באַקן האַסטיקע קושן.

קלמן סטאַליאַר איז אויפגערוימט ערב־שבתדיק אין רייַנערע בגדים, ער גלעט זיך מיט אַ הנאה זיין פאַרצוואָגן לייטיש־צעקעמט בערדל, די בעקעלעך שטראַלן פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש. פאַר הינדעס אויגן גיבן אַ שוועב דורך אירע קינדער אין דער ווייטער אַרגענטינע, די אויגן ווערן פייכט פון טרערן, און אין האַרצן ווערט לויז און באַנג.

רינאַ ווערט פייערלעך אַריינגעפירט אין צימערל, וואָס ווערט איבערפולט — ממש זיך נישט אויסצודרייען. רינאַ פאַלט אַזש אַוועק פאַר מידקייט אויפן בעטל. שולמית זאָגט איר מוסר, אַז זי איז באמת געוועזן אַ חזיר, נישט געפונען פאַר נויטיק ביז איצט זיך אַראָפּכאַפּן צו זיי.

רינאַ איז פולשטענדיק מסכים מיט שולמיתעס טענות, זי זאָגט. אַז דער מענטש איז אָפּטמאָל נישט קיין מבין אויף זיך, ווי גרויס חזיר ער איז — און טאַרעט זיך טיף אין בלאָטע...

אין צימערל איז לעבעדיק געוואָרן, לאָדנס האָבן זיך צעפראַלט — דאָס רעשט ליכט פון דער אונטערגייענדיקער זון האָט אַ פלייץ געטאָן מיט רויטלעכן אָראַנזש אויף אַ וואַנט, עס האָט אַ צינד געטאָן

אַן עק פון אַ טישל, אַ טאַץ מיט אָנגעטורעמטע מאַנדאַרינקעס און באַנאַנעס. עס האָט געמיניעט מיט גרעלע, גאָלד־אָראַנזשעדיקע און פּיאָלעטע קאָלירן. די קאָלירן האָבן זיך געשפּילט אויף פּנימער און רייד.

אין שולמיתעס ברוסט ציטערט אַ קוועלנדיקע פרייד, אונטער־האַרצן צאַפּלט אַ נאָענטס און טייערס. זי זוכט די פּאַסיקע ווערטער ווי צו אַנטפּלעקן פאַר רינען איר דערהויבענעם יום־טוב — און פאַר גרויס פרייד פּרעסט זי ווידער אָפּ אַ קוש אויף איר חברטעס באַק. ——

יאָ, רינאַ האָט באַלד זיך אָנגעשטויסן אויף דער „נייעס" בעת דער באַגעגעניש אין הויף, זי האָט אויפגעכאַפּט שולמיתעס פּאַרונ־דיקט־אויסגעפּולטע לענדן, עפּעס זעט זי איצט שולמיתעס פּנים, ווי אין אַ ביליק שלעכטן שפּיגל, אַזוי פאַרענדערט און אויסגעצויגן. שולמי־תעס איבעראַשנדיקע אַנטפּלעקונג האָט נישט ווילנדיק טיף אויפגע־טרייסלט איר געמיט, די פריש־בליאַסקעדיקע גלאָז טיי, וואָס שולמית האָט איר סערווירט, האָט אַביסל אונטערגעציטערט אין אירע הענט — מיט יעדער זופּ טיי האָט רינאַ ווי געוואָלט עפּעס פאַרלעשן איר טיפע צערודערונג. פאַר זיך אַליין קען רינאַ נישט פאַרבאַרגן דאָס געפיל, אַז זי זעט זיך גאָר אַ סך הינטערשטעליק אַנטקעגן שולמיתן. זי, רינאַ, ראַנגלט זיך איינע אַליין אין פאַרהאַוועטן תל־אביב — און שולמית בויט זיך דאָ איר היים אַזוי פאַמעלעך און באַטראַכט. שולמית און יאשא האָבן איר שוין נישט איינמאָל געפרעגט, ווי זי האָט זיך איינגעאָרדנט אין תל־אביב, און ווו געפינט זי זיך און אַזוי ווייטער, אָבער רינאַ גיט נישט קיין דירעקטן ענטפער, חכמה'עט זיך מיט הינטנאַרומיקע ריידעלעך, גראַד ווי עס וואָלט זיך נישט געהאַנדלט וועגן איר פּערזאָן. דעם אייגענעם „איך" האָט זי עפּעס פאַרשלאָסן אין אַן אייזערנעם קאַסטן.

אויף צו מאָרגנס שבת האָט שולמית זיך גענומען מער מוט און געצילט צו דעם וואָס זי דאַרף איר פרעגן. — פון גרושקינען — זאָגט זי — דערגייט מען גאָרנישט פון זיינע בריוו. — עס האָט זיך אַזוי געמאַכט — זאָגט ווידער יאשא — אַז מיט דאַניען שרייבן מיר זיך כמעט נישט דורך, — און צי קריגסטו פון אים ידיעות? — און איך מיין גאַנץ אויפריכטיק — האָט שולמית ווי זיך אָנגעהאַנגען אין די רייד

— פאַרוואָס זאָלסטו ווידער נישט אָנקניפּן מיט אים אַ שלום אָט, ווי דער שטייגער, עס פירט זיך תמיד אין לעבן?

רינאַ לאָזט זיי רעדן — זי איז דאָך איצט זייער גאַסט. בכל אופן ווילן זיי דאָך אין איר זען כל־הגוטס. אַז שולמיתעס פריינטלעכע צושטייענגונגען האָבן וואָס אַמאָל מער זיך געגומען איבערחזרן, האָט רינאַ פאַרגעשלאָגן מען זאָל אַ ביסל זיך דורכשפּאַצירן אין דער געגנט. רינאַ איז מיד צו רעדן וועגן אירע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און ראַנגלענישן, געקומען איז זי אויף אַ שבת צו ענדערן די לופט, אָנקוקן אַנדערע פּנימער — זיי מעגן איר פאַרגינען דעם דאָזיקן אָפּרו.

נאָכן פרישטיק האָבן זיי זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר, זיי האָבן דורכגעשפּרייזט איבערן פעלד ביזן שאָסיי. שולמית האָט איר צוליב געטאָן, נישט דערמאָנט קיין וואָרט פון דאַניען, פון זייער ברוגז. דער שמועס איז גאָר אַריבער וועגן זיי אַליין. — יאָשאַ, דער העכסטער אין דער שורה, איז ביז גאָר אויפגעלייגט — ער געדענקט שוין נישט פון לאַנג אַזאַ שבתדיקן פרימאָרגן, עס דאַכט זיך אים, אַז מיט רינעס קומען איז אים עפּעס לייכטער געוואָרן די זאָרג, וואָס באַגלייט אים אַלע טאָג אין וואָך. יאָשאַ איז ביז גאָר אָפנהאַרציק פאַר רינען, מיט שיינענדיקע אויגן פאַרטרויט ער זיך, אַז ער האָט זיך פאַרשריבן אויף אַן אייגענער דירה — דער קרן־הקימת גיט באַדן.

— און איך קלער טאַקע — גיט שולמית אַ באַטעמט זיפצעלע — ווו וועט מען דאָ אין צימערל אַוועקשטעלן אַ קינדער־בעטל?

— ס׳איז נישט אַזוי לייכט פאַר אַן אַרבעטער־פאַמיליע אין קאָלאָניע — שטעלט זיך נישט אין גרויסן יאָשאַ.

רינעס אויגן ווערן בלאָער און וואַרעמער, זי זאָגט — מיר הויבט שוין אָן צו געפעלן דער היגער שטילער לעבן, מ׳איז אפילו פאַר־קנעכטעט צו דער ערד — אָבער אין שטאָט געוועלטיקט איבער דיר אַ געלט־גייציקער באַלעבאָס.

— דעם „געוועלטיקער" טרעפסטו אויך דאָ, אין קאָלאָניע — טרייסט איר יאָשאַ.

— זאָג איך דאָך — טוט שולמית אַ זיפצל — נאָר אַ שטיקל

„אייגנס", זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך אַליין. דעם כוח אָוועקגעבן פאַרן אייגענעם באָדן — און קומען צו עפּעס.

— אַזוי גאָר? ! — האָט רינאַ אָנגעצילט אויף איר די אויגן.

— און ווערן אפשר מיט דער צייט אַ קאַפּיטאַליסט? — אָט האָסטו דיר — האָבן אירע אויגן שעלמיש געטראַכט — דער דאָיקער לעבנס־שטייגער איז פאַרפירעריש.

— משטיינס געזאָגט. „קאַפּיטאַל" — האָט שולמית אָנגעשטעלט אַ פּאָר זויערע ליפּעלעך — אַ משפּחה דאַרף צו האָבן מער, ווי...

— ווי אַזאַ איינע, ווי איך — פּרוּווט רינאַ טרעפן, וואָס שולמית קען מיינען. — ניין, שולמית — האָט איר פּנים אויפגעצאָרנט — מיר זענען דאָ טאַקע אמת געקומען ווי אויסגעשפּראָכענע חלוצים־ציוניסטן. אָבער כאַפּן התפּעלות פון קאַפּיטאַליסטישן סדר דאַרף מען נישט.

דער שפּאַציר האָט זיך פאַרענדיקט נישט אַזוי געראָטן. אין צימערל האָט מען זיך געזעצט צום מיטאָג, ווי אָנגעברוגזט איינער אויפן אַנדערן. די לופט איז מינירט, דער מינדסטער פונק קען גורם זיין צו אַן אויפרייס. רינאַ זעט זיך עפּעס ווי מען וואָלט איר אָנגעטרעטן, נישט מיט אַ כוונה, אויף אַ צאַרט־פיינלעכער סטרונע. יאשאַ ליידט ביז גאָר פון דער נישט פאַרויסגעזעענער אַמפּעריי. — ער עסט זיך ממש אויף — רינאַ איז ביי זיי אַ גאַסט — און וואָסער פּנים האָט ער ביי איר? צו וואָס זיך קריגן, צו וואָס? — ער זוכט אַ מיטל ווי צו באַרויקן די געמיטער, טאָ זיי אַ בריה!

רינאַ זיצט אַן אָנגעצונדענע — נישט אַזוי אויף עמעצן — ווי אויף זיך אַליין. — מיט זיך אַליין פירט זי אַ געראַנגל.

פאַרנאַכט האָבן זיי באַגלייט רינען צום אויטאָבוס. נישט געווען שוין די זעלבע פרייד ווי ביים אָנהויב פון באַגעגענען זיך. די חברטעס האָבן זיך צעקושט געצוווּנגען און מעכאַניש, וואָס זיי האָבן גערעדט האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט איינס צום אַנדערן.

אַז רינאַ איז שוין געזעסן אין אויטאָבוס איז איר באַפאַלן אַן אָנגרייפנדיקער אומעט און חרטה פאַר אירע נישט־בכוונדיקע דערצערנונגען. — ווי אומדאַנקבאַר זי איז געווען צו שולמיתן און יאשאַן.

זי האָט נישט ווילנדיק פֿאַרשוועכט זייער יום־טוב, וואָס צעשיינט זיך מיט יעדן טאָג אַלץ העלער און ליכטיקער.

* * *

מיטן אָנקום פֿון אַ בייער וואָך האָט רינאַ זיך ווידער דערזען איינגעשפּאַנט אין געזשום און רעדער־געדריי פֿון פֿאַבריק. אירע חושים און מוח זענען צוגעשפּיצט צום מאָנאָטאָנעם געאייל פֿון כּל־ערליי מע־כאַניזמען. אירע פֿינגער קניפּן און בינדן צונויף די איבערגעריסענע פֿעדים פֿון די אָפּגעשטעלטע גאַרן־ווינדעס, און אַלעמאָל טראָגט זיך דורך מיט אַ קעציש געגגל דער געשעפֿטס־פֿירער מיט דער געבוי־גענער פּלייצקע. זיינע אויגן וואַרפֿן איילנדיק פֿאַרשעריקע הייסע בליקן; די בליקן קלעפּן זיך צו פֿנימער און הענט, ווי הייסער זודיקער פּעך.

— עפּעס צופֿיל דרייט ער זיך דער „הויקער״. פֿאַרטראָגט נישט ברוריה, אויפֿן קול, דעם געשעפֿטס־פֿירער — ער האָט שוין געמוזט עפּעס דערשנאַפּן ביי אונדז?

אַז רינאַ קומט נאָך דער אַרבעט זיך אויסרוען אין צימער, איז זי אין גאַנצן פֿאַרטאָן מיט זיך. די געדאַנקען און טענות וואָס באַקומען נישט קיין תּיקון אין פֿאַבריק ביים רעדער־געאייל — קומען זיי איצט צו איר אין די שטילע דלת־אמות און מאָנען ביי איר אַן ענטפֿער.

זי ליגט אויף דער סאָפֿע, פֿאַר איר פּנים דאָס פֿלוגבלעטל, וואָס ברוריה האָט איר אין פֿאַבריק צוגעטראָגן. זי קען זיך נישט געבן קיין באַשייד, הלמאי זי נעמט ביי ברוריהן די „ליטעראַטור״? — פֿריער האָט זי נישט געקענט פֿאַרטראָגן יענערס פּרצוף מיט די מאָגער־צעפּלעך, די עזות פֿון איר מיילעכל און קאָסאַקן אויגל. צוביסלעך האָט זי מיט דער צייט שלום געמאַכט מיט איר. זי געפֿינט אויס אַז פֿון ברוריהן שרייט אַרויס פּראָטעסט, וואָס כאַוועט זיך ביי איר אַליין אין האַרצן. ברוריה האָט איר איינמאָל אַ זאָג געטאָן: זי פֿאַרשטייט

א. ריוועס

נישט פּאַרוואָס זאָל זי, רינאַ, אַנדערש טראַכטן און רעאַגירן ווי זי, ברוריה? — זי קומט דאָך פון „יענעם" לאַנד? — ענטפערט איר רינאַ, אַז דער נעגער אין זיין אייגענעם שבט שפּירט נישט אַז ער איז שוואַרץ. זי האָט אין סאָוויעטן־לאַנד קיינמאָל ניטש נאָכגעטראַכט און איבערגעוויגן די אייגענע מעלות — און אויך נישט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון זיי. פון איר יוגנט אָן האָט זי נישט אָנגעזען פאַר די אויגן קיין אַנדערן וועלט־סדר; זי איז מיטגעצויגן געוואָרן מיטן חלוצישן שטראָם — ערשט דאָ שטויסט זי זיך אָן אין די „זיידנבייטלס".

נאָכן וויזיט ביי שולמיתן און יאשאן האָט זי באַשלאָסן צו פאַר־לאָזן טאַמאַרעס צימער. ס'איז איר וישט איינגעגאַנגען דאָס רוען אויף דער סאָפע נאָך דער אַרבעט.

גרושקין געפינט שוין אַן אויסרייד אַריינצופאַלן אין צימער, גראָד אין אַזעלכע מינוטן ווען זי וויל בלייבן מיט „זיך" אַליין. מילא, פריער האָט ער נאָך געהאַט אַ תירוץ — ער האָט געוואָלט הערן אַ גרוס פון שולמיתן און יאשאַן, ווי זיי לעבן דאָרט אין קיניגרייך פון די מאַראַנצן־סעדער. זיי האָבן געטאָן — זאָגט ער — אַ גלייכע זאַך מיטן איבערקלייבן זיך אַהין, דאָ ווערט מען דאָך דערשטיקט פון דער פאַרסמטער לופט.

יאָ, זיין איצטיק קומען איז נאָר אַן אויסרייד. אוודאי, ער קומט דאָך צו טאַמאַרען, ווי שיקט זיך דען אַנדערש? יענע האָט אויף אים אַ רעכט. זי בענקט ממש נאָך אים, ווען ער באַווייזט זיך נישט אַזוי אָפט. רינען איז אָבער נישט צום האַרצן אַז גרושקין זאָל ווערן ביי איר אַן אָפטער גאַסט. זי איז נישט קיין שונא טאַמאַרען, זי ווינטשט איר אַלדאָס גוטס, נאָר זי, רינאַ, זאָל שטיין פון דערווייטן — זי קען נישט פאַרטראָגן דעם שטומען צער פון זיינע אויגן.

רינאַ האָט שוין באַקוקט אַ צימער ביי אַ פרוי, אַן אלמנה. ס'וועט איר זיין ווייטלעך צו דער אַרבעט — אָבער זי איז אַנטשלאָסן דאָס צו טאָן.

היינט דאַרף זי מאַכן אַ סוף מיטן צימער. ווי דער שטייגער, רוט רינאַ אויף דער סאָפע, נאָך דער אַרבעט. זי וויל אַזוי נישט אַז

גרושקין זאָל זיך באַווייזן אויף דער שוועל. אויף גיך האָט זי אַרויפ־געוואָרפן אויף זיך דאָס שפּאַציר־קליידל, אַ קעם געטאָן די קרויזלען האָר, און פאַרקלאַפּט הינטער זיך די טיר. אַראָפּגייענדיק פון די טרעפּ איז איר אַנטקעגן געקומען גרושקין מיטן זשאַרעדיקן גלאַנץ אין די אויגן — גייט אַרויף, גרושקין — טאַמאַראַ קומט באַלד אָן — האָט רינאַ אים מקבל־פּנים געווען געשעפּטלעך, איילנדיק.

גרושקינען האָט ווײ געטאָן רינעס צוגעשפּיצטע רייד. אויפן צונג האָט אים געברענט אַ בקשה — איך וועל אייך באַגלייטן, מיטגיין, אָט בין איך דאָך געקומען צו...

רינאַ האָט גיך פאַרבייגעשלייכט, געלאָזט אים הינטער זיך מיט אַ געלאָדענער, שווערער צונג.

זי האָט געאײלט אין דער ריכטונג צום ים. הימל האָט זיך שוין געקליידט מיט אַשיקע שווערע וואָלקנס פון האַרבסטיקן אָקטאָבער. ווינטן בלאָזן שאַרפע, אָנגעפלויגענע פון צפון־לענדער. די ווינטן האָבן געקלאַפּט און געפּאַטשט אין רינעס קליידל און פּנים. איר איז פּלוצים באַפאַלן אַ בענקשאַפט נאָך אַ וואַרעמער היים, אַן אייגענעם צימער — נישט פאַלן צו לאַסט ביי קיינעם. ים ווערט טונקל, קאַכט און פּילדערט מיט אַ נאַכטישן ברומען. עס צינדן זיך לאָמפּן אין די פענצטער. דער קלוב פון ברוריהס פּאַרטיי האָט איר אינעווייניק אַריינגעצויגן. די ווענט זענען דעקאָרירט מיט שרייענדיקע רויטע בענדער און אויפשריפטן. עס האָבן איר געלאָקט די רוסישע צייטונגען און אילוסטרירטע זשורנאַלן, וואָס זענען צעלייגט איבער די לאַנגע טישן. די פּנימער אויף די אילו־סטרירטע בלעטער מיט אָפענע שמייכלען גיבן איר אויסגעדאַכטע גרוסן פון ווייטע רוסישע סטעפּעס, פון איר דערווייטערטער היים. ביי די טישן זיצן יונגעלייט און מיידלעך פאַרטיפט אין די בלעטער. אין גרויסן צימער, איבער קעפּ פון לייענערס הויערט אַ סודותדיקע גע־שפּאַנטקייט, — איין לייענער פאַרן צווייטן, ווי ער וואָלט זיך געהיט און איינגעהאַלטן די אייגענע פּאַרע פון מויל. עפּעס שטיקט זיך ביי אַלעמען אַ ווילן אַרויסצורייסן זיך פון דעם סודותדיקן הינערפּלעט. אָט דער ווילן קען זיך פאַרוואַנדלען אין פּראָטעסט, אין סטיכיע. רינאַ זעט

זיך דאָ אין דער געשפּאַנטער אַטמאָספער מיט אירע פערזענלעכע ראַנג־לענישן אַזוי קליין און תפל. זי וויל מיטשפּילן אין אָרקעסטער פון אומצופרידענעם המון — וואָסער חלק קען זי ביישטייערן צו דעם?

* * *

רינאַ האָט אין אַ ווינטיקן פאַרנאַכט זיך געזעגנט מיט טאַמאַרעס צימער. אַוועקגעלייגט דעם שליסל, ווי תמיד, אין דער באַהעלטעניש ביים שוועל פון טיר, און אַראָפּגעטראָגן פון די טרעפּ דעם איינציקן טשעמאָדאַן מיט אירע זאַכן.

זי האָט זיך איבערגעצויגן אין נייעם צימער, נישט ווייט פון ים. קיינער האָט איר אַהין נישט באַגלייט. טאַמאַרא איז איצט אין שפּיטאָל־דינסט. גרושקין האָט פאַרויסגעפילט, אַז רינען זענען דערווידער זיינע וויזיטן, האָט ער אָנגעהויבן אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט איר, און רינאַ איז דווקא דאַנקבאַר געווען זיין ריטערלעכן גרויסמוט.

אַז רינאַ האָט אַריבערגעשפּרייזט די שוועל פון צימער, האָט די ווירטין, אַ הויך־איבערגעוואַקסענע פרוי, איר באַגעגנט מיט אַ צעשמייכלטן פּנים. און זי האָט אַראָפּגעזאָגט אַ ברכה פון די ליפּן, ווי געציילטע פּערל — „זאָל זיין מיט גליק"!

רינאַ האָט זיך אַ ווײַלע צוגעזעצט אויף אַ בענקל, אויפסניי זיך אַרומגעקוקט אין צימער מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך דאָרט, און געקומען צום באַשלוס, אַז דער צימער איז גאָרנישט שלעכט. מיט אָנגעיאָגטן קוראַזש האָט זי צעהאָנגען אין שאַפע אירע זאַכן און זי האָט זיך געטרייסט מיטן פאָלקס־וואָרט: „משנה מקום — משנה מזל".

דער מזל האָט אָבער אַזוי צוגעדינט רינען, אַז מען פאַרגינט איר נישט צו זיין מיט „זיך" אַליין.

ברוריה האָט אָנגעהויבן אַריינשטעלן אַ פוס אין רינעס צימער. איר שנאה צו רינען, וואָס האָט אַזוי געבליט ווי ברענענדיקע קראָפּיווע, האָט זיך ממש פאַרוואַנדלט אין אַ הייסער־ליבשאַפט. עס האָט איר

געצויגן צו רינען, אָט ווי יענע געשטראָפטע בעלי־מומים, וועלכע געפינען אַ באַפרידיקונג אין דער נאַענטקייט פון געראָטן־פיזישע שיינקייטן. און חוץ דעם האָט ברוריה געהאַט אַן איינבילדונג, אַז רינאַ איז דורכאויס מיט אירע אידעען. — פלעגט זי אַלעמאָל אַריינפאַלן אין צימער און רופן רינען צו גרופן־פאַרזאַמלונגען און רעפעראַטן פון פאַרטיי־עסקנים. און מערקווירדיק: וואָס מער עס האָט זיך פאַרקניפּט די חברשאַפט צווישן זייביידן — אַלץ מער שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט אונטער רינעס פיל־געפּרוווטע טריט.

מיט איינמאָל האָט גענומען אַ סוף צו רינעס וויזיטן אין ברוריהס פאַרטיי לאָקאַל.

אַן אַנגעפּאַרענער פּאָליציי־ אויטאָ מיט ענגלענדער האָט באַלאַ־ גערט ברוריהס פאַרטיי־לאָקאַל, אויסגעליידיקט פון אינעווייניק אַלץ און אַלעמען, פאַרקלאַפּט און פאַרזיגלט מיט רויטע טריוואַקס־חתימות די טירן און פענצטער.

אין פאַבריק האָט ברוריה געשאָטן פעך און שוועבל ביי די הוזשע־ דיקע מאַשינען:

— מיר וועלן נישט בלייבן ווי אַ בלינדער ווערקצייג אין די לאַפּעס פון די ענגלענדער־אָקופּאַנטן, — נישקשה — האָט איר אויגל געשרפהט אין אלכסון — „ער" האָט אונדז געשטעמפּלט פאַר אומלעגאַל — פון אונטער דער ערד וועלן מיר אויסוואַקסן.

שעכטער האָט דערשפּירט אַז דער באָדן אונטער זיינע פיס ווערט זיכערער. עס האָבן זיך געשטאַרקט די שאַנסן אַריבערצוציען רינען אין זיינע ספערן. וויפל ער באַנוצט פאַר איר זיין אויסגעפּורעמטן געדאַנק און געשיקטן שכל — העלפט דאָס אויך נישט. ער טרעפט זיך אָן אין אַ האַרטער וואַנט.

אין אַרבעטער־רעסטאָראַן זיצט ער מיט רינען ביי איין טישל. דאָס בלאָע פלעמל אין אירע אויגן וואַרעמט און וועקט אים צו דיבורים. אָט טענה'ט ער איצט איין מיט רינען, אַז אַזאַ וועג ווי ברוריהס, איז שעדלעך און פרעמד דעם יידישן אַרבעטס־מענטש, וואָס האָט ליב זיין אייגן לאַנד.

א. ריוועס

— ס׳זענען שיינע ווערטער, חבר שעכטער — האָט רינעס חנ־גריבל זיך צעשמייכלט אין באַק — „פרעמד״ ווערט דעמאָלט אייגן, ווען דער מענטש געוווינט זיך איין מיט דעם — ווייטער וועג קען אַמאָל ווערן נאָענט.

פאַר שעכטערן איז אַ נויטווענדיקייט זיך צו טרעפן מיט רינען מחוץ די ווענט פון פאַבריק. ער האָט איר אָפּגעוואָרט אין רעסטאָראַן — אַז זי פלעגט נישט קומען אין דער ריכטיקער צייט, פלעגט דאָס אים אַרן. דער שטערן איז אים ברייטער געוואָרן פון טראַכטן, די אויגן אונטער די קאָווע־ברעמען זענען כלומרשט פאַרטיפט אין צייטונג אויפן טישל — אָבער די אויגן קלערן פון רינען. — וואָסער פּאַראַדאָקס — טענה׳עט ער אין זיך — קומען ווי אַן אַנטלאָפענע פון „יענעם״ לאַנד — און איצט לאָקט איר דאָס לעבן פון אונטער פאַרשטעלטע פאַרהאַנגען ?

טיילמאָל האָט שעכטער געגלויבט און זיך איינגערעדט, אַז רינאַ האָט צו אים אַ שייכות. הגם ס׳איז פאַר אים קלאָר רינעס אויסגעטראָ־טענע סטעזשקע — קיין שום אָפּצווייג פירט נישט צו קיינעם — לכל הדעות צו אים אוודאי נישט.

שעכטער וויל מיט אַלע כוחות דורכגראָבן אַ וועג צו איר סטעזשקע און געפינט נישט די כלים צו דעם.

איינמאָל אַ פרימאָרגן האָבן די אַרבעטער אַריינקומענדיק אין פאַבריק געפונען צעוואָרפן איבער דער פאָדלאָגע פלוג־בלעטלעך. זיי האָבן דאָס באַגעגנט מיט פאַרבליפונג, ווי אַן ערשט געפאַלענער שניי. שעכטער האָט באַפוילן אויפצוראָמען די אָנגעוואָרפענע פאַפירן. איבער די דורכגענג פון די מאַשינען האָט זיך דורכגעטראָגן דער געשעפטס־פירער מיט דער געבויגענער פלייצקע, ער האָט בייז געשליידערט מיט די פיס די פאַפירלעך, און די מאַשינען האָבן געהוזשעט און צוגעשפּילט מיט זייער ריטם.

— מען וועט מיר נאָך אַמאָל אָנוואַרפן די „אשר־יצר״־פאַפירלעך און איך וועל פאַקן דעם בעל־דבר, וועט ער גלייך פליען אין „חד־גדיא״!

— סטראַשעט נישט די געגנדז, אדון קוויאַטעק — האָט זיך געלאָזט הערן אַ קול פון הינטער די מאַשינען.

ביי די שפּול־מאַשינען האָט ברוריה טריומפירט מיט איר געלונ־גענער געהיימער שליחות. דאָס קאָסאַקע אויגל האָט פאַרטייעט געפינצ־טערט צום צעטראָגענעם געשעפטס־פירער וואָס שליידערט מיט רוגזה די פלוג־בלעטלעך. עס אַרט איר גאָרנישט, אַז די פאַבריק שטויסט זיך אָן זועמענס „שטיקל אַרבעט" דאָס איז.

געניאַ מיט די בורשטינענע גוטע אויגן קוקט מיט אַזוי פיל מיטלייד אויף ברוריהן, הלמאי זי פטרט איר אָרעם געזונט פאַר אַזעלכע זאַכן.

רינאַ בינדט די פעדים מיט אַ צעטראָגענעם אימפּעט, דאָס שלאַמ־פערן פון געשעפטס־פירערס שיך איבער די פּאַפּירן פאַרשאַפט איר איבלען און שאַרכעס איבערן לייב.

— ער וועט פון מיר קריגן אַ גאָב, דער „הויקער" — הערסטו רינאַ?

— שיסט מיט גאַל ברוריהס אויגל — ער וועט זיך האָבן צו באַלעקן. זיידנבייטלס „שמות" וועט ער אויך אַזוי צעטרעטן, דער חזיר?

ביים פרישטיק האָט דאָס פאַבריק־געזינדל געהאַט וואָס צו רעדן. זיי האָבן געקייט דעם ביסן און פאַרבראָקט מיט אַ כזית פּאָליטיק.

בר־חנניה מיטן בערדל קען נישט פאַרשטיין הלמאי מען פירט חשבונות מיט ענגלאַנד דווקא דאָ אין פאַבריק ביי די רונד־מאַשינען. ס'וועט איר העלפן ברוריהן — זאָגט ער — ווי אַ טויטן באַנקעס...

— אוודאי — באַמקעט צו אַ צווייטער — ווי קלערט איר, ר' זיידנ־בייטל וועט פאַר עגמת־נפש אויפהערן צו לערנען זיין בלאַט משניות?

— „אידיאָטן" זענט איר, וואָס... — האָבן ברוריהס מאָגערע צעפּלעך אַ טענצל געטאָן — מען דאַרף אייך אַריינקלאַפּן אין די פינצטערע מוחות אַ ביסעלע באַוווּסטזיין.

— „באַוווּסטזיין"? — קריגט זי באַלד אַ שאָט צוריק אין פּנים — און דו האָסט שוין דעם גאַנצן „באַוווּסטזיין"?

— די פאַבריק איז אונדזער אוניווערזיטעט, האָט זיך ברוריה פאַרכליסניעט מיטן ביסן ברויט אין מויל — דאָ וועט איר קומען צום פּראָלעטאַרישן תכלית, דאָ!

אין מיטן דעם קאָך און אַמפּערײַ האָט זיך דערהערט דער האַסטי־

קער קלינג פון סוף־פרישטיק, עס האָבן זיך ווידער געדרייט די רונד־מאַשינען מיט הוזשעריי, געדרייט און מיטגעשלעפּט די שעהען אין מאָ־נאָטאָנעם פאַבריקס־עול.

אין צעזונגענעם געדריי פון ווייס־באַקיטלטע מאַשינען האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן זיידנבייטל. דער געל־גראָער באָרד־פּלאָנטער איז מער צעבייזערט ווי אַלעמאָל און די ברילן בליצן מיט פאַרשייטן כעס. דער געשעפטס־פירער מיטן צעשמאָלצענעם פּליכל אויפן קאָפּ שוועבט פאַרביי מיט טאָפּעלער גיכקייט און קנעכטישער חניפה. אין די דורכגענג פון די מאַשינען וואַרפט ער פאַרדעכטיקע אויגן און דערשמעקט די מחשבות פון די פאַרפאָרעטע אַרבעטער.

זיידנבייטל וואַקסט פּלוצים אויס ביי די שפּול־מאַשינען. די דריי־ענדיקע גאַרן־ווינדעס שווינדלען און מיניען אין מיניאַטור אויף זיינע שפּאַקולן־גלעזער.

באַלד נאָך פון פריער האָט אים שוין ברוריה דערשפּירט, ווי אַ לויערנדיק קעצל. — האָסט געבענקט נאָך אים? — האָט זי אַ וווּנק געטאָן מיט אַ שפּאָטיש אויגל צו רינען — אָבער איר קאָסאָקער בליק האָט זיך גראָד פאַרטשעפּעט אין זיידנבייטלס אָנגעדראָלענעם פּנים.

זיידנבייטל וויל זיך נישט אָפּקלעפּן פון אָרט, ער ברענט אויסער זיך פון כעס, די באָרד פאַרלירט די מראה — ווי דאָס וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ יעזש מיט שפּיזלען. די שפּאַקולן־גלעזער בליצן ווי חלפים. — אָט באַלד קען זיך זיין קול צעגעוואַלדעווען, אָבער ער צוימט אין זיך איין דעם פייערדיקן כעס, ווייל זיין שרייען קען נאָך, חלילה, איינשטילן די עדה פון די ווייס־באַקיטלטע דרייענדיקע מאַשי־נען, דאָס הוזשענדיקע דאַוונען דאַרף ווייטער אָנגיין — זאָלן זיך דרייען רעדער, זאָלן הענט זיך באַוועגן — אַנישט וועט דאָס אים ברענגען שווערן שאָדן. זאָלן זיך דרייען באַלעמס שטאָפּן און אָניאָגן ריווח צום בילאַנס פון חודש.

זיידנבייטל האָט מיט רוגזה זיך אָוועקגעריסן פון אָרט — מ'האָט אים אַריינגערופן אין ביוראָ צום טעלעפאָן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט דער געשעפטס־פירער אַריינגערופן

ברוריהן צום באַלעבאָס.

רינאַ האָט דערשפּירט אַז נישט פרייַלעכדיקס דאַרף זיך דאָ באַלד אָפּשפּילן. פאַר אויפרעגונג האָבן זיך אַ צינד געטאָן די זומער־שפּרענקלעך אויפן נעזל. אירע שלייפן האָבן כסדר געהאַמערט, ווי זיי וואָלטן פאַרקלאָפּט דאָס הוזשערייַ פון מאַשינען־געדריי.

שעכטערן האָט מען אַרייַנגערופן אין ביוראָ.

די פאַבריק איז געגאַנגען אויף רעדלעך.

דער עולם ווערטלט זיך:

— זיידנבייטל האָט שוין באַלד אַ „מנין".

— ער וועט זיך באַלד אָוועקשטעלן דאַוונען „מנחה".

ברוריה איז אַרויסגעקומען פון ביוראָ אַן אויפגעקאָכטע. דאָס פּנים און אויערן גליִען אין פייער, דאָס אויג שיסט אין אַלכסון מיט גאַל. זי וויל נישט מיט קיינעם אַרויסרעדן אַ וואָרט, פּונקט ווי אַלע זענען איר דם־שונאים. ערשט צוקומענדיק צו איר מאַשין האָט זי אַ שאָס געטאָן פאַר רינען: — פּראָוואָקאַטאָרן, איינס ווי איינס. ער האָט מיר געקינדיקט. די ווינדעס האָבן געשווינדלט פאַר איר צעהיצטן פּנים און דאָס מויל האָט נישט אויפגעהערט צו ברענען מיט טראַציקע ווערטער:

— כשרע רביצנס, „אחדותניצעס", זענען אים צום האַרצן, ער דאַרף נישט קיין „באַלשעוויטשקעס".

אונטער רינעס פיס גליט די פּאָדלאָגע, זי דערשפּירט אַ לויערנ־דיקע סכנה וואָס דראָט זיי ביידן.

— און וואָס זאָגט שעכטער? — פרעגט רינאַ אַ פאַרלוירענע.

ברוריה גיט אַ נערוועזן טרייסל מיט די צעפּלעך — ער איז נישט מסכים, שעכטער, מיט זיידנבייטלס געמיינהייט, אין אָוונט וועל איך זיין אין דער „אגודה", עס וועט נישט אָפּגיין גלאַטיק.

* * *

די געשעענישן אין פאַבריק מיט ברוריהס אָפּזאָגן פון דער אַרבעט, האָט רינען ביז גאָר באַאומרויִקט. זי פלעגט לענגער פאַרבלייבן

ביי זיך אין צימער. לפנים האָבן די פיר ווענט מיט די געבאָרגטע מעבל פון איר ווירטין געווייעט אויף איר מיט שלוה און געמיטלעכ־קייט, — אָט דאַרף זי נישט אויסשטיין קיינעמס קריוודעס, און ליב איז איר צו טראָגן די משא אויף זיך אַליין.

די געשיכטע מיט ברוריהן האָט איר אָבער כסדר פאַרפאָלגט און צעשטערט איר אויסגעדאַכטע אידיליע. טיילמאָל דערשפּירט זי איבער זיך דעם שאָטן פון עמעצן, וואָס לויערט איבער איר און טשאַטעט נאָך איר יעדן קער און ריר. אין גרעסטן טומל אויף דער גאַס פלעגט זי מיטאַמאָל דערשפּירן דעם אָטעם פון אַ פרעמדן, אַ נישט זעעוודיקן. איר עמפּינדלעכקייט פלעגט פאַרשאַרפט ווערן מיט אַזאַ האַרבקייט, פּונקט ווי איינער וואָס גייט אויף אַ גליטשיקן אייז — אָט דאַרף זי היטן דעם גלייכגעוויכט, נישט געשטרויכלט צו ווערן — און אומפאַלן.

רוענדיק איינמאָל נאָך דער אַרבעט אויף דער סאָפע, זייענדיק פאַרקלערט אין אירע מאַטערנדיקע מחשבות, האָט זי פּלוצים דערהערט אַנקלאַפּן אין דער טיר — עס האָט איר אַ פלאַם געטאָן אין האַרצן. באַלד נאָך דעם האָט זיך אין דער טיר־עפענונג באַוויזן טאַמאַרעס געדיכט־געקרייזלטער קאָפּ האָר.

— האָ, שלום טאַמאַראַ! — איז רינאַ ממש אַ פאַרכליניעטע אויפגעשפּרונגען פון דער סאָפע — ווען זע איך דאָ? — האָט זי פאַר פרייד אַרומגענומען איר פריערדיקע שכנטע — ווי דאַנקבאַר, ווי דאַנק־באַר זי איז איר מיטן אומגעריכטן וויזיט.

— על פי יושר — האָט טאַמאַראַ זיך געהנדלט פאַר רינען, און נישט אויפגעהערט צו סאַפּען פון איר גיין אויף די גאַרנס טרעפּ, — האָב איך איצט נישט געהאַט קיין צייט דיך אויפצוזוכן — און טאַקע מחמת מיין ווייניקער צייט האָב איך דיר נאָכנישט אָפּגעגעבן דעם ערשטן וויזיט אין דעם צימער, אָבער דו ווייסט, רינאַ? איך האָב זיך נאָך דיר אמתדיק פאַרבענקט — טאַמאַרעס בליקן פון אירע גוטע שאָפישע אויגן האָבן דאָס באַשטעטיקט, — איך באַדויער אויפריכטיק, וואָס דו ביסט פון מיר אַוועק.

רינעס אויגן האָבן שעלמיש געשמייכלט — און איך באַדויער

גראַד נישט מיין אַוועקגיין — הער, טאַמאַראַ, — האָט רינאַ איר אַוועקגעזעצט נעבן זיך אויף דער סאָפע — איך וויל פאַר דיר זיין אויפריכטיק: אַ „גראַד" איז מער מזלדיק פאַר „אום"; עס האָט נישט געהאַט קיין זינען מיין פלאָנטערן זיך צווישן דיר מיט גרושקינען, ווו „צוויי" איז אַ „דריטער" שעדלעך. און איך גאַר לעצטנס נאָך אַן אָפגעזונדערטן ווינקל. עס פאַרבענקט זיך מיר צו זיין נאָר מיט „זיך" אַליין.

— עס ליגט אַ סך אמת אין דיינע רייד — האָט טאַמאַראַ צוגעשטימט — אָבער מען קען נאָך אַ סך אַראָפדינגען פון דעם שידוך צווישן מיר און גרושקינען. — ס'איז נאָך ווייט פון ממשות און באַשטימטן — נאָר לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן — איז אָט וואָס, רינאַ — האָט זי אויפגעשפיליעט איר לעדערנעם רידיקיול און אָנגעהויבן גראַבלען אינעווייניק מיט דער האַנט — איך האָב פאַר דיר אַ גרוס.

— פון גרושקינען? — האָט רינאַ זיך געלאָזט טרעפן.

— גרושקין איז פון דיר באַליידיקט — זאָגט ער — און זי דערלאַנגט רינען אַ פאַרמאַכטע „סעקרעטקע" — דאָס האָט ער דער־האַלטן פאַר דיר פון דיינעם אַ חבר.

— און איצט, רינאַ — האָט טאַמאַראַ זיך אויפגעשטעלט — זיי נישט בייז, איך האָב מיין שליחות ריכטיק אויסגעפירט, איך אייל מיך אין שפיטאָל איבערצוגעמען דיזשור.

אַז טאַמאַראַ האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר איז רינאַ געבליבן שטיין אַביסל צעטומלט פון איילנדיקן וויזיט, זי האָט ווידער אַ נעם געטאָן אין האַנט די סעקרעטקע, דערקענענדיק דאַניעס האַנט־שריפט, — אָט האָסטו דיר — האָט זי אַ זאָג געטאָן — זיך פאַרבענקט דאָס „ציגעלע צום קריגעלע".

זי איז געבליבן זיצן אַזוי פאַרטראַכט און אַרום איר האָט וויברירט אַזאַ פאַרבענקטע מוזיק, עס האָבן אויפגעוואַכט שטימונגען, וואָס ווערן נאָר געבוירן אין איינזאַמע פיינלעכע רגעס.

רינאַ האָט פאַמעלעך און פאַרקלערט אויפגעריסן דעם זוים פון בריוועלע.

* * *

די צווייַ וואָכן צייט וואָס זיידנבייטל האָט געקינדיקט ברוריהן האָבן שוין געהאַלטן ביים סוף. שעכטערן איז ממש געגאַנגען אין פּרעסטיזש, אַז דער פּראָפּעסיאָנעלער פּאַריין זאָל נישט דערלאָזן צו אַזאַ געוואַלדטאַט: מען וואַרפט נישט אַרויס אַן אַרבעטס־מענטש אויף דער גאַס, ווי להבדיל אַ הונט. און זיידנבייטל מיט זיין קנעכטיש־פּאָלגעוודיקן געשעפטס־פירער האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערע ביין־ווייליקע טענות, אַז זיי דאַרפן נישט, מכלומרשט, קיין „פּאָליטישע", ער וויל זיך נישט איינרייסן מיט מלכות, ביי אים דאַרף מען אַרבעטן און ווייטער גאָרנישט! — אָט די אַלע טענות האָבן זיך ווי שווערע שטיינער געלייגט אויף די געריכטע פאָדערונגען פון שעכטערן, וואָס האָט נישט איינמאָל אינטערוועניר ביים סעקרעטאַר פון פּראָפּעסיאָנעלן פּאַריין. אינעם איינשטעלן זיך פאַר ברוריהן זענען אויסבאַהאַלטן געווען שעכטערס איידעלע באַגערן צו רינען — ער וואַקסט דאָך אויס אין אירע אויגן פאַרן רעכט־מאָנער און אויסדערוויילטער פון פאַבריק. וועט ער, שעכטער, דורכפאַלן אין איצטיקן קאַמף — איז ער אויס־געשפּילט, מיינט ער, ביי רינען אויף אייביק.

אין ביוראָ פון פאַבריק האָט זיך געמאָלדן דער סעקרעטאַר פון פּראָפּעסיאָנעלן פּאַריין, אין באַגלייטונג פון שעכטערן. זיידנבייטל, אין דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון אַ הילולה מיט אַ מחנה חסידים, וועלכע האָבן באַגלייט דעם צדיק הדור, דעם גערער רבין קיין ירושלים. פאַרויטלט און צעהיצט האָט ער אויפגענומען די יונגעלייט אין די בלויזע קעפּ. די באָרד האָט זיך געמיניעט מיט רוגזה און ביטול צו די אַריינגעקומענע — אַריינגעריסן זיך די טומאה אין זיין היכל — זענען דאָך גאָלע גאָרנישטן מיט זייערע עולם־הזהס און פּוסטע האוועבישן, אָן אַ ניצוץ פון תורה. אין זיידנבייטלס מוח טליען די קלוגע רייד פון די חז"ל, עס לופּטערן זיך ביי אים אין קאָפּ די איינגעחזרטע בלעטער משניות, — צוליב די

אפיקורסים, די פועלים, אוי־ווי, ווערט ער געשטרויכלט מיט שלעכטע מחשבות און נישט רעכטפאַרטיקע מעשים.

דער סעקרעטאַר מיטן נעגער־פּנים און גראָבע ליפּן אַפּעלירט צו זיידנבייטלען, ער זאָל צונישט מאַכן די גזירה איבער ברוריהן.

— עקשנות איז גראָד נישט קיין יידישע מידה — העלפט צו שעכטער.

— איך בעט אייך זייער — בליצן קאַלט זיידנבייטלס שפּאָקולען־גלעזער — לערנט נישט מיט מיר אייער מוסר — איך דאַרף נישט האָבן ביי זיך אין פאַבריק דעם „חמץ".

זענען זיי ווידער און אָבער צוגעשטאַנען צו אים מיט תקיפות און האַרבע רייד.

זיידנבייטלען פאַרדריגעט זיך אַזש די יאַרמולקע אין אַ זייט, פאַרטראַגט נישט די עזות פון די דאָזיקע לייט, — און גערעכט זענען די חז"ל — האָט אים אַ ברי געטאָן אונטער דער באָרד — וואָס האָבן געזאָגט: „כל הקונה עבד עברי — כקונה אדון לעצמו" — האָסט געהערט אַ געשיכטע? נבע... ער דאַרף נישט איבער זיך קיין „נאַטשאַלניקעס" און דעה־זאָגערס...

ביי זיידנבייטלען האָט מען גאַרנישט געפועלט.

די מאַשינען האָבן ווידער זיך געדרייט און געוויקלט באַלעמס שטאָף פאַרן גוטן פּדיון פון פאַבריקאַנט.

שעכטער האָט אָפן געדראָט מיט אַ שטרייק.

ברוריה האָט זיך אָבער נישט דערוואַרט אויפן לעצטן טאָג פון איר געקינדיקטן טערמין. מיט איינמאָל איז זי אַ פרימאָרגן אין גאַנצן נישט געקומען צו דער אַרבעט.

— זי האָט זיידנבייטלען אָפּגעטאָן אויף „טערקיש" — האָבן אַרבעטער מיט שאַדנפרייד זיך געוווּרטלט אויפן פאַבריקאַנטס חשבון.

רינען איז נישט איינגעגאַנגען דאָס ווערטלען זיך, אַ לויערנדיקע געפאַר איז געהאַנגען איבער איר קאָפּ — ווער ווייסט וואָס ס'האָט פּאַסירט? — האָט איר געעקבערט דער געדאַנק — ברוריהס ליידיקע אָרט ביי דער אָפּגעשטעלטער מאַשין האָט אויף איר געווייעט מיט קעלט.

א. ריוועס

אויף צומאָרגנס האָבן שוין אַלע געוווּסט אין פאַבריק, אַז ברוריה איז אַריינגעפאַלן אין פאַסטקע פון די שוטרי־חרש און ענגלישע פּאָליציי — זיי האָבן אַנטדעקט אַ געהיים קרייזל — און ברוריה זיצט שוין הינטער די קראַטעס.

רינען איז שוין נישט אַנגעגאַנגען די אַרבעט אין פאַבריק. זי האָט איבער זיך דערשפּירט אויגן. אויגן דרינגען דורך די ווענט, פאַר־לויפן איר אויף דער גאַס, שטעלן זיך איר אין האַלדז ביים עסן. וואָס מער זי וויל זיי אויסמיידן — אַלץ מערער שפּרינגען אַרויס די אויגן פון בלינדע פאַרהוילענישן און לויערן נאָך אירע טריט, לויערן געהיים און פאַרדעכטיק.

זי האָט געגומען פאַר ליב וואָס שעכטער באַגלייט איר אין די אָוונטן אַהיים. פאַראיינוועג גייט זי שוין מיט אים אויף די פּראָפּעסיאָ־נעלע פאַרזאַמלונגען אין „הסתדרות". שעכטער זעט זיך מיט אַ קאָפּ העכער פון דעם אויסגעדאַכטן גליק. ער באַקומט שווונג און אויסגע־וואַקסענע פליגל — אַז ער רעדט פון דער טריבונע צעשיינען זיך אַזש די האָר־קאַרבן אויפן קאָפּ מיט ברוינלעכן גאָלד. זיינע פּאָלעמישע אַרויסטרעטונגען קעגן די קעגנער ווערן ממש פאַרוואַנדלט אין פייער־ווערק. פון די שורות זיצנדיקע אַרבעטער אין זאַל דרייט מען די פּנימער צו רינעס זייט, אויגן צעלויכטענע פון קנאה קענען זיך נישט אָנזעטיקן פון רינעס פּנימל מיט די בלאָ־פאַרטייעטע מלכותדיקע אויגן. נישט איין מיידל גיט אַ זיפץ אויף איר אייגענעם הארבן גורל. — אַ מזל פון אַ יונג, אָט דער שעכטער... — איז מען אים מקנא.

רינען גרייפט גראָד אין די רגעס אָן אינערלעכע דערשלאָגנקייט, אַלעמענס בליקן פאַרשאַפן איר צער, נישט קיין דערהויבונג. זי זעט זיך דאָ אויף דער פאַרזאַמלונג ווי איבעריק און אָנגעוואָרפן. מיט איר איז דאָך געשען אַ טעות — וואָספאַראַ זעלישע פאַרבינדונג האָט זי מיט שעכטערן? — ער שיצט איר נאָר ווי אַ קמיע פאַר לויערנדיקע געפאַרן, וואָס דראָען איר פון אַלע ווינקלען.

דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט זי באַגלייט ביז די טרעפּ פון איר וווינונג, האָט איר אויסגעדאַכט, ווי עמעצער האָט זיך אַ שלייך

געטאָן און ווי אַ שאָטן איז דאָס פֿאַרשלונגען געוואָרן אין טונקל־באַ־לויכטענעם קאָרידאָר. — אוודאי איז זי נישט פֿון די שרעקנדיקע, אָבער ווען נישט שעכטער וואָלט זי זיכער אַ געשריי געטאָן. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק פֿון איינעם וואָס פֿאַרדעכטיקט עמעצן אין אַן אָנפֿאַל, אָדער גנבה. פֿון דעמאָלט אָן האָט זי שוין פֿאַרבעטן שעכטערן ער זאָל איר אַ טראָפּעלע באַגלייטן העכער ביז צו דער טיר פֿון איר וווינונג — און פֿאַרוואָס נישט אַביסל אונטערזיצן ביי איר אין צימער?

שעכטער גיט זיך נישט אָפּ קיין קלאָרן חשבון וועגן רינעס פּלוצימדיקער צוגעלאָזנקייט. פֿאַר אים איז גענוג אַז ברוריהס צרה האָט אויף אים אַ בליאַסק געטאָן מיט גליק. דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פֿון רינעס צימער איז ער באַרוישט געוואָרן פֿון פֿאַרשיכורטע מחשבות. דאָס זיצן נאָענט פּנים אל פּנים מיט רינען האָט האַסטיקער אַ באַוועג געטאָן די העמערלעך אין האַרצן — ער רעדט נישט דאָס וואָס ער באַדאַרף צו רעדן. מיט יעדער רגע זעט ער זיך אַלץ מער אומגעלומפּערט און קינדיש. טוט ער זיך אָן אַ כּוח, קעגן זיין ווילן, און טראָגט זיך אָפּ, כּלומרשט ער איילט אויף אַ וויכטיקער זיצונג. ער טראָגט זיך אַרונטער פֿון די טרעפּ מיט אַ פֿיינלעכער חרטה, און אין האַרצן ראַיעט אַ כּעס אויף זיך אַליין, אַ כּעס אויף דער גאַנצער וועלט.

רינאַ בלייבט זיצן אין צימער אין אַ צערוישטן נעפּל, זי האָט פֿאַרדרוס אויף איר געצווונגענער פּחדנות. זי וועט מאַכן אַ סוף צו דעם שפּיל: ביי איר איז אָפֿענע קאָרטן — זי געהערט נישט אין ברוריהס פּאַרטיי, איר וועג איז אייגן — נישט באַטראָטן פֿון קיינעם. ווער וועט איר אָוועקשענקען כּוח זיך איינצוגלידערן אין דער מעכטיקער מאַסע פֿון אַ באַעוולטן קלאַס?

זי האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ. אין דער פֿינצטער אויפֿן געלע־גער האָבן אירע געדאַנקען זיך געצונדן אין פֿייערווערק. אין פֿינצטער־וויכן סאַמעט פֿון דער נאַכט לייכטן אויף פּנימער מיט גרינעם פֿאָספֿאָר, פּנימער מאַנען און מאַטערן. דאַניעס ווערטער אין לעצטן בריוול צינדן זיך מיט פֿיינלעכער בענקשאַפֿט:

„איך האָב געאַקערט און געזייט אין אויסגעהאָרעוועטן באָדן מײַנע בענקשאַפטן צו דיר. די באַגערן האָבן זיך צעבליט און אויפֿגעגאַנגען צײַטיק און פֿול, ווי תבואה־זאַנגען אין פֿעלד. טראָג איך דיר אַנטקעגן אַ פֿולן גאַרב מיט האָניק־דופֿטן; איך טראָג דיר אַנטקעגן מײַן פֿײַער פֿון האַרצן — זײַ מקבל פֿון מיר דעם טײַערן געשאַנק.———"

.10

חודש דעצעמבער האָט געטווישט די טעג, ווי אַ האַזאַרט־שפּילער די פֿאַרביקע קאָרטן. איין טאָג איז נישט געווען גלײַך צום אַנדערן. איין טאָג רעגנט מיט האַסטיקע בײַטשן וואַסער, דער ווינט יאָגט צעפֿלוישטע גראָע וואָלקנס אין הימל און טרײַבט דעם רעגן אין אַלכסון. רעגן שווענקט ־עם בעטאָן אין גאַס און אַטאַקירט מיט שטראָמען וואַסער די דורכלויפֿנדיקע אויטאָבוסן, די אויסגעווייקטע פֿערד און וועגענער. רעגן יאָגט און שמײַסט אין אײַגעבויגענע רוקנס פֿון אײַלנדיקע מענטשן אין אײַנגעשלײַערטע רעגנמאַנטלען און ווינטערדיקע מלבושים. וואַסער ריזלט מיט יאָגנדיקע שטראָמען אין די זײַטן גאַסן און פֿאַרפֿלײַצט די גאַסן־דורכגענג און מערק. אויפֿן אַנדערן טאָג בלײַבט נישט קיין זכר פֿון נעכטיקן רעגן. הימלען בלאַנקען ווידער אויסגעוואַשענע מיט בלאָער ציכטיקייט, זון וואַרעמט גאָלדיק און באַשטראַלט מיט ליכט אָפּגענעצטע הײַזער און דורכגעווייקטע בוימער. איבער די אויפֿגעלעבטע גאַסן דערוואַכן ווידער די דורכגייער מיט אויסגעגלײַכטע רוקנס. די גאַס וואַרעמט זיך אין צעשפּילטער דעצעמבער־זון. און אָט קומט ווידער אָן אַ טאָג פֿון בײַזע ווינטן וואָס גאַלאָפּירן און וויקלען זיך איבער גאַסן און הײַזער; ווינטן פֿײַפֿן און וואָיען ווילד־צעצויגן; צעשריגענע ווינטן בויגן ביימער אין דער העלפֿט, רײַסן אַרונטער היטלען פֿון פֿאַרכליניעטע קעפּ בײַ דורכגייער — און הײדאַ, אין דערלופֿטן. ווינטן יאָגן אָן וואָלקנס פֿון אַלדי רוחות, וואָלקנס טראָגן זיך אָנגעגאָסענע מיט מוטנעם חושך, זענען געלאָדן מיט דונער און בליץ.

ביינאַכט גיסט אַן עקשנותדיקער רעגן, באַלויכטן איטלעכס מאָל מיט פּאַרכאַפּנדיקע פּאַספּאַר־בליצן און קנאַליקן דונער.

אין אַזאַ גאַסרעגן האָט רינאַ זיך געלאָזט גיין פון אַרבעטער־רעסטאָראַן צו זיך אַהיים אין דער באַגלייטונג פון שעכטערן. זי איז איינגעוויקלט אין פּאַרשפּיליעטן רעגנמאַנטל מיטן אַרויפגעצויגענעם מיצל אויפן קאָפּ, די ווינטער־שטיוועלעך פּלוכטשען אין קאַלוזשעס וואַסער, וואָס שפּיגלען זיך אין שיין פון עלעקטרע־לאָמפּן. שעכטער איז צוגעקלעפּט אין איר זייט, דער רעגן גיט אים אַ היתר איר צו פירן אונטערן אָרעם (דאָס וואָלט ער נישט געוואַגט אין אַ געוויינלעכן רויקן אָוונט). זי איז ביי אים געפאַנגען, זיך נישט אַרויסצודרייען. זיין אָרעם ציטערט אונטער פון פיינלעכער פרייד אין האַרצן. — דער בלענד פון אַ פּלוצימדיקן בליץ האָט באַלויכטן זייערע פּנימער — און רינאַ האָט אַ צאַפּל געטאָן פון פּאַרטויבנדיקן דונער־קראַך. שעכטער קלעפּט זיך פעסטער אין רינעס זייט. זיי זענען פּיטש־נאַסע דערגאַנגען צום הויז פון רינען.

אין קאָרידאָר האָט זי זיך באַפרייט פון שעכטערס באַהעפטונג.

— זי איז זייער דאַנקבאַר פאַר דער באַגלייטונג — האָט זי אים ווי גלייכגילטיק אַ זאָג געטאָן — און דערלאַנגט אים אַן אומגעדולדיק קאַלט־פייכט הענטל צום געזעגנען.

שעכטער האָט דערפילט אַ קאַלטן שאַרף איבערן לייב, עס האָט אַ פריר געטאָן דער זשאַר וואָס האָט זיך ביי אים אויפגעהאַלטן אין דער צייט פון זיין באַגלייטן איר אין רעגן. ווי געפּלעפט פון איר האַסטיקן אָפּקער האָט די צונג עפּעס פאַרלוירן דאָס לשון. ער וויל איר נאָך זאָגן מכוח דער מאָרגנדיקער פאַרזאַמלונג אין אָוונט, אָבער ווער? ווו? זי פליט שוין פלינק איבער די טרעפּ. די שטיוועלעך קלאַפּן גיך איבער די שטיגן און פאַרהילכן דעם קאָרידאָר־חלל מיט אַ טויבן עכאָ.

אַז רינאַ האָט אַריינגעפאַלט צו זיך אין צימער האָט זי ראַש אויפגעדרייט דאָס לעמפּל — אַ מחיה, ס'איז ליכטיק אין די אויגן. אויף גיך וואָרפט זי אַרונטער די נאַסע מלבושים. זי באַוויזט נאָך נישט

זיך אָוועקזעצן אויף דער סאָפע, און עס וואַקסט אויס אויף דער שוועל איר ווירטין — אַ הויך איבערגעבויגענע געשטאַלט — ס׳איז שוין ווידער עמעץ געווען — זאָגט זי אָן רינען די בשורה.

רינאַ שטעלט אָן אויף איר אַ פּאָר אויגן און די נאַזלעכער פלאַטערן פאַר אויפרעגונג — וואָס איז שוין ווידער?

— בע־מע, עפּעס פרעגט איינער וועגן נעכטיקע טעג — האָט די ווירטין געשטאַמלט — דער פאַרשוין געפעלט מיר גאָרנישט. עס וואָלט געווען גלייך, רינאַ, איר זאָלט אויסרוימען די נישט נויטיקע בראָשורקעס, אָדער בלעטלעך.

— מאַכט נישט קיין פּאַניק — בעט איך אייך — האָט רינאַ צונישט געמאַכט דער ווירטינס שרעק, און ביי איר אין האַרצן האָט זיך צעוואַקסן אַלץ מער דער אומרו.

רינאַ האָט ביי זיך אַ צייטונג, וואָס שעכטער האָט איר איבער־געלאָזט, עס ווערט פאַרנאַטירט וועגן נייע אַרעסטן — אָבער וואָסער שייכות האָט זי צו דעם? אירע אויגן זענען געשפּרונגען אין דער אויס־געשפּרייטער צייטונג פון איין נייעס צו דער אַנדערער. זי שטויסט זיך אָן אויף דער מעלדונג וועגן דער לאַנדווירטשאַפט־קאָנפערענץ וואָס דאַרף זיך עפענען די טעג, — דוכט זיך, זי האָט באַגעגנט אַ גאַנץ געוויינלעכע פּראָזאַישע ידיעה — אָבער דאָס האָט אַרויסגערופן ביי איר אַ ווירקנדיקן נאָכקלאַנג. די ווערטער פון דער מעלדונג באַוועגן זיך און צעגייען אין אַ זייט, ווי אייזקריעס אויף אַ טייך און פון אינע־ווייניק אַנטפּלעקט זיך פאַר אירע אויגן די געשטאַלט פון דאַניען. זי שפּירט בחוש אַז דאַניע וועט זיין אויף דער קאָנפערענץ.

זי איז שוין געלעגן אויף דער סאָפע איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע, און דאַניע איז איר אַלץ נישט אַרויס פון קאָפּ. יאָ, זי גאַרט אים צו זען, הגם ס׳איז איר שווער צו ענטפערן אויף זיינע בריוולעך, וואָס ער שיקט איר איבער. ווען ער באַווייזט זיך איצט פאַר איר וואָלט זי אים אויפגענומען נישט ווי קיין שונא. — ער איז דאָך איר געווען אייגן, נאָענט, און זי קען דאָס נישט פאַרגעסן.

אין גרעסטן מאַשינען־גערויש אין פאַבריק האָבן אירע מחשבות

זיך לעצטנס אַ טראַג געטאָן צו דאַניען אין דאָרף. ווען שעכטער פלעגט איר באַגלייטן אַהיים אין די אָוונטן, האָט רינאַ אויך געקלערט פון דאַניען. שעכטער האָט געפיבערט אין איר זייט מיט איידעלע באַגערן, און פון רינען איז צומאָל קיין טראַפּעלע וואַרעמקייט צו אים נישט דערגאַנגען.

פון יענער צייט אָן, ווען מען האָט ברוריהן פאַרנומען אין אַרעסט־הויז, האָט רינען באַגלייט אַ כסדרדיקער אומעט. די מאַשין אין פאַבריק האָט לאַנג נישט געפּוסטעוועט, די „הסתדרות" האָט געשיקט אַן אַנדערע אויף ברוריהס אָרט — אַ געוויקסיק מיידל מיט אַ יינג־לעריש געשוירענעם קאָפּ האָר און געלאָקטן שויבער אין די אויגן. אָט די נייע שפּולערין האָט אַלעמאָל שטיפעריש אָוועקגעטרייסלט מיטן קאָפּ דעם צעפּלוישטן שויבער פון שטערן. אירע ציינער פון אַ פאַרשאַרצטער ליפּ האָבן תמיד געשמייכלט, אפילו ווען מ'האָט נישט באַדאַרפט שמייכ־לען, און געשמייכלט האָבן אויך אירע פולע אויגן, ווי זיי וואָלטן אַנגע־קוואָלן פון גאָטס וועלט, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין רשעים און פייני־קער. רינאַ האָט באַוואונדערט יענערס גוטמוטיקייט, וואָס פלעגט נישט אַרויסווייזן די מינדסטע אויפרעגונג ביים איבערייסן זיך און קניפּן די פעדים. צום מערסטן האָט די נייע שפּולערין אויסגענומען ביים פּליכע־וואָטן געשעפטס־פירער, וועלכער איז באַפרייט געוואָרן פון ברוריהס שרפהדיקע בליקן, וואָס זענען צו אים תמיד דערגאַנגען ביזן גאָרגל.

דורך אַ געהיימער האַנט זענען צו רינען דערגאַנגען די פלוג־בלעטלעך פון ברוריהס פּאַרטיי, בלעטלעך געדרוקטע מיט דראָבנע אותיות — און קיינמאָל האָט זי זיי נישט דערלייענט ביזן סוף, וועגן האַרבע רייד וואָס האָבן זיך געשאָטן מיט גאַל אויף די קעפּ פון ענגלי־שע אָקופּאַנטן און זייערע מיטהעלפער.

רינאַ האָט זיך איינמאָל אומגעקערט אַהיים נאָענט צו חצות. זי איז שוין געווען אויפן געלעגער איינגעטוליעט אין דער קאָלדרע, גרייט צו כאַפּן דעם ערשטן דרימל — מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין טיר.

— ווער איז?

א. ריוועס

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער.

דאָס קלאַפּן האָט זיך פאַרשטאַרקט.

זי איז שוין געשטאַנען אויף די פּיס אין שלאָף־כאַלאַט.

— רינאַ, עפנט אויף, — האָט זיך דערהערט הינטער דער טיר דאָס ציטערנדיקע קול פון דער ווירטין — מ'איז געקומען פון דער פּאָליציי.

זי האָט אויפגעשלאָסן די טיר און אין צימער האָבן זיך אַרייַנגעשאָטן אַ כאַפּטע פּאָליציאַנטן אין אוניפאָרמען און אין ציווילע מלבושים. זיי האָבן אָן שהיות געשניפערט און געזוכט אין ביכער און פּאַפּירן, איבערגעדרייט אַלץ אין צימער. די ווירטין האָבן זיי גענומען פאַר אַן עדות צו זייערע מעשים. רינעס אויגן האָבן געפלעמלט מיט בלאָען צאָרן, דאָס פּנים האָט אַלעמאָל זיך געביטן אין אַן אַנדער מראה. נישט פאַרטראַגנדיק וואָס פרעמדע הענט באַברען זיך אין אירע אַרויסגענומענע קליידער פון שאַפע, קערן איבער די קעשענעס אויף דער לינקער זייט.

— הממממ... — האָט זיך דערהערט אַ בערישער ברום.

אַלעמענס אויגן האָבן אַ קער געטאָן אין דער זייט פון זיגערישן הממממ...

און אָט האָבן אַ פּאָר הענט אויסגעגלייכט מיט שאַנדנפרייד אַ צעקנייטשט שטיקל בלעטל.

רינאַ האָט אין דער רגע דערשפּירט ווי די פּאָדלאָגע ווערט איר לויז אונטער די פּיס, צענעמט זיך, אַ קאַלטער סקרוך פּויזעט איבערן לייב — און ווי הייסער זאַמד וואָלט זיך דערנאָך געשיט פון מוח ביז צו די קנעכל פון די פּיס.

— הממממ... — טריומפירט ווידער אַ פאַרשיכורטער בער — אָט דאָס האָבן מיר געזוכט.

דאָס פּנים ביי דער ווירטין איז ווייס פון שרעק, זי ברעכט פאַרצווייפלט די פינגער און די אויגן טרויערן מיט שטומען צער: איך האָב דאָך איר געבעטן — אַנטגייט זי פאַר ווייטיק — זי זאָל אויפרוימען די פּסולע בלעטלעך — אוי־ווי וואָס האָט זי געטאָן, וואָס האָט זי געטאָן?

— זיך אָנטאָן און מיטגיין מיט אונדז! האָט זיך דערהערט אַ באַפעלערישער האַרבער רוף.

דאָס צימער איז געבליבן איבערגעקערט, ווי נאָך אַ פּאָגראָם — און רינען האָט מען אַראָפּגעפירט פון די שטיינערנע טרעפּ אונטער דער באַגלייטונג פון הילכיקע שווערע פּאָליצייאישע שיך.

* * *

פונקט זיבן אַ זייגער אין דער פרי האָט אַ קלינג געטאָן דער גלאָק אין זיידנבייטלס פאבריק. רונד־מאשינען האָבן זיך האָפערדיק צעלאָזט אין אַ זשומענדיקן געדריי, איינגעשלייערט אין ווייסן געוועב, זיי האָבן ווי מתפללים אין טליתים אויסגעדאַוונט זינגעוודיק, אינאיינעם מיט זייער פאַבריקאַנט אין חסידישער קלויז, דעם פרימאָרגנדיקן „מה טובו אהלך". שעכטער אין קורצן כאַלאַטל מיטן לאַנגן שטעקן אין האַנט איז גרייט צו פאַרוואַרפן די ווידערשפעניקע פעדים וואָס גליטשן זיך אַרונטער פון די פעדים־פירער.

ער איז גראָד אין דעם פרימאָרגן אין אַ געהויבענער שטימונג נעכטן אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג איז ער ווידער געוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון טעקסטיל־פאַריין — די גרעסטע צאָל שטימען האָט ער באַקומען. אוודאי קומט ער נישט בלויז אָפּ מיטן שיין־רעדן — ער איז מקיים אויך זיינע רייד אין מעשים. יאָ, שעכטער שטעלט זיך איין אַ גאַנץ יאָר פאַר די אינטערעסן פון אַרבעטער — צאָלט מען אים אָפּ מיט דאַנק. אַלע אין פאבריק האָבן אים גראַטולירט מיטן נצחון, און ער פאַרשטייט נישט, פאַרוואָס איז עפּעס רינאַ נאָך נישט געקומען? ער לאָזט זיך גיין צו דער אָפּטיילונג פון די שפּול־מאַשינען — רינעס אָרט איז ליידיק — וואָס זאָל דאָס באַדייטן? ווען ער האָט איר נעכטן באַגלייט אַהיים איז שוין געווען נאָענט צו צוועלף, זאָל זי האָבן פאַרשלאָפן? עס דרייען זיך רונד־מאַשינען פאַר זיינע אויגן און זיינע מחשבות דרייען זיך ארום רינען, ער קען נישט

תופס זיין פאַרוואָס זי זאָל זיך פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט? ער געדענקט נישט אַזאַ ענלעכן פאַל

מ׳האָט שוין געקלינגען צום פרישטיק, און שעכטער איז כלומרשט „גלייכגילטיק״ צום ענין רינאַ — זי איז איצט די טעמע ביים פרישטיק. חברה קיביצער נעמען נישט אַראָפּ קיין אויג פון שעכטערן, וועלכער איז גראַד פאַרקאָכט אין דער מאָרגן־צייטונג, ווי עס וואָלט אים גאָר־נישט אָנגעגאַנגען וואָס זיי טומלען וועגן רינען.

שעכטער איז געשטאַנען ווי אָן אַ קאָפּ ביי דער אַרבעט. וואָס מער דער ווייזער רוקט זיך אויפן ציפערבלאַט, אַלץ מערער ווערט ער אומרויק. ער וואָלט אַראָפּגעוואָרפן דאָס כאַלאַט און צוגעלאָפן זען וואָס מיט איר איז געשען אין צימער, הלמאי זאָל ער זיך רעכענען וואָס די פאַבריק וועט רעדן? סיי־ווי איז דאָך נישט קיין סוד אַז ער „אוכאַזשעוועט״ רינען.

מיטאַמאָל טראָגט זיך דורך ווי אַ בליץ א ידיעה, אז א שוטר האָט זיך געמאָלדן אין קאַנצעלאַריע פון פאַבריק. באַלד יאָגט זיך דאָרט אַריין דער געשעפטס־פירער מיט דער געבויגענער פּלייצקע. אין אַ פּאָר מינוט אַרום רופט מען אַריין שעכטערן.

— הא, הא, — גאַפט מען מיט אָפענע מיילער — אַ נייע געשיכטע, נישט קיין סוחרים, נאָר שוטרים קומען שוין האַנדלען אין פאַבריק. כאָטש שטעל אָפּ אַלע מאַשינען און לייג צו אַן אויער צו דער טיר פון קאַנצעלאַריע.

— וואָס ברענט איר אַזוי? — זענען אַ טייל קאַלט צו דער גאַנצער פּאַסירונג — שעכטער וועט אַרויסקומען וועט ער שוין אַלצדינג דערציילן.

שעכטער האָט ענדלעך זיך אַרויסגעקליבן פון אינעווייניק מיט אַ פאַרקלערטן שטערן און אַן אָנגעכמורעט פאַרעקשנטן שווייגן, פאַר די אויגן האָט זיך אים געשפּרייט אַ מטושטשע ווייטקייט, מ׳האָט פון אים קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסקריגן. ער האָט ווידער געלאָזט אין גאַנג די מאַשין, פאַר זיינע אויגן האָט זיך געדרייט און געשווינדלט אַן איינגעשלייערטע ווייסקייט, אים דאַכט זיך אויס, ווי רינעס אויגן

וואַלטן פון דאָרט אַרויסגעפּלאַמט מיט בלאָען געבעט: — קום, ראַטעווע מיך פון געפענגעניש!

אויב מ'האָט פון שעכטערן קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסקריגן וועגן דער געשיכטע מיטן שוטר, דערפאַר האָט שוין דער געשעפטס־פירער מגלה־סוד געווען, גיך האָט ער זיך פאַרבייגעשלייכט איבער די דורכגענג פון די מאַשינען מיט זיין קעציש־געהויקערטער פּלייצקע, דאָס פּליכל האָט זיך געשמאַלצן פאַר תענוג בעת ער האָט אַרויסגע־פּלוישט פאַר אַלעמען, אַז רינאַ זיצט שוין אויך הינטער די קראַטעס.

— וואָדען? — האָט בר־חנניה זיך אַ קראַץ געטאָן אונטערן בערדל — אַז מ'עסט נישט קיין קנאָבל שטינקט נישט פון מויל.

* * *

פאַר שעכטערן איז רינעס אַרעסט געווען דער גרעסטער קלאַפּ. ביי דער אַרבעט איז ער געווען קאָנצענטרירט און כסדר געקלערט פון רינעס גורל. ער איז געווען באַלד פון אָנהויב ביי רינעס ווירטין, זיך דערוווּסט פּרטים וועגן איר אַרעסט. — איך בין נאָך אַליין אַן עדות געווען צום טרויעריקן שפּיל — האָט די ווירטין באַדויערט רינען — זיי האָבן עפּעס אַרויסגעשלעפּט אַ צעקנייטשט שטיקל פּאַפּיר פון אירס אַ קעשענע — און פאַר דעם־אַ זעצט מען עס איין הינטער די קראַטעס?

שעכטער האָט אויסגעהערט די רייד און די אויגן האָבן געבלאָנ־דזשעט אויף דער פּאָדלאָגע, ווי ער וואָלט געזוכט אַן עצה פאַר דעם פּיינלעכן דורכפאַל.

— איך וועל אייך זאָגן די ריכטיקייט — האָט די ווירטין גערעדט מיט צוטרוי פאַר שעכטערן — איך היט ממש די אייגענע טריט, עס דאַכט זיך מיר אַלץ ווי איך וואָלט געטרעטן אויף הייסע קוילן. עס טאָר שוין צו מיר קיינער נישט אַריינקומען — ווער ווייסט צי מען שפּיאָ־נירט אייך אויך נישט נאָך?

אים איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס אַרבעטער אין פאַבריק רעדן

און טראַכטן וועגן אים. דאָס זשומעריי און געדריי פון מאַשינען האָבן ווי פאַריאָגט די בייזוויליקע לשון־הרע וואָס קיביצער טרייבן. דערפאַר האָט ער שוין געליטן אין די אָוונטןביים עסן אין אַרבעטער־רעסטאָראַן, עס האָט אים געפעלט אַ טייל פון זיך, וואָס איז פאַרלוירן געגאַנגען אין אַן אָן סופיקן לאַבירינט. עס דאַכט זיך אים ביים עסן, אַז אַלע דערקענען זיין אַליינקייט, און זיי ציילן די אויגן אויף אים. נישט איינמאָל דערשפּירט ער הינטער זיין פּלייצע, איבער זיין קאָפּ, דעם אָטעם פון אַ פרעמדן אויסקוקער, ער דערשפּירט אַ דערווידערנדיקן אָטעם, וואָס פלאָנטערט זיך אים אַריין אין גאָפּל־לעפל, אין די מאכלים פון טעלער.

וואָסער צוטריט קען ער האָבן צו רינען? מיט וואָסערע מיטלען קען ער איר העלפן? — מיט דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער זיך אַרומ־געטראָגן ביי טאָג און ביי נאַכט. אים איז שוין נישט אָנגעגאַנגען די אויספלוגן, וואָס ער פלעגט דורכפירן יעדן שבת מיט גרופּן אַרבעטער.

האָט אים אַ זונטיק אין דערפרי איינמאָל פאַרהאַלטן געניאַ ביים אַריינגאַנג אין פאַבריק:

— פאַרוואָס עפעס, חבר שעכטער, זענט איר נישט געקומען צום טיול? — האָבן אירע בורשטינענע אויגן געשטראַלט דורכזיכטיק און מיט תמימות.

שעכטערס אויגן האָבן זיך אַ צעטומל געטאָן אונטער די גע־דיכטע קאַווע־ברעמען — איך האָב זיך דאָסמאָל נישט געפילט מיט אַלעמען — האָט ער פאַר געניען אויסבאַהאַלטן די ריכטיקע סיבה — מ׳איז דאָך מער נישט ווי אַ מענטש.

זיינע פיס האָבן שוין כמעט אויסגעוואַנדערט אין יעדן ווינקעלע פון לאַנד. ער האָט איצט געגאַרט און זיך געקליבן צו מאַכן אַן אויס־פלוג ביחידות קיין בית־לחם, אין דער הייליקער קריסטלעכער שטאָט, וואָס איז לעגענדאַריש פאַרבונדן מיט דער היים פון דוד המלך און

זיינע קריגס־פירער יואב, אבישי און עשהאל. בית־לחם איז היינט נישט קיין לעגענדע, דער ענגלישער נציב האָט דאָרט אויסגעבויט אַ טורמע פאַר פרויען וואָס זענען מורד במלכות. דאָרט זיצן היינט פאַר־שפּאַרט די ווידערשפּעניקע ברוריהס. אַהין האָט מען אויך פאַרשלאָסן רינען. דער געקלאַנג פון שלעסער און אייזערנע אַרעסט־שטאַבעס מישן זיך דאָרט אויס מיט פרומע פּאַרכטיקע גלאָקן־תפילות פון אַלטער־טימלעכן דערבייאיקן קלויסטער, ווו ישו איז געבוירן געוואָרן. עס רעדן זיך איבער די הערבן פון אַמאָליקן גאָטספאַרכטיקן קייסער, יוסטי־נאַן, מיטן היינטיקן בריטישן לייב.

שעכטער האָט זיך געקליבן צו די פעלדער פון בית־לחם, אָבער די שיינע רות פון מואב וועט ער דאָרט נישט באַגעגענען. — „רות" זיצט היינט פאַרשלאָסן אין ענגלישן אַרעסט־הויז.

אַ שבת אין דערפרי האָט אים דער צוג געטראָגן פון תל־אביב קיין ירושלים; ער האָט מיטגעפירט אַ פּעקעלע מיט עסנוואַרג און גוטע זאַכן, וואָס קען דערקוויקן דאָס האַרץ ביי איינעם וואָס זיצט הינטער קראַטעס.

דער צוג האָט זיך געשלענגלט דורך די בערג פון יהודה, פאַר־בייגעסאַפּעט הענגענדיקע סקאַלעס, וואָס האָבן ממש אַזוי נאָענט אָנ־געשפּאַרט צו די וואַגאָן־פענצטער. בערג, בערג, הויך אויפגעטורעמט ביזן הימל — נישט צו דערגרייכן מיטן אויג, דורכן פענצטער. בערג ווילקלען און דרייען זיך אין געלויף פון צוג. בערג זענען פאַרשטיינערט און פאַרגרויט מיט סודות פון מעשה בראשית — און אין האַרצן פון שעכטערן ווערט אַזוי פיינלעך און באַנג.

אין ירושלים האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַן אַראַבישן אויטאָבוס וואָס האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויפן וועג קיין בית־לחם. אַראַבער אין צעפלויגענע קאַפּיעס איבער די קעפּ האָבן מיט חשד געשרפהט די אויגן אויפן „מאסקאב", וואָס פאָרט צוזאַמען אין זייערע מקומות. זיי האָבן אוודאי געמיינט אַז ער פאָרט, ווי אַלע ירושלימער יידן און יידענעס צום קבר פון דער מאַמע רחל.

ווען שעכטער איז אָנגעקומען אין בית־לחם איז שוין די זון

געשטאַנען אין מיטן הימל. ער האָט דורכגעשפּרייזט פעלדער און וועגן, וואָס זענען געבענטשט און פאַרשאָלטן געוואָרן פון מאַרטירער־נביאים און גייסטלעכע פון פאַרגאַנגענע תקופות. ער האָט געשפּרייזט דורך שמאָלע ליקן מיט קלייטן, באַהאַנגענע ביים אַריינגאַנג מיט פאַרשידענע קרעלן, פּאַטשערקעס און צלמים. סוחרים, קריסטן־אַראַבער, אין רויטע פעסקעס שטייען אין די טירן און וואַרטן אַף קונים. אין טיפע, געוועלבטע נישעס אַרבעטן ביי וואַרשטאַטן גאָלדשמידער, קלאַפּן אויס מיט העמערלעך אין קופּער און מעש. עס בוכעט אין דרויסן דורך אַ בלעכערנעם קוימען אַ רויך פון אָנגעגליטע קאָקסן. עס זיצן יונגע אַראַבערלעך מיט איינגעבויגענע רוקנס און קריצן מיט שאַרפע דלאָטעס אין מעטאַל און פּערלמוטער.

שעכטער איז דערגאַנגען צו אַ געמויערטער וואַנט פון שווערע בייכיקע שטיינער. ביים אייזערנעם טויער האָט געוואַכט אַן אַראַבישער פּאָליציאַנט מיט אַ ביקס אָנגעהאָנגען אויפן אַקסל. די דיקע וואָנצעס אויפן הייסן קאַווע־פּנים, די באַראַשקענע שוואַרצע טשערקעסן־קוגל אויפן קאָפּ און די אויסגעפּוצטע שוואַרץ־גלאַנציקע שווערע שיך — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשרפהט ווי שוואַרצער זודיקער פּעך.

— צו וועמען? — האָט דער פּאָליציאַנט אַ בליץ געטאָן אויף שעכטערן די געלבלעך גרויסע ציינער.

שעכטער האָט אים איבערגעגעבן דאָס פּעקעלע מיט עסנוואַרג און אָנגעשריבן מיט אַ טוש־בלייער פּאַר וועמען אָפּצוגעבן.

* * *

רינאַ האָט לכתחילה נישט תופס געווען פאַרוואָס מ׳האָט איר אַרעסטירט און אַריינגעוואָרפן אין דער פּרויען־טורמע פון בית־לחם. זי האָט די גאַנצע צייט נישט געקענט שלום מאַכן מיט זיך און מיטן האַרבן רעזשים אַרום איר. מ׳האָט איר אַריינגעזעצט אין איין קאַמער מיט ברוריהן, וועלכע האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט איר ווי מען וואָלט איר אַראָפּגעשיקט אַ מלאך פון הימל. רינאַ איז געווען אַזוי

געפאַלן ביי זיך, זי האָט אַזש אויפגעהערט רעדן מיט ברוריהן און געזען אין איר, נישט ווילנדיק, דעם ערגסטן שונא.

כמעט יעדן טאָג האָט מען איר גענומען אויף אַן אויספאָרשונג און געצוווּנגען איר זיך מודה זיין, אַז זי געהערט אָן מיט ברוריהן אין איין פאַרטיי. מיטן צעקנייטשטן בלעטל וואָס מ׳האָט ביי איר געפונען, האָבן די אויספאָרשער אָפּגעוועגט פאַר איר אויפן וואָגשאָל אַ שווערן „חטא״.

רינאַ האָט זיך געכמורעט אין דער געוועלבטער קאַמער און נישט געוואָלט ענטפערן אויף ברוריהס באַרעדעוודיקייט, וואָס האָט געשטראָמט ווי פון אַ קוואַל. זי האָט זיך איינגעהערט צום וואָרקען פון די טויבן דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל, און אַלע פאַר שעה האָבן פאַרכטיק געקלינגען די גלאָקן פון די אַרומיקע קלויסטערס, דערמאָנענדיק פאַר דער וועלט די ווייען פון יעזוסן.

זי האָט נישט געזען קיין סוף צו די אַריינדערלאַנגטע קעסעלעך שפּייז און רייפטלעך ברויט, זי האָט געהאַט אַזוי פיל צייט צו טראַכטן פון אירע פאַרגאַנגענע יוגנט יאָרן, געקלערט פון דאַניען אין דאָרף — צי ווייסט ער פון איר אַרעסט?

מ׳האָט איר איינמאָל גערופן אין קאַנצעלאַריע. מיט געשטייגער־טער דערוואָרטונג און צעפליגלטע נאַזלעכער האָט זי זיך געלאָזט אַהין — געמיינט אפשר זאָגט מען איר אָן די בשורה, אַז זי איז פריי? אַן ענגלישער סערזשאַנט מיט אַ פּאַריסן נעזל און תקיפיש אַרויסגעזעצ־טער גאָמבע האָט איר פון טיש אַנטקעגן דערלאַנגט אַ שפּייז־פּאַקעטל.

— אַזוי גאָר? דאָס איז אַלץ? — האָט זי אַזאָג געטאָן צו זיך

— ווער האָט איר געקענט צושיקן די מתּנה?

זי האָט פונאַנדערגעשפּרייט די גוטע זאַכן אין קאַמער און פאַר־בעטן ברוריהן צו דער סעודה. מעגלעך זי האָט זיך אָנגעשטויסן ווער עס האָט איר געקענט אַריינשיקן די גוטע זאַכן, אָבער אין דער רגע האָט זי אַזוי געגאַרט, אַז דאַניע זאָל איר האָבן געשיקט דאָס פּאַקעטל.

— ווער האָט מיר טאַקע געקענט אַריינשיקן די מתּנה? — האָט זי איבערגערעדט הויך אויפן קול.

ברוריה האָט אַ שיקל געטאָן מיטן אויגל און אַרויסגעשאָסן:
— ס׳איז שעכטערס אַרבעט, טפשה.
דאָס אויגל האָט געפּיבערט פאַר קנאה. זי האָט זיך ממש אויפ־געגעסן, וואָס יענער איז אין רינגען פאַרקאָכט ביז איבער די אויערן.

.11

רינעס אַנטלויפן פון קיבוץ האָט דאַניע אויפגענומען ווי אַ נישט פאַרדינטן גזר, וואָס דער גורל האָט אים צוגעטיילט נישט יושרדיק און הארב — אַ ברירה האָט ער? — ער וועט נישט נאָכלויפן רינגען און מאָנען ביי איר דעם זאַק־רויב. פעלד, אַקער און גאָרטן האָט אים איינגעשפּאַנט אין געדולדיקער אַרבעט. דאָס נאָגנדיקע פייער פון האַרצן האָט ער אָוועקגעשענקט די אָנגעפּלויגענע ווינטן פון די בערג. ער חברט זיך מיטן בלאָען הימל און הייסן זוניקן גאָלד אויפן פעלד, און זיי פאַרגיטיקן מיט מתנות דאַניעס געקריוודעטן שטאָלץ.
מיט זיך האָט ער שוין כמעט ווי שלום געמאַכט, עס אַרט אים אָבער פאַר די חברים אין קיבוץ, דער עיקר פאַר נאָכומאָוון מיט שושנהן. שושנה זעט אין דאַניען דעם נעבעכדיקן „שטרויענעם אלמן". וויל ער מיט טאָפּלטן פלייס אין דער אַרבעט, פאַרן קיבוץ, פאַרטושן דעם רושם, ווי אים אַרט בכלל נישט וואָס רינאַ האָט זיך פון אים אָפּגעקערט. צייט וועט יאשא און שולמית האָבן פאַרלאָזט דעם קיבוץ, האָט דאַניע זיך נאָך מער פאַרעקשנט — ער וועט דאָ פאַרבלייבן, ווי דער לעצטער קאַפּיטאַן אויף דער שיף. ער וועט דאָס אָרט נישט פאַרלאָזן, דאָ וועט ער פאַר־בלייבן אין דעם פייער־פּרווו, ער וועט זיך נישט אויסטיילן פון די אַלט־געזעסענע חברים, ער טראָגט אויף זיך די אחריות און עול פון קיבוץ.
— להפך, ער איז נאָך באַלאָדן מיט אַ טאָפּעלער משא, ווי ער וואָלט זיינע כוחות אָוועקגעגעבן פאַר נאָך איינעם וואָס האָט דאָ באַדאַרפט בלייבן.
נישט איינמאָל האָט ער זיך געזען אין אַ משונהדיקער לאַגע: לענ־

גער פֿאַרבלייבן אין דער חברותא אין עס־זאָל האָט ער נישט געוואָלט, בכדי אויפגעכאַפּט צו ווערן אויף דער ווענטקע מחמת זיין איינזאַמקייט. — מער דאַרף ער נישט נאָר אויסהערן די איבערגעטריבענע שבחים: — אָט איז ער, דאַניע, אַ פֿייערדיקער יונג, דער ריכטיקער חברה־מאַן. און ווידער זיך אָפּזונדערן אין צימער אויף גאַנצע נעכט, וויל ער אויך נישט. פֿאַרוואָס זאָל מען אים חושד זיין, אַז ער פּראַוועט התבודדות און עסט זיך אויף לעבעדיקערהייט צוליב רינען?

דאניע האָט געפֿונען אַן אויסוועג צום נשמהדיקן ווייטיק: — די קיבוצישע פֿאַרזאַמלונגען און טעאָרעטישע וויכוחים האָבן אים אַריינגע־צויגן מיט לייב און לעבן.

דער קיבוץ איז נישט קיין וועלטל פֿאַר זיך, איז אַ שרייפֿעלע אין מעכטיקן געווערק, וואָס קלאַפּט און פֿיבערט געאייניקט, שפּילט אויס א י י ן ריטמישן ניגון אינעם ישוב. די ראַנגלענישן פֿון יחיד ווערן פֿאַר־שלונגען אין די ברענענדיקע פּראָבלעמען פֿון גאַנצן קאָלעקטיוו. פֿעלדער און גאָרטנס בליען; שאָף, רינדער און געפֿליגל ווערן געפֿלעגט דורך געניטע הענט און מענטשלעכער דערפֿאַרונג. דערפֿער צאָלן ביכורים פֿאַרן שטאָטישן תושב. איבערן ישוב שאַלטעווען בריטישע מושלים, וואַרפֿן אַן ביד־חזקה זייערע געזעצן, פֿאַרוואַנדלען דעם יידישן דאָרף־מענטש, ווי שטיף־זין פֿון זייער אייגן פֿאַרפּראַצעוועטער ערד. אָט דאָס אַלץ קומט צום אויסדרוק אין די קאָלעקטיווע פֿאַרזאַמלונגען פֿון קיבוץ. דאַניע פֿלייסט זיך אַרויסצוברענגען די געדאַנקען אין קלאָרע ווערטער, וואָס קיינער ביז אים האָט נאָך אַזוי פּשוט נישט צעגלידערט. נאָכמאָלו האָט ממש מקנא געווען דעם יונגן חבר, וואָס איז תופס אַן ענין אָן פֿאַרהוילעניש, מיט האַרבער נאַקעטקייט. די חברים וואָס זיצן צונויפֿ־געדרענגט אויף די בענק, בעת דאַניעס רעדן, גיבן זיך אַזש אַ טאָרע פֿאַר הנאה. אויגן לייכטן אויף העלער, ווערן גרעסער, דער ענין וואָס דאַניע באַהאַנדלט איז קלאָר, אָנצוטאַפּן מיט די פֿינגער.

הקיצור, דאַניע וואַקסט דער ריכטיקער שליח־ציבור.

מען פֿלעגט אים אויסוויילן פֿאַר אַ דעלעגאַט צו די אָפּטע קיבו־צישע קאָנפֿערענצן אין די צענטראַלע פּונקטן פֿון ישוב.

צוריקגעקומען איז ער תמיד פון אַזעלכע קאָנפערענצן, ווי אַ ביי געבווירענער, מיט איבערגעלאָדענעם אימפעט און הומאָר. די באַריכטן וואָס ער פלעגט איבערגעבן פאַרן קיבוץ האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טיפער פאַרשטענדעניש און קלאָרקייט, ווי ער וואָלט אַרויסגעלייענט פון אַ בוך.

יאָ, דאַניע פיבערט מיטן כלל. נאַכומאָוו, דער עיקר, דערקענט דעם איבערברוך אין דאַניעס פערזענלעכן לעבן. ער פילט אַז יענער האָט זיך אין גאַנצן אַוועקגעשענקט דעם קאָלעקטיוו.

נישט איינמאָל האָט שושנה געזוכט אַ שעת הכושר זיך אויס־צוטענען מיט דאַניען אויג אויף אויג. — אָט, ווען זי קען זיך צו אים אַריינכאַפּן אין די אָוונטן, ווען ער זיצט פאַרטאָן אין צימער ביים שרייבן דין־וחשבונס אונטערן בלאָען לאָמפּן־שיין? דעם פּזמון וואָס זי וויל פאַר אים אַרויסזינגען, האָט זי שוין פאַרטיק פון לאַנג: — אַנו, דאַניע, דאָס וועט טאַקע זיין דער תכלית, האַ? אַזאַ פייערדיקער בחור, ווי דו, און שוין אַ נזיר? — קלייב זיך צו אַ מיידל, ווי עס פירט זיך ביי אונדז.

שושנה האָט אָבער נישט געהאַט דעם מוט צו פאַרהאַלטן דעם תמיד פאַרהאַוועט־קאָנצענטרירטן דאַניען און אים אַרויסלייגן אויף טעלערלעך וואָס ביי איר אין האַרצן טאָלקעוועט זיך.

אין תל־אביב עפנט זיך די יערלעכע קאָנפערענץ פון דאָרף־ווירט־שאַפטן און קיבוצים. נאַכומאָוו און דאַניע זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דעלעגאַטן צו דער קאָנפערענץ. דאַניע איז איבערפולט מיט כוח און פלייס, ער האָט געזוכט אַרום זיך ליידיקע שטחים אָפּצולאָדן פון זיך די כוחות, ווי דער דאָרף־מענטש די בינטן תבואה פון וואָגן. ער איז פאַרפאָרעט אויף זיצונגען, גרייט צו רעפעראַטן — און טיף אין האַרצן ביי אים הויבט אָן צו פּיקן און וועקן.

היינט גיי ווייס, אַז דאַניע האָט זיך נישט מיאש געווען פון רינען. אין סאַמע קאָך פון פאַרפאָרעניש אַרום דער קאָנפערענץ, גיט אים אַ ברי אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט, ער וואָלט פון זיך אַלץ אַוועקגעגעבן און מוחל געווען דעם טיוול, וואָס האָט אַזוי פאַראומערט און אָנגעשפּאָלטן

זיין הארץ. ער האט שוין נישט איינמאל געשריבן צו רינען חרטה־בריוו לעך, באלאדענע מיט הארץ־פייער. רינא ענטפערט נישט אויף זיין השתפכות הנפש. דאניע איז פארבלענדט פון אייגענער ארבעטס־שעפע־רישקייט, און אינעווייניק ביי אים שטראלט אויף דער גלויבן אינעם מענטשן. ער גלויבט אויך אז רינא וועט אויפוואכן פאר אים א ביי־געבוירענע.

* * *

חול המועד פסח. תל־אביבער גאסן זענען צעזוניקט מיט ווארע־מען פרילינג, שמעקן מיט צוויט פון צעבליטע ארומיקע פרדסים. תל־אביבער גאסן זענען מקבל־פנים די אהערגעקומענע הונדערטער דעלעגאטן פון דערפער און קיבוצים מיט שטאטישן נייגער און בארימערישער גאוה. די געסט שטראמען צום פארזאמלונגס־זאל אין ריין פעכלדיקע בלוזעס, עס בלאנקט מיט יום־טוב און ציכטיקן פרילינג. פנימער זענען מער אפגעברענט און פארבראנדזט ווי ביי שטאטישע תושבים. אויגן און צעשויבערטע טשופרינעס ברענגען גרוסן פון גערולדיק פארפראצעוועטע פעלדער און דארף־ווירטשאפטן.

נאכומאוו און דאניע האלטן זיך אינאיינעם, פונקט ווי א טאטע מיט א זון. נאכומאווס זילבער־ווייסער קאפ טיילט זיך אויס אזוי בולט צווישן די אויסגעזעצטע שורות דעלעגאטן. דאניעס אויגן אין אויסגע־האמערט, פארבראנדזטן פנים גליען מיט אזוי פיל בענקשאפט און פאר־שטאנד. איבער די קעפ און חלל פון זאל הויערט א הוזשערייי פון מענטשלעכע רייד און אטעמס. סטענגעס, טראנספעראנטן און גרין־אויס־געפלאכטענע גירליאנדעס שוועבן און פלאטערן מיט פרישע דופטן אין צערוישטן יום־טובדיקן הו־הא.

מיטאמאל האט א קלאפ געטאן דער הילצערנער האמער אין טיש פון פרעזידיום. אין איין אויגנבליק האט דער קלאפ פארשטומט דעם

צערווישטן הו־הא אין זאל. — שאַ־שטיל. אלעמענס אויגן זענען געצילט צום לאַנגן פרעזידיום־טיש, ווו עס זענען אויסגעזעצט די אויסדערווײלטע עסקנים פון ישוב. טייל פנימער זענען פאַרשטעלט פאַרן עולם מיט די צעשטעלטע בוקעטן בלומען אויפן טיש. אַט הויבט זיך אויף דער סאַמע וויכטיקסטער פון פרעזידיום, און גראַד איז ער דער נידעריקסטער אין וווקס פון אַלעמען, דער שטערן איז ביי אים בולט און הויך, דער קאָפּ זילבערט מיט פראַסטיקן ברעג, די אויגן גליען אַרויס פון פנים, ווי פון טיפע ברונעמס. וואָס מער זיין קלינגענדיקע שטימע צעטראָגט זיך איבערן ים פון קעפּ, אַלץ מערער צעצינדן זיך ביים עולם די אויגן מיט העלישן פייער. עס כאַפּט אַרום דעם אָנגעפּראָפּטן זאַל, און אַ שטורעם פון צושטימונג הילכט אָפּ צום רעדנער, עס קלאַפּן דלאָניעס מיט אייפער און כוח. די שטימע פון רעדנער צעקלינגט זיך נאָך העכער, ווי דאָס וואָלט געטראָגן געוואָרן אויף שטורמישע פליגל פון באַגייסטערטן עולם.

דאַניע האָט לאַנגע שעהען געהערט די שיינע רעדעס און באַגריסונגען, וואָס זענען אָנגעפלויגן ווי גוטע זויבערע טויבן. די אײדעלע ווערטער האָבן זיך געפליגלט און געדעלט איבערן זאַל. מ׳האָט געלויבט די נאַכומאַווס און דאַניעס, וואָס שאַפן און צויבערן אַרויס די ברכה פון דער ערד. יאָ, כדי צו טועם זיין די ברכה פון דער ערד — טראַכט דאַניע — דאַרף מען פון זיך געגוג שווייס אַרויסגיסן.

אויף צומאָרגנס אין דער הפסקה, ווען דאַניע האָט זיך אַרויסגעקליבן אין פולגעפּאַקטן פאָדער־זאַל, אָנגעוואָלקנט מיט ציגאַרעטן־רויך, האָט אים שוין אָפּגעוואַרט גרושקין. ער האָט אים נאָך פון פריער אַריינגעשיקט אַ צעטעלע, אַז ער וויל זיך מיט אים זען. גרושקינס שאַרףגעפרעסטע הויזן און בלאַנקע בלוזע האָט אַזוי נישט האַרמאָנירט צום צעקנייטשטן פנים מיט דער געקריוודעטער בלאָער נאָז. די נאָז האָט געצוקט און געשמייכלט ביטערלעך צום טייער־דערשינענעם גאַסט.

דאַניע האָט אויפגעכאַפּט די גראָע האָר אין גרושקינס שלייפן.

— ווי גייט עס גרושקין? — האָט ער אָן שהיות און ווי צעטראָגנדיקערהייט אים מקבל פנים געווען.

— ווי מיר גייט? — האָט גרושקין אַריינגעבליקט אין דאַניעס

שוואַרץ־שײנע אויגן — אַט אַזוי, ווי אַ צדיק אויף ד ע ר וועלט.

זיי האָבן זיך אַרויסגעשטופּט פון דעם געדרענג אין לופטיקן דרויס; — ער האָט זיך געעלטערט — האָט דאַניע אַ טראַכט געטאָן.

גרושקין האָט אויפגעכאַפּט דאַניעס מחשבה. — בסך הכל, ווי לאַנג האָבן מיר זיך נישט געזען, האַ? אַ קאַרג יאָר? — פאַר „אונדז" איז איין חודש געגליכן צו אַ יאָר. מען לעבט ש ט אַ ר ק ע ר און ש נ ע ל ע ר — האָט זיין פּנים אומגעראָטן געשמייכלט פון זיין אייגע־נער, באַרימערישער גוזמא.

דאַניע האָלט זיך נישט פאַר ראוי אַריינגענומען צו ווערן אין גרושקינס קרייז פון זיין „אונדז" — זאָגט ער אים: ווי קענען מיר זיך פאַרגלייכן צו „פּאָעטן"? — איר אַקערט מיט האַרץ און מוח און מיר מיטן אַקעראייזן.

אוודאי האָט גרושקין מקנא געווען דאַניעס יונגן אויסזען מיטן ליכטיקן זומער אין די אויגן. עפּעס מאַכט ער זיך גאַרנישט וויסנדיק וועגן רינען — האָט אין אים געפּיקט דער נייגער, ס'וואָלט געווען אַ יושר אַ טאַפּ טאָן ביי אים דעם דופק. האָט ער אים פּראָסט־פּשוט אַ פרעג געטאָן צי ער הערט עפּעס פון רינען?

— אדרבא — האָט דאַניע זיך אָנגעכאַפּט — איך וויל טאַקע הערן פון דיר ידיעות וועגן איר.

— ליידער, פון מיר נישט.

— פאַרוואָסזשע?

— שוין לאַנג ווי איך הער נישט פון איר — זי איז פאַרבונדן מיט די „לינקע קרייזן", אגב כאַפּן איצט אויף די ענגלענדער איינציק־ווייז די „רויטע פייגל".

אין אָוונט האָט דאַניע זיך גענומען מוט און געגאַנגען אויפ־זוכן רינעס אַדרעס. ער וויל דורכאויס זיך זען מיט איר. אַז ער איז שוין אין תל־אביב מוז ער איר זען.

ער האָט איינער אַליין געשפּאַנט איבער די באַלויכטענע גאַסן און נאָכגעפרעגט דעם און יענעם, ווו ער דאַרף גיין. די טריט האָבן אָפּגעהילכט איבערן האַרטן בעטאָן און אַרויסגערופן אין זיינע אויערן

ווייטע אומהיימלעכע ווידער־קולות. — ער האָט דאָך רינען אָוועקגע־געבן זיינע שענסטע האָפענונגען, דאָס עשירות פון האַרצן — און זי איז צו אים פרעמד. שטאָט פאַרעקשנט און פאַרהאַרטעוועט דעם מענטשן. ער מוז אויף איר ווירקן זי זאָל ווערן אַנדערש, זי מוז זיך אומקערן צו אים, — מיט אָט די געדאַנקען און אויפגערודערטן האַרץ איז ער דערגאַנגען צום הויז פון רינעס וווינונג.

דאניע האָט זיך געהויבן איבער די שטיגן, דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט מער ווי אַלעמאָל, פאַר דער אומגעריכטער באַגע־געניש מיט רינען. ער קלאַפּט אָן אין טיר און פרעגט זיך נאָך אויף רינעס צימער. אויף אַן אויבערשטן שטאָק עפנט זיך אַ טיר, און אַ שכנטע מעסט אים אָפּ מיט פאַרדעכטיקע אויגן — וועמען דאַרף ער דאָ? — באַלד, איין רגע! — די שכנטע האָט מיט אַנגסט און פיבער־דיקע פינגער אָנגעקלאַפּט אין אַ דערנעבנדיקער טיר.

— מי שם? — הערט זיך פון אינעווייניק אַן איבערגעשראָקענע פרויען־שטימע.

די טיר האָט זיך אויפגעשלאָסן און אויפן שוועל האָט זיך באַ־וויזן אַ הויכע פרוי מיט צעטומלטע־צעשטרייטע אויגן. דערזעענדיק דאַניען מיטן שוואַרצן שויבער אין די אויגן, האָט זי זיך ווי צוריק־געצויגן אין דער טיר.

— וועמען דאַרפט איר, רינען? — יאָ, זי וווינט דאָ, אָבער...

— איר זענט רינעס אַ חבר? — איז די פרוי ביז גאָר צעטומלט און וואַקלט זיך אין די רייד — איך האָב געמיינט איר זענט פון דער „פאָליציי".

דאניע באַגרייפט אין דער רגע, אַז דאָ געשעט עפּעס אומהיימ־לעכעס — די פאַדלאָגע הויבט אים אָן צו ברענען אונטער די פיס, ער באַוואַרפט איר גיך מיט פראַגעס און וויל אין איין אויגנבליק דערגיין וואָס דאָ קומט פאָר.

די איבערגעשראָקענע פרוי האָט אפילו נישט פאַרבעטן דאַניען אינעווייניק אין צימער. און פון גרויס צעטומלעניש דערציילט זי אים אויפן שוועל אָפּגעריסענע, צעטומלטע ווערטער וועגן אַ רעוויזיע, וואָס

פּאָליציי האָט דאָ דורכגעפירט. זיי האָבן דאָ אַנומלט איבערגעדרייט אַלץ אין צימער. — אפשר וועט זי זיך אומקערן, רינאַ? זי האָט איר נאָך ביז איצט נישט געזען.

דאַניע איז אַרונטערגעגאַנגען פון די טרעפּ ווי מיט אויסגעלאָשענע פיס און אין האַרצן האָט געקוועלט אַזאַ פאַרצווייפלטע אַנטוישונג. אַרויסקלייבנדיק זיך פון קאָרידאָר אין דרויסן אַרויס, האָט פאַר אים דורכגעשוועבט אַ געשטאַלט. דאַניע האָט אויף זיך דערשפּירט אַ פאַרדעכטיק שפּיציקן בליק — ביזן לעבער אַריין.

* * *

אַז דאַניע איז געקומען אין האָטעל האָט ער שוין געטראָפן נאַכומאָון אויפן געלעגער. ער האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט, אַז ער איז אַהינגעגאַנגען זיך זען מיט רינען.

— נו? — האָט נאַכומאָוו אַ נוקע געטאָן פון געלעגער.

— איך האָב זיך געוואָלט מיט איר זען, אָבער...

— אַז מען הערט שוין אַן „אָבער" איז גאָרנישט בסדר... — האָט נאַכומאָוו אַ צי געטאָן מערער אויף זיך די קאָלדרע.

דו ווייסט דאַניע, האָט ער ווידער זיך געלאָזט הערן פון אונטער דער קאָלדרע — תל־אביב איז דער אמתער גיהנום, דער טייוול וועט אונדז אייניציקווייז אַוועקפּטרן לאָמיר פון דאַנען וואָס גיכער מאַכן פליטה.

דאַניע דערציילט אים מיט אָפּגעריסענע ווערטער וועגן זיין פאַסירונג, און נאַכומאָוס אויגן גליען מיט חכמה און מיטלייד צום יונגן חבר.

צו מאָרגנס האָט דאַניע שוין רויק נישט געקענט פאַרדייען די וויכוחים און פאַרהאַנדלונגען אין קאָנפערענץ־זאַל. ער האָט געזוכט אין טאָג־צייטונג, געוואָלט אָנטרעפן אַ ידיעה וועגן רינעס אַרעסט — און נישט געפונען פון דעם אַ רמז. גרושקינס נעכטיקער וויזיט האָט

ביי אים אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט. מעגלעך אַז יענער ווייסט פון רינען מערערע פּרטים און בכיוון פאַרשטעלט ער דאָס פאַר אים. — יאָ, וואָס האָט ער אים עפּעס אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט: „די ענגלענדער כאַפּן אויף (איינציקווייז די רויטע פייגל". שווינזשע ווייסט נישט גרושקין וואָס האָט פּאַסירט מיט רינען? אוודאי פאַרמאָגט ער נישט קיין האַרץ אים מצער צו זיין?

אַ גאַנצן טאָג האָט דאניע זיך נישט געפונען קיין רו — און דאָ האָט ער נישט גרושקינס אַדרעס, ער זאָל מיט אים זיך קענען מער אויסטענהען. מעגלעך אַז גרושקין איז באַליידיקט וואָס ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך מער אָפּצוגעבן מיט אים? און דאָ האָט ער אויף זיך אַליין פאַרדרוס, פאַרוואָס ער לאָזט איבער נאַכומאָוון אויף לאַנגע שעהען איינעם אַליין. רינאַ האָט זיך אַלץ מער צעצונדן אין זיינע בלוטן און געריבט זיין רו, אַט ווי זי וואָלט געשטאַנען הינטער זיין פּלייצע און געמאָנט ביי אים אַן אַלטן חוב.

אין דער לאַנגער הפסקה, אין די אָוונט־שעהען, איז ער ווידער אַוועק אין יענער גאַס צו רינעס צימער. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שטיק צייט אין דרויסן, אַרויפגעקוקט אין דער הויך צום פענצטער, ווו ער האָט זיך משער געווען אַז דאָרט איז איר צימער. פון גאַנצן שטאָק פענצטער האָט זיך נישט אָנגעזען קיין שום ליכט. האָט ער זיך געהויבן איבער די טרעפּ צום אויבערשטן שטאָק מיט אומקלאָרע געפילן און אָנגעקלאַפּט נערוועז אין דער טיר. קיינער האָט אים נישט געענטפערט, און נישט אויפגעשלאָסן די טיר, ווי אַלץ וואָלט דאָרט אָפּגעשטאָרבן. וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז דאָ געשען? ער געפינט נישט קיין לעבעדיקן נפש ביי וועמען זיך נאָכצופרעגן אויף רינען. אַט איז ער שוין ווידער אויף דער גאַס און פאַרייסט דעם קאָפּ צום אויבערשטן שטאָק, אפשר באַווייזט זיך פּאָרט אַ ליכט אין פענצטער? אין האַרצן נאָגט אַ טיפער ווייטיק, ער גאַרט זיך מיט איר צו טרעפן, און מיט יעדער רגע ווערט ער אַלץ מער פאַרשיכורט מיט בענקשאַפט. עס גייט אים גאָר נישט אָן די גאַס מיט די פאַרבייגייענדיקע מענטשן. אַלע חושים און געדאַנקען זענען געצילט צו איין איינציקן פיינלעכן

פּונקט, וואָס איז פאַר אים פאַרשלייערט אין סודותדיקע פאַרהוילעניש. דאָס פאַרייסן אַלעמאָל דעם קאָפּ אין דערהויך האָט געקענט אַרויס־רופן אַ פאַרדאַכט ביי די שכנים פון הויז. ער האָט אָבער נישט באַ־מערקט, אַז דאָס הויז ווערט אָבסערווירט פון נאָך איינעם, אַ נישט זעעוודיקן, וואָס איז פאַרשטעקט אַנטקעגן איבער אין אַ ווינקל, יענעמס אויגן לויערן שוין נישט פון איצט אָן, זיי פאָטאָגראַפירן אָפּ יעדן איינעם וואָס קומט אין אַ מגע ומשא מיט רינען. דאַניע פּרובירט דורכ־שפּאַצירן עטלעכע מאָל די גאַס, אפשר וועט ער באַגעגענען די פרוי, וואָס ער האָט מיט איר געשמועסט יענעם אָוונט. ער שפּירט נישט ווי די פּערטל־שעהען לויפן. די אומגעדולד און ווייטיק האָט זיך ביי אים פאַרפלאָנטערט אין איין קנויל, ער איז פאַרמאַניעט און ווי צוגע־נאָגלט אויף דעם דאָזיקן אָרט און קען זיך פון דאַנען נישט אַוועק־רייסן. ער פאַררייסט אַלעמאָל דעם קאָפּ אין דערהויך, אפשר וועט פון דאָרט אויפשיינען אַ ליכט? — אָבער די פענצטער זענען כולו חושך. און דער ווייטיק מאַטערט אָן אַ סוף. מיטאַמאָל דערשפּירט ער אויפן אַקסל עמעצנס אַ האַנט, ער האָט אויף גיך אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ אויף הינטן און זיך אָנגעטראָפן מיט אַן אומבאַקאַנט, אומהיימלעך פּנים, וועמענס שפּיציק־דורכדרינגלעכע אויגן האָבן אַ שפּיזל געטאָן דאַניען ביז אין לעבער אַריין, ווי פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן נאָך אַ מגושמדיקער יונג. מ'האָט אים אַ פאַרקלעם געטאָן אונטער די אָרעמס מיט אַ באַפעלערישן רעווע און חוצפּהדיקן שטופּ, איר וועט מיט אונדז גיין!

אין דער רגע איז דאַניע מבולבל געוואָרן פאַר חרפּה און באַליי־דיקונג, פּרובירט זיך קעגנשטעלן מיט אָנגעיאָגטן כוח — היתכן, איבערפאַלן אין מיטן גאַס? ער האָט אַ געשריי געטאָן נאָך הילף, דאָס געשריי האָט מיט אַ ווידערקול זיך אָפּגערופן דורך דער לענג פון גאַס.

— איר זענט אַרעסטירט! — האָבן די פאַרסאָפּעטע געשטאַלטן געפרייכט איבער אים.

— פאַרוואָס? מיט וואָסער רעכט?

— אין דער פּאָליציי וועט איר שוין וויסן!

מ׳האָט אים נישט געפירט, נאָר ממש געשטופּט, ווי אַ שטיק מעבל. ס׳איז אָנגעלאָפן אַ מאַשין און מ׳האָט דאַניען אויף גיך אַרײַנגעוואָרפן אינעווייניק, און די באַגלייטער זענען מיט אַ פאַרכלינייענדיקן סאָפּען מיטגעשפרונגען אין דער מאַשין.

אין די צימערן פון פאָליציי־אַמט וויברירט מיט אַנגסט און פאַרדעכטיקן סוד. דאַניע איז פאַרשטעקט אין אַ זייטיקן צימער, דאָס פענצטער אין קראַטעס דריקט אויף אים מיט אַ וואָגיקער משא, אַ באַליידיקונג פון אַ נישט פאַרדינטן עונש ווערגט אים מיט פיינלעכן ווייטיק. אַן עלעקטריש לעמפּל, אַרומגעפלאָכטן מיט דראָט, גיסט פון סופיט מיט אַ גרעלן ליכט, וואָס באַשיינט אַ ברוינעם טיש און מאַסיווע שאַפע, אַ שטום־פאַרהאַמעוועטע, וואָס דעמפט מיט ריחות פון פאַרלעגן פאַפיר, פון ציגאַרעטן־רויך און שטויב. ער וואָלט אויפגעבראָכן די טיר און אַנטלאָפן פון דאַנען, וואָס וועט איצט זאָגן נאָכומאָוו צו דער מאָדנער פאַסירונג? אַ סענסאַציע: אַ דעלעגאַט פון דער לאַנדווירט־שאַפט־קאָנפערענץ אין אַרעסט! ווי אַזוי קען ער צווויסן געבן פון זיך? דאָס האַנט־זייגערל ווייזט שוין נאָענט פאַר צוועלף און ער זעט נישט קיין סוף צו דער פאַרשפּאַרונג אין צימער. פון יענער זייט וואַנט הערט ער גרילצן דעם טעלעפאָן. — און אפשר ווייסן זיי שוין וועגן זיין אַרעסט? — צוליב וואָס האָט מען אים פאַרהאַלטן? — רינאַ מוז אוודאי זיין אין אַרעסט — און אים הענגט מען אָן אַ צרה.

די טיר האָט זיך ענדלעך אויפגעשלאָסן, און מ׳האָט אים אַרײַנגערופן אין צווייטן צימער.

הינטער אַ טיש זיצט אַן אָפיציר און זיין פנים איז באַשאָטן מיט זומער־קלייען. די האָר אויף זיין קאָפּ זענען געשוירן דין און פלאַך, ווי אַ בלאָנד־געלע באַרשט, בלאָנד און געל זענען ביי אים אויך די בינטלעך אויגן־ברעמען, וואָס מרוגען און פינטלען צו דאַניעס אַרײַנקום, ווי אַ פערד צום זעקל האָבער.

אָט דער אָפיציר רעדט גראָד צו דאַניען נישט ענגליש, נאָר

עברית מיט ליטווישע „סאַמעכן״ — ער וויל דערגיין ביי דאַניען, הלמאַי האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַרום יענעם הויז — און וואָס האָט ער געהאַט צו זוכן אַ פריילײן אין צימער?

דאַניעס הייס־פאַרצאָרנטע אויגן זענען געצילט גלייך צום פּאָר־שערס קלייענדיקן פּנים — ער פאַרליידט נישט די איבערגעשפּיצטע תקיפישע פראַגעס. — יאָ, ער וועט פאַר אים שפּילן מיט אויפגעדעקטע קאָרטן — פאַרוואָס האַלט מען אים דאָ פאַרשפּאַרט? — יאָ, ער איז געקומען זיך זען מיט זיינס אַ „בחורה״, וואָס איז שוין פון אים לאַנג אַוועק פון קיבוץ. ער האָט איר נישט געטראָפן אין צימער. ער בעט דורכאויס צוויסן געבן דעם פּרעזידיום פון דער לאַנדווירטשאַפט קאָנ־פערענץ. ער איז דעלעגאַט פון קיבוץ — זאָל מען אויף אים נישט ברייען דאָ קיין בלבול.

— וואָס מיר האָבן צו טאָן — דאָס איז אונדזער זאַך! — האָבן דעם פאַרשערס געלע אויגן־ברעמען אַ מרוגע געטאָן מיט שפּאָט אויף דאַניען, און די פּען האָט מיט תקיפות און הנאה געקראַצט איבערן פּראָטאָקאָל־בויגן.

— און זאָגט מיר, יונגערמאַן — האָט ער אַ פּיר געטאָן דאָס בינטל פינגער איבערן בערשטלדיקן געלן קאָפּ — צוליב וואָס זענט איר מיט אייער חברטע געקומען פון רוסלאַנד פאַרשפּרייטן דאָ „באָלשעוויזם״?

דאַניעס שוואַרצער שויבער האָט אַ ציטער געטאָן, ווי אַ הייסער ווינט וואָלט אים אַ סמאַליע געטאָן — איך גיי נישט אין דעם זעלבן געשפּאַן פון מיין חברטע — האָט ער אים אַ זאָג געטאָן מיט אַ פּאָר־ביסענעם כעס — איך בעט אייך, וואַרפט מיר נישט אונטער קיין „ממזר״.

דעם אויספאַרשערס פויסט האָט הילכיק אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש אַזש דאָס אַש־טעצל מיט די פּאַפּירן האָבן אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופטן. פון געלן קלייען־פּנים און בערשטל־קאָפּ איז געוואָרן איין שטיק העליש פייער — איר וועט מיר ענטפערן אויף די פראַגן וואָס איך שטעל אייך — האָט ער ווילד אַ רעווע געטאָן — נישט שייגעצן מיט רוסישער חוצפה, פאַרשטאַנען!

דאניען האָט מען אָפּגעהאַלטן אַ היפּשע צייט אין אויספאָרשונגס־צימער. דער אָפיציר האָט זיך געקאָכט און געזאָטן, וואָס ער קען פון דאניען נישט אַרויסבאַקומען די „ריכטיקע" ענטפערס. וויפל ער האָט געגראַבלט, ווי מיט אַ צוועגנגל אין גליאיקע קוילן, איז אים בלויז געלונגען אַרויסצובאַקומען אַן אויסגעלאָשענע, נישטיקע האַלעוועשקע.

* * *

נאַכומאָוו האָט שוין געהאַט געדרימלט אויפן געלעגער אין האָטעל־צימער, ער האָט זיך אַ וועק געטאָן פון ערשטן געשמאַקן דרימל, און געהאַט דעם רושם ווי עמעצער וואָלט געעפנט די טיר. ער האָט לכתחילה געמיינט, אַז ער איז ביי זיך אין קיבוץ, נאָר גיך איז ער וואַך געוואָרן און דערקענט דעם האָטעל־צימער — דאָס צווייטע בעטל איז ליידיק — דאניע איז נאָך אַלץ נישטאָ? דאָס זייגערל ווייזט: 12 — אָט האָסטו דיר! — זיין „יפיפיה", אויפגעזוכט די מציאה, בנבע, האָט ער אַ קרעכץ געטאָן אונטער דער קאָלדרע. עס האָט אים אַ טראָג געגעבן אין דער רגע אין קיבוץ, צו שושנהן און זיין הויזגע־זינד. ער זעט פאַר זיך די גאַנצע דאָרף־ווירטשאַפט, די פעלדער און ירקות־פּלאַנטאַציעס, ער וועט דאָרט שטאַרק אויספעלן דורך די פאַר טעג, וואָס ער געפינט זיך אויף דער קאָנפערענץ.

דער ווייזער דערנענטערט זיך צו איינס, און דאניע איז נאָך אַלץ נישטאָ, וואָס זאָל דאָס באַדייטן? ווי לאַנג דאַרף מען זיך אַרומ־שלייען איבער די גאַסן? איין קליינקייט, אַנגעזאַמלט פולע זעק מיט רייד — און דאָס דאַרף מען אָפּלאָדן פון האַרצן.

נאַכומאָוו האָט זיך אָנגעהויבן צו באַאומרויקן, דאָס פרעמדע גע־לעגער וואָרעמט אים נישט, און ער קען שוין בשום אופן נישט איינשלאָפן. דאניע איז אים געלעגן אין קאָפּ, ער איז אויף אים געווען ביז גאָר ביין. ער האָט געטראָגן אַ כעס אויף תל־אביב, וואָס פירט דעם מענטשן אַרונטער פון דרך הישר — אַזאַ טייערער יונג איז דער דאניע אין דאָרף, אַן איבערקערעניש איז דאָך פון אים דאָ געוואָרן!

נאַכומאָוו איז שוין עטלעכע מאָל אַרונטער פון געלעגער, און געמיינט אַלץ, אַז אָט־אָט קומט ער אָן, אָבער ווער? ווו? ס'איז שוין דריי אַ זייגער — און עס ציט זיך אַלץ ביי אים אַזאַ פיינלעכע ליל־שמורים.

קוים זיך דערוואַרט, אַז דער באַגינען זאָל אָנהויבן בלאָען. גאַסן האָבן זיך געוועקט פון נאַכטישן שלאָף. עס זענען דורכגעפאָרן ברויט־וועגענער, פערדישע קאָפּיטעס האָבן ריטמיש געקלאַפּט אין בעטאָן־ברוק — אפילו די פערד מאַכן דאָ אָן אַ רעש אין שטאָט — האָט נאַכומאָוו זיך געראָגזט — אויף דאָרפישער ערד הילכן אַזוי נישט אָפּ די קאָפּיטעס. אָט איז דורכגעפלויגן אויז אַ מאָטאָציקל אַ מילכער מיט פולע קאַנען מילך, די גאַס איז פאַרטויבט געוואָרן מיט קנאַל און רעש. אַז נאַכומאָוו איז אַרונטער אויף דער גאַס איז אים אַנטקעגן־געקומען אַ קערער, אַ תימנער ייד מיט געדרייטע פיאות, ווי הבדלה־ליכט. דעם תימנערס גאָר לאַנגער בעזים האָט געקערט דעם טראָטואַר, ער האָט געפירט דעם בעזים איבערן טראָטואַר אין האַלבע רונדן, ווי דער שניטער די קאָסע. — נאַכומאָוו האָט געמיינט אַז עס עקט זיך אים די וועלט, ער איז שיעור נישט אומגעקומען אינעם געדיכטן וואָלקן שטויב — טפו זאָל עס ווערן, — האָט ער געשפּיגן און געלאָפן פון שטויביקן גיהנום.

די זון איז אויפגעגאַנגען מיט גאָלדענעם קלאַנג, הימל האָט זיך געפאַרבט אין בלאָ, הייזער זענען באַשטראַלט געוואָרן מיט וואַרעמען בליאַסק.

מיד און צאָרנדיק פון אַ שלאָפלאָזער נאַכט, האָט נאַכומאָוו זיך דערקליבן צום סעקרעטאַריאַט פון דער לאַנד־קאָנפערענץ. זיין ווייס־זילבענער קאָפּ האָט אַרויסגערופן דרך ארץ ביים דיזשור־באַאַמטן.

— איר מוזט מיר, חבר, העלפן אויפזוכן דאַניען... — האָט נאַכומאָוו מיט אַ צעמאַטערט פּנים זיך ממש ביי אים געבעטן.

— וואָס הייסט? — האָט יענער אויף אים אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן.

— ער איז נישט געקומען נעכטיקן אין האָטעל.

— נאַרישקייטן! — האָט דער דיזשור־באַאַמטער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— וווּהין האָט ער זיך נעכטן אין אָוונט געלאָזט גיין?

— דער גוטער יאָר ווייסט אים — האָט נאַכומאָוו גערעדט מיט זאָרג — ער האָט באַדאַרפט זיך טרעפן מיט אַ חברטע, אַ צעקריגטע.

— אָט־אָט, — האָט ער צו נאַכומאָוון אַ ווונק געטאָן מיט אַ שעלמישן אויגל — אַז לילית מישט זיך אַריין דערינען... ס׳איז אַן אַלטע געשיכטע.

— ניין, איך קען גוט דאַניען, ער וואָלט מיך נישט איבערגעלאָזט איינעם אַליין אין האָטעל — בכל אופן וואָלט ער מיר צוּוויסן געגעבן.

— אוי, חבר, חבר — איר פאַרמאָגט שוין אַ זילבערנעם קאָפּ האָר, און ווי נאַיוו איר זענט?

— שאַט... לאָמיר אייך באַרויקן, — האָט ער אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און געקלינגען אין „מגן דוד אדום״, נאָכגעפרעגט וועגן אַ פאַרפאַל פון דעם און דעם, צוריקגעלייגט דאָס טרייבל מיט טריומף, אַז גאָרנישט נישט איז געשען.

עס הויבן אָן זיך צו פאַרזאַמלען חברים, ביסלעכווייז זענען פול געוואָרן די צימערן אַרום קאָנפערענץ־זאַל. נאַכומאָוו מיט זיין זאָרג איז בטל געוואָרן אין פרימאָרגנדיקן הו־האַ פון די האָפערדיקע אויס־גערוטע חברים, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו דער ווייטערדיקער סעסיע. נאַכומאָוו האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלעמען מיט זיין צעמאַטערט נישט אויסגערוט פנים. דער אומרו וועגן דאַניען האָט זיך אַלץ מער אין אים צעוואַקסן.

דאַניע האָט זיך נאָך אַלץ נישט באַוויזן אין דעם אויפגעלעבטן יוירנדיקן זאַל. נאַכומאָוו האָט נישט גערוט, ער האָט דערגרייכט די אָנפירנדיקע חברים פון פּרעזידיום. עס איז אָוועק אַ סדרה פון קלינ־געניישן אין טעלעפאָן אין די העכערע אינסטאַנצן. מ׳האָט געניששטערט און געזוכט, ווי אין אַ געדיכטן וואַלד נאָך אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד, וואָס איז אָוועק פון דער היים.

די דעלעגאַטן זענען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס, יעדער

איינער האָט געטראָגן אין זיך דעם גורל פון דאַניען.

און פון וואַלד־געדיכטעניש האָט פּלוצים אויפגעבליצט, פון דאָרט האָט זיך אַנטפּלעקט די פאַרהוילענע געשטאַלט פון דאַניען.

דאַניען האָט מען באַפרייט פון אומזיסטן פאַרדאַכט, אַז ער געהערט אָן אין די לינקע קרייזן.

אין מיטן פון די פאַרהאַנדלונגען אין קאָנפערענץ־זאַל האָט דאַניע זיך באַוויזן אין דער אָפּענער טיר, די אויגן און געדיכטער שויבער האָבן אַ בלענד געטאָן אין אַלעמענס אויגן, דער פול־געפּאַקטער זאַל האָט זיך ווי דורך אַ מאַגנעט אַ קער געטאָן אין דער זייט פון דאַניען. איבערן רוים פון זאַל האָט זיך ווי דורכגעטראָגן אַ פאַרכטיקער שאָרך פון אַ ווינט — דער פאָרזיצער האָט אַזש באַדאַרפט אַ קלאַפּ טאָן מיטן האַמער אין טיש, רופנדיק צו אָרדענונג.

דאַניע האָט זיך געמאַכט אַ וועג דורך די דורכגענג. ביז צו זיין ליידיקן בענקל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן נאַכומאָוון. מיט אַן איינגעהאַלטענעם פאַרכטיקן אָטעם האָט ער דערלאַנגט נאַכומאָוון די האַנט.ביידע הענט האָבן זיך שטאַרק געדריקט, ביידע האָבן געהאַלטן אַרונטערגעלאָזט די אויגן, זיך נישט געוואָלט צונויפטרעפן מיט דעם יפּ אויגן פון אַרום און אַרום, וואָס האָבן דאַניען פאַרשלונגען אין מיטן. דאַניעס האַנט־דרוק האָט ווי גערעדט מיט פאַרשולדיקונג: — איך האָב זיך פאַרשולדיקט קעגן דיר, טייערער נאַכומאָוו. נאַכומאָוו האָט אים פּאַטערלעך באַדויערט — עך, דו, דאַניע — זי האָט דיך פאַרפירט, לילית, זי האָט דיך פאַרפירט.

.12

די וואָכן פון פּסח ביז שבועות זענען דורכגעלאָפן אין קיבוץ גאָר גיך, אָבער פאַר דאַניען זענען די טעג געווען געלאָדן מיט שפּאַנונג און נישט פאַרויסגעזעענע דערוואַרטונגען. נאַכומאָוו האָט אים מער נישט דערמאָנט פון דעם עגמת־נפש, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין תל־

אביב אין די קאָנפערענץ־טעג. יעדער בראָך ווערט פאַרהיילט — און ער האָט אוודאי געמיינט, אַז דאַניע ניכטערט זיך אויס פון דעם שיכרות.

דאַניע האָט געדולדיק געטראָגן אין זיך דעם עול פון קיבוץ. שווערע פראַצע־טעג אין פעלד און גאָרטן האָבן אין זיך אויסבאַהאַלטן דעם פיינלעכן אינעווייניקסטן ציטער פאַר רינען, וואָס שמאַכט הינטער די דיקע ווענט אין בית־לחם. ער האָט זיך דערזען אין אַ קאָמפּליצירטער מערכה, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין דער לופטן אויף אַן אָנגעצויגענעם שטריק — אַט־אַט, פאַלט ער אַרונטער און ווערט געניזקט.

ער ווייסט נישט צי רינאַ נעמט אויף זיך די „שולד", וואָס די פּאָליציי וואַרפט איר אָן — און אויב יאָ, פאַרוואָס גאַרט ער איר חבר־שאַפט — איר באַעגטקייט און אָטעם? — אין דער צייט ווען ס'איז אים נישט ניחה און ער טרייסלט פון זיך אַרונטער איר אידעישן ליבוש?

ער מיידט אויס שושנהן, וואָס האָט אים שוין נישט איינמאָל געוואָלט אָפּשטעלן מיט איר מאַמישער צוגעלאָזנקייט, פינקלענדיק אויף אים די קאַלמיקישע טיפע אויגן מיט ווייבערישן הונגער.

ער זוכט אַ באַענטן, וואָס זאָל זיך מיט אים וועלן איינשפּאַנען אין וואָגן אָנגעפּראַפּט מיט יורידישן פּלפּול, — ווי אַזוי פאַרבינדט ער זיך מיט אַ פּיפיקן אַדוואָקאַט? מיט ליידיקע הענט ווערט אַזאַ איינער גאָרנישט אויפטון.

דאַניע האָט שוין איינעקע מאָל געשריבן צו גרושקינען וועגן דעם ענין. גרושקין ענטפערט אים נישט קלאָר אויף זיין שרייבן.

מיטאַמאָל האָט גרושקין זיך גאָר באַוויזן אין קיבוץ אין דער באַגלייטונג פון טאַמאַרען. פאַר דאַניען איז טאַמאַראַ אַ שפּאָגל־נייע געשטאַלט — ער זעט איר דאָס ערשטע מאָל. ער האָט געמיינט, אַז גרושקין ברענגט אים איצט די ריכטיקע ידיעות פון רינען, אָבער צום סוף הערט ער פון אים אַ געשיכטע, אַז ער איז איצט אין „חופש"ביי דער רעדאַקציע און אַ דאַנק דעם האָט ער אַ געלעגנהייט אַרומצושפּאַצירן מיט טאַמאַרען איבערן עמק און גליל. דאַניעס קיבוץ איז אַ פּונקט אין זיין מאַרשרוט.

ווייל ער וויסן, דאַניע, וואָס געהערט זי אָן גרושקינען אָט די

טאַמאַראַ? איר קאָפּ שוואַרץ־געקרייזלטע האָר און שאַפּישע מאַנדל־אויגן קוקן אַן דאַניען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט. אוודאי דאַרף זי זיין גרושקינס אַ גאָר נאָענטע — טראַכט זיך דאַניע — און אפשר גאָר אַ ווייב?

גרושקין דערציילט נישט קיין וואָרט וועגן איר — ווען ער אים נישט ציען ביים צונג. דאַניע האָט בילכערע זאַכן פון וואָס צו רעדן, אָבער אַלץ איז געצילט אַרום איין איינציקן פּונקט: רינאַ. די אויגן זיינע שפּאַצירן כלומרשט איבערן וואַנט, אָבער טרעפן זיך אַלע־מאָל אָן מיט גרושקינס פּנים. עפּעס האָט ער איצט באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים — טראַכט ער מיט חידוש — נישט דער זעלבער ווי בעת ער איז אָנגעקומען אין חיפה. וואָזשנע זיך אַרויפגעאַרבעט...

גרושקין איז זיך פאַר אים מודה, אַז רינאַ פלעגט זיך דער־ווייטערן פון אים, און ער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ מיטצוגיין אין אירע דרכים.

— רינאַ איז אַ פייערדיקע חכמה — גיט צו טאַמאַראַ — זי האָט דאָך געוווינט מיט מיר צוזאַמען אין צימער.

— אַזוי גאָר? ווערט דאַניע אויפגעלעבט — איך דערוויס זיך איצט וואָס אַמאָל מער.

— זי איז פאַראינטריגירנדיק קלוג — האָט זי ווידער צוגעגעבן

— אַ טיפער קוואַל — מ׳קען זיך צו איר נישט דערגרונטעווען.

— קלוג, קלוג — און זיך באַנאַרישט, — האָט דאַניע פאַרמינערט טאַמאַרעס שבחים.

— גרושקין, דו קענסט דאָך זי בעסער פאַר מיר — האָבן טאַמאַ־רעס אויגן אויסגעדריקט אַזוי פיל מיטלייד און גוטסקייט — פאַרוואָס שווייגסטו?

— און אַז איך קען זי בעסער, וועל איך דאַניען מיט עפּעס העלפן? די טורמעס זענען געגליכן צו קלעפּ־פּאַפּיר פאַר פליגן, דער גרעסטער גיבור ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ פליג — זיך נישט אָפּצו־רייסן פון דער פּאַסטקע.

פון דעם גאַנצן רעדן האָט דאַניע נישט געפונען קיין אויסוועג

צו רינעס גורל. ער האָט שוין אַליין אויך איבערגעלעבט דעם טעם, וואָס דאָס הייסט אַריינפאַלן אין פּאָליציייאישע הענט.

מיט אַ פּאַראומערט געמיט האָט דאניע געפירט די געסט אָנצו־קוקן דאָס עשירות פון קיבוץ. זיי זענען אויסגעוועזן אין אַלע ווינקעלעך פון דער ווירטשאַפט. גרושקין מיט טאַמאַרען האָבן אָנגעקוואָלן פון די פרוכטבאַרע פעלדער און ירקות־פּלאַנטאַציעס. די בלאָקייט פון כנרת האָט געליכטיקט אין די אויגן און דערנענטערט דעם האָריזאָנט — כאָטש אָנצוטאַפּן מיט די הענט.

אַז דאניע האָט אָפּגעפּאַרטיקט די געסט, האָט ער אויף צומאָרגנס דערהאַלטן אַ בריוו פון יאשאן מיט אַ מזל־טוב — שולמית האָט געבוירן אַ טעכטערל, אַ בילד־שיינהייט — ממש זיך איינצושפּיגלען. און וואָס הערט ער פון רינען? זיי האָבן זיך וועגן איר דערוווּסט גאָרנישט קיין פריילעכס — מען דאַרף ראַטעווען רינען! ער קען זיך נישט אָפּרייסן אַ רגע פון שטוב און אַראָפּכאַפּן זיך צו אים אין קיבוץ. די בוימער — שרייבט ער אים — זענען דאָ אויך געגליכן צו קינדער, תמיד דאַרף מען נאָר אַרום זיי אַרומטאַנצן, צערטלען און ניאַנטשען.

* * *

דאניע איז אין שליחות פון קיבוץ געפאָרן קיין תל־אביב. ער איז געווען אויף עטלעכע ערטער, בכדי זיך צו פאַרבינדן מיט אַן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל נעמען רינעס „ענין" אין זיינע הענט.

ראשית־כל איז ער אַוועק אויפזוכן גרושקינען אין רעדאַקציע פון דער טאָג־צייטונג.

דאניען האָט מען אַרונטערגעשיקט אין דער דרוקעריי, ווו גרוש־קין איז באַשעפטיקט ביי קאָרעקטורן.

אַנשטאָט ריחות פון פעלד און פּלאַנצונגען האָט אויף אים אַ ווייע געטאָן האַרבע ריחות פון אייל און פאַרב. גרושקין איז ווי איבער־ראַשט געוואָרן, ער האָט זיך גאָרנישט געריכט צו זען דאָ דאניען, אַזוי

אומגעריכט. דער גערויש פון די מאַשינען האָט פאַרטויבט די אויערן. דער רעש פון די ראָטאַציע־מאַשינען האָט אָפּגעהילכט ווי לויפנדיקע וואַסערפאַלן, פאַר דאניעס אויגן האָבן געשווינדלט ווייקלענדיקע פּאַפּיר־ראָלנס.

— וואָס עפּעס פלוצים, דאניע? — האָט גרושקין אים באַגעגנט מיט דער פען אין האַנט.

דאניע האָט נישט געהערט קיין וואָרט פון גרושקינס מויל, אויפגעכאַפּט בלויז דאָס באַוועגן זיך פון זיינע ליפּן. ער פאַרגייט אין גרימאַסן, צולייגנדיק ווי אַ טויבער די האַנט צום אויער.

גרושקין האָט אויך נישט געהערט וואָס דאניע רעדט צו אים, ער האָט אָבער פאַרשטאַנען די סיבות פון זיין וויזיט.

זיי האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון דעם פאַרטויבנדיקן רעש אויף דער גאַס אַרויס. אין אַ רעסטאָראַנדל ביי אַוועקגעשטעלטע גלעזער טיי אויף אַ טישל, האָט דאניע געגעבן גרושקינען צו פילן זיין אומרוארום רינען, — צי קען ער אים פאַרבינדן מיט אַן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל איר אַרויסציִען פון תפיסה.

— זאָג, גרושקין, ביסט דאָך אַמאָל אויך געווען אילומינירט מיטן רויטן פלאַם פון אָקטאָבער־יום־טוב?

אַ ביטערער שמייכל האָט זיך אויסגעקרימט איבער גרושקינס פּנים. — איך פיל דיך מיט, דאניע — אָבער הער, איך האָב דיר שוין אַמאָל געהאַט קאָמענטירט, אַז דאָס לעבן איז רייך מיט קאָנטראַסטן. געפאָרן בין איך דאָך אַהער ווי אַ קנאַפּס, אָנגעקוועלט מיט ביטערקייט — און ווי זאָגסטו, דאניע — איך בין „אילומינירט געווען מיטן רויטן פלאַם פון אָקטאָבער־יום־טוב. די ביטערקייט וועפּט זיך אויס, ברודערל, דאָ בין איך געגליכן צו יענעם קאַמעליאָן — אויף וואָסער פאַרב דאָס שטעלט זיך, אַזאַ מראה באַקומט עס. יאָ, די וועלט איז רייך מיט קאָנטראַסטן, — קיבוץ, פעלד און בוים איז היינט דיין גן־עדן, עס פעלט דיר דאָרט דיין רינאַ, וואָס איז פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין תפיסה פון בית־לחם. נו־יאָ, אין די פאַרשלאָסענע צעלן גליט דאָרט היינט אַ רויטער פלאַם.

— זיי מיר מוחל, דאניע, פאַר מיין שטימונג־עקספּאָזע. דו ביסט דאָך דער גורם צו דעם. אָבער איצט, דאניע, וועל איך דיך צונויפברענגען מיט אַ דריטער פּערזאָן, וואָס איז געזעלשאַפטלעך זייער וואַכזאַם, און איז געווען רינעס מליץ־יושר אין פאַבריק. אפשר אין דרייען וועלן מיר קענען אויסגעפינען אַ הילף פאַר רינען?

גרושקין האָט זיך אָוועקגעלאָזט מיט דאניען צו דער פאַבריק ווו רינאַ האָט געאַרבעט.

פיר אַ זייגער. פאַרהאָרעוועטע אומגעדולדיקע אַרבעטער האָבן זיך אַרויסגעלאָזן פון פאַבריק נאָך אַ מידן אַרבעטס־טאָג. צווישן די אַרויסגעשאָטענע גרופּן פועלים האָט גרושקין באַמערקט שעכטערן.

גרושקין האָט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט און ברייטן „שלום” אָפּגעשטעלט דעם קאָנצענטרירטן אין זיך שעכטער.

שעכטער האָט באַלד תופס געווען, אַז גרושקינס פאַרהאַלטן אים האָט געוויס אַ שייכות מיט רינען. די אויגן אונטער די קאַווע־ברעמען איילן און שפּרינגען ווי צעטומלטע פישלעך דאָ אויף גרושקינען, דאָ אויף דאניען.

— עס האַנדלט זיך וועגן פּדיון־שבויים — האָט גרושקין אויפגעלעזט פאַר שעכטערן זייער אומגעריכטע באַגעגעניש — מיר זענען געקומען זיך מתיעץ זיין מיט אייך וועגן רינען, — זייט באַקאַנט! — האָט ער פאַרגעשטעלט דאניען, דאָס איז רינעס אַן אייגענער פון קיבוץ!

שעכטער האָט זיך נישט געפילט באַקוועם, דערלאַנגענדיק דאניען אַ נישט ריינע האַנט פון דער אַרבעט. די אויגן אונטער די ברעמען האָבן זיך נאָך מערער צעיאָגט און צעטומלעניש.

— דאָ אויף דער גאַס איז נישט כדאי צו רעדן וועגן דעם ענין — האָט שעכטער זיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן, — לאָמיר זיך דאָ אַריינכאַפּן אַנטקעגן אין קאַפע־הויז!

זיי זענען געזעסן אַרום אַ טישל אין אַ טונקעלן ווינקל. אויפן טישל האָבן זיך באַוויזן טעפּעלעך קאַווע מיט קיכלעך, וואָס שעכטער האָט באַשטעלט ביים קעלנער מיטן ווייסן פאַרטוך. שעכטער האָט אַלע־מאָל אַ שיק געטאָן אַ זייטיקן בליק אויף דאניעס אָפּגעברענטן פּנים,

ווו עס האָבן אַרויסגעלויכטן אַ פּאָר שוואַרצע יום־טובדיקע אויגן. — ווי אַזוי האָט רינאַ געקענט אַנטלויפן פון קיבוץ — איז אים דורכגע־לאָפן אַ געדאַנק — פון אַזאַ מלכותדיקן יונג?

ווייזט זיך אַרויס אַז פון שעכטערן באַקומען זיי קאָנקרעטע ידיעות וועגן רינען. צוויי מאָל איז שוין שעכטער געווען אין בית־לחם און אַהינגעפירט שפּייז־פּאַקעטן. זיך זען מיט איר איז אים באין־אופן נישט געלונגען. אַן אַדוואָקאַט, זאָגט שעכטער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט זיך מיט רינען געזען. יענער זאָגט אַז רינאַ איז אַמביציעז, הגם זי געהערט נישט צו דער פּאַרטיי, פאַר־לייקנט זי נישט, אַז ס׳זענען איר נאָענט די אידעען פון סאָוויעטן־לאַנד, און דערמיט קוילעט זי זיך אַוועק — האָט שעכטער אונטערגעשטראָכן כמעט מיט אַ זיפץ. — עס דראָט איר אַ ר ו י ס ג ע ש י ק ט צו ווערן פון לאַנד. די ענגלישע מאַנדאַטן־מאַכט טוט עס ביד־חזקה, מיט איר אַדמי־ניסטראַטיוון כוח!

דאַניע האָט געזופּט פון טעפּעלע קאַווע, דערשפּירנדיק ווי ער וואָלט געשלונגען ביטערע גאַל, בעת ער האָט געהערט די רייד פון שעכטערן. ער האָט ביים טישל איבערגעלעבט אַזוי פיל בושה אַנטקעגן דעם יונגנמאַן, אין פלוג אַ „פרעמדער" צו רינען — טראַכט ער — און האָט שוין אַזוי פיל מקריב געווען פאַר איר. ער, דאַניע, איז דאָך קעגן אים אַ רשע, וואָסער קרבן האָט ער שוין געברענגט פאַר רינען?

גרושקין האָט געפירט דאַניען צו זיך אַהיים. אויפן גאַנצן וועג איז דאַניען נישט אַרויס פון קאָפּ אָט דער יונגערמאַן, וואָס איז זיך אַזוי מוסר־נפש פאַר רינען, און ער האָט כמעט פאַרהערט וואָס גרושקין דערציילט אים פון זיין גורלדיקער ווענדונג אין לעבן, ער פאַרטרויט זיך פאַר דאַניען אויף דער גאַס, אַז ער האָט מיט טאַמאַרען חתונה געהאַט.

— אַזוי גאָר? — קומט דאַניע צו זיך — און דו האָסט מיר גאָר־נישט צוויסן געגעבן? — ס׳איז דאָך גלאַט נישט שיין.

— הער, דאַניע! — האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַנג — איך מאַך נישט וועגן דעם אַלעמען קיין ווענז. — על כל פנים צעפויק איך נישט מיינע אינטימע ענינים פאַר דער וועלט, ווי יאַשאַ

מיט זיין מזל־טוב. מילא, ביסט מיר אונטערגעקומען אונטער דער האַנט, קען איך עס פאַר דיר נישט אויסבאַהאלטן און איך מוז דיר זאָגן, אַז פאַר מיר איז די חתונה־צערעמאָניע געווען איינע פון די גרעסטע אינקוויזיציעס. איך האָב זיך שיעור נישט צעדורסט מיט די כלי־קודש, וואָס האָבן זיך אַרום מיר געפּאָרעט מיטן קלאַפּער־געצייג אונטער דער חופה, ווי אַרום אַ מת.

גרושקין האָט אים אַריינגעפירט צו זיך אין צימער. אויף דאַניען האָט אַ ווייע געטאָן מיט נאַרקאָטישע האַרבע ריחות, ווי ער וואָלט אַריבערגעטרעטן די שוועל פון אַ שפּיטאָל. טאַמאַראַ איז זיי אַנטקעגן געקומען אַ צעשטראַלטע דערזעענדיק דעם מיטגעבראַכטן גאַסט.

דאַניע האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט אין דעם צימער. עס האָט אים געהויבן פון דער ווייכער סאָפע, די אומגעדולד האָט אַלץ מער אין אים געוואַקסן. טאַמאַרעס אַריינקומען אַלעמאָל פון דער קיך מיט שטילע ווייכע טריט האָט אויף דאַניען געווירקט, פּונקט ווי אויף חולאים וואָס זייערע נערוון זענען אָנגערייצט, גאַרן נאָך רו און מילדקייט. טאַמאַרעס מילדע, שוועסטערלעכע באַנעמונג צו אים האָט אים וויי געטאָן, הגם ער זעט זיך פאַר אַ געליטענעם, וואָס טראָגט אויפן רוקן אַ שווערן זאַק מיט פּיין. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז זי זאָל אים זען פאַר אַזאַ איינעם.

יאָ, דאַניע זעט איצט גרושקינען אַנדערש, ווי ער האָט אים געקענט פון פריער. פאַרשוווּנדן די ווילדע צעשויבערטקייט פון קאָפּ האָר, דאָס פּנים האָט שוין נישט געביטערט מיט גרימאַסן, און מען הערט שוין נישט זיינע טענות קעגן מענטש און וועלט. עפּעס אַזאַ זאַטע פאַרגעבונג פאַראיידלט איצט זיין פּנים — נישטאָ שוין דער הייסער זשאַר און הונגער אין זיינע ברוינע אויגן.

זיי האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום אַ נידעריקן טישל, סערווירט מיט גוטע זאַכן. טאַמאַרעס געדיכט־געקרייזלטע שוואַרצע האָר האָבן אַזש געגלאַנצט פון דערהויבענעם יום־טוב צוליבן גאַסט. זי האָט אַלעמאָל אויסגערופן אַן אַנדער דעריינערונג וואָס איז פאַרבונדן מיט רינען, און אַ גרענצלאָזער מיטלייד איז געפלאָסן פון אירע שאָפישע

מאַנדל־אויגן.

— אויף דער סאָפע ווו מיר זיצן איצט — האָט טאַמאַראַ אַ זאָג געטאָן כמעט מיט אַ זיפץ — איז רינאַ געשלאָפן, ווען מיר זענען ביידע געווען צוזאַמען. ווער ווייסט וואָסער געלעגער זי האָט דאָרט היינט אין תפיסה?

דאַניע האָט מיט אַ ווינקל־אויג אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף דער געבלימטער דראַפּירונג פון דער סאָפע — אין דמיון האָט פאַר אים אַ שוועב געטאָן רינאַ. זיין בליק איז באַלד אַוועקגעשוווּמען איבער נעפּלען און מרחקים. — עס האָט אים געהויבן פון אָרט, געזוכט אַן אויסוועג צום געשאַפּענעם פּלאָנטער, און דאָ מוז ער נאָך אויסהערן גרושקינס קלוגע רייד.

אוודאי ווייסט נישט דאַניע וויפל פייער אָט דער גרושקין האָט פאַרצערט אין דער שטיל אויפן מזבח פאַר רינען, און אַז זיינע איצטיקע ניכטערע רייד וועגן רינען זענען בלויז אויסגעברענט אַש פון אַמאָליקן פייער.

— רינען פעלט אַקטיאָרישער טאַלאַנט — זאָגט גרושקין — בכדי צו פאַרבלענדן די אויגן פון די פּאָליציי־פּאָרשער. נישט תמיד דאַרף מען אַנטפּלעקן דעם אינעווייניקסטן מהות. אין האַרצן מעג נאָך זשאַרען דער פלאַם פון דער רעוואָלוציע — אָבער דאָ דאַרף מען זיך דעקאָרירן אין בלאָ־ווייסן זיידנס, — אָט וואָס, אַקטיאָרן דאַרפן מיר ווערן!

דאַניע איז פון זיי אַוועק אומצופרידן. עס האָט אים באַגלייט אַ ווידערווילן צו די פּיפּיקע „קאַמעלעאָנס", וואָס כהרף־עין פּוצן זיי זיך אין אַנדערע קאָלירן. ער האָט אויפגעהערט צו גלויבן אין גרושקינס לידער, וואָס שטורעמען כלומרשט מיט פּאַטאָס פאַרן אויפוואַכנדיקן בונטאַר — איז דאָך עס אַלץ געשפּילט למראית עין?

איידער דאַניע האָט זיך אומגעקערט אין קיבוץ האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צום אַדוואָקאַט וואָס שעכטער האָט אים אָנגעגעבן דעם אַדרעס. ער האָט נאָך פריער צו אים געקלינגען אין טעלעפאָן, און יענער האָט אים שוין אָפּגעוואָרט ביי זיך אין ביוראָ, אויף הויכע שטיגן און געדרייטע קאָרידאָרן.

א. ריזוועס

דער אַדוואָקאַט, אַן עלאַסטיש שפּילעוודיקע פיגור מיט אַ קאָפּ לופטיקע קרייזלעך האָר, וואָס ביים מינדסטן ריר שפּרינגען זיי אויף ווי צאַפּלדיקע ספּרענזשינעס, — אָט דער אַדוואָקאַט, דוכט זיך, איז מסוגל אַדורכצוגליטשן זיך דורך אַ לעכל פון אַ נאָדל.

אַז דאַניע איז אָנגעקומען אין ביוראָ איז אים אַנטקעגן געקומען דער אַדוואָקאַט מיט צעשטראַלטע בלאַסקעדיקע ברילן, זיין שאַרפע פּילבאַרע פויגל־נאָז האָט באַלד דערשמעקט ווער דער יונגערמאַן איז, און צו וואָסער „ענין" ער האָט אַ שייכות.

— חבר — האָט דער אַדוואָקאַט פאָטערלעך אַרויסגעלייגט די האַנט אויף דאַניעס אַקסל — איך טו אַלץ וואָס איך קען בכדי רייכצו־וואַשן אייער „חברטע" ביי די בריטישע פּראָקוראָרן. — און, — האָט זיך זיין פיגור אַ וויג געטאָן אין אַ ספּיראַל — אַ פּראָקוראָרס האַרץ איז נישט ווייכער פון שטאָל, ווייסט נישט פון רחמים.

— עס איז כדאַי איר זאָלט האָבן אַ „זעאונג" מיט אייער חברטע!

— האָט ער זיך אַ וויג געטאָן אויף די פיס.

— ווי איר וואָלט אַרויסגעלייענט מיין פאַרלאַנג — האָט דאַניע ווי אויפגעלעבט.

— בבקשה — איך וועל אָנווענדן צו דעם אַלע מיטלען — אויב איך בין זיך נישט טועה געהערט איר אָן רינען מער ווי אַ חבר?

— יאָ, האָט דאַניע אַראָפּגעלאָזט די אויגן — אויפן צונג האָט אים געציטערט דאָס וואָרט „אַ מאַן", יאָ — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט — אַ נאָ ענ טער חבר.

* * *

אין תפיסה־קאַמער מיט די אָפּגעשיילטע דיקע ווענט האָט די זון קיינמאָל נישט אַריינגעדרונגען דורכן פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. אין דער טונקלער קאַמער האָבן ברוריה און רינאַ וואָס אַמאָל מערער נישט געפונען קיין געמיינזאַמע שפּראַך. דוכט זיך ביידע קומען אָפּ די

זעלבע זינד,ביידן דערלאַנגט מען אַריין די זעלבע פּאָרציעס עסן אין ציגערנע כלים און צוגעטיילטע חלקים ברויט. די וועכטערינס אין פּאָליצייאישע מונדירן באַגלייטן ברוריהן און רינען אויפן הויף צו די פרימאָרגן־שפּאַצירן — און דאָך פאַרלירן זיי דעם פּאָדים צו געמיינזאַמער פאַרשטענדעניש.

די ריי פון די פרויען־אַרעסטאַנטינס צעוואַקסט זיך וואָס אַ טאָג מערער אויפן אַרומגעצוימטן הויף. אַ לאַנגע ריי פון יונגע פרויען זעגען איינגעשלייערט אין די זעלבע געשטרייפטע כאַלאַטן, מיט הילצערנע טרעפעס אויף די פיס — זיי קלאַפּן אויס אויפן שפּאַציר אַ מעכאַניש־דערעסנדיקן הילצערנעם גאַנג. באַוואָפנטע פּאָליצײ־וועכטער היטן מיט טויזנט אויגן, אַז די לאַנגע ריי פאַראומערטע פרויען זאָלן זיך נישט איבערוואַרפן מיט ווערטער. אין הילצערנעם שפּאַציר־גאַנג דאַרפן באַרעדעוודיקע יונגע פרויען זיך ווערגן מיט אייגענע מאַטערנדיקע מחשבות.

און ווי אַזוי עס שמוגלען זיך אַריין צו ברוריהן אין קאַמער כל־ערליי ידיעות פון דרויסן, איז טאַקע אַ סוד. זי ווייסט אויף קלאָר, ווי ביי זיך אויף דער דלאָניע, אַז די מאַנדאַטן־מאַכט שיקט אַרויס די יונגע קאַמפּערינס לעבר הים, און זי פאַרזיכערט רינען, אַז אין אייראָפּע וואַרט זיי שוין אָפּ אַ קאָמיטעט, וואָס וועט „אונדז" נישט לאָזן פאַלן פון די פיס. — נישקשה — פאַרפלעכט זי אין נחת די הענט אויפן ברוסט און איר אויגל פאַרקוקט טרוימעריש אין אלכסון — מ'האָט אונדז דאָ פאַרשפּאַרט ווי די פייגל, איבערן ברייטן ים וועלן מיר זיך דערנאָך טראָגן פרייע, אָפּגעבונדענע, ווו די אויגן וועלן אונדז קערעווען.

— איך בין אַ געבוירענע פון פוילן — רעדט זי אַריבער צו רינען — און איך האָב חשק זיך אַריבערצוּוואַרפן אין דיין היימלאַנד. — עס געפעלט מיר גראָד, וואָס מ'האָט פּראָקלאַמירט „ביראָבּידזשאַן" פאַר אַ יידיש לאַנד — דאָרט וועל איך לפחות קענען אָטעמען פריי אין אַן אייגן רויט לאַנד.

הערנדיק די דאָזיקע רייד האָט זיך רינעס חן־גריבל אין באַק טיף צעשמייכלט.

— איך בין שוין מיד פון יידישע לענדער — האָט רינאַ ממש

אָפּגעזיפּצט — אויב איך וועל דאָ געפּייניקט אין תּפיסה, בין איך גאָר־נישט להוט אָנצוקומען אין אַ צווייט „יידיש לאַנד". — יאָ, איך האָב זיך אָפּגעריסן פון מיין היימלאַנד. אויב ס'וועט מיר באַשערט זיין אָנצו־קומען אין אַ צווייט לאַנד, זאָל דאָס שוין זיין אַ לאַנד פון גויים.

דער געדאַנק אַז מען וועט איר אַרויסשיקן פון לאַנד האָט רינען אַזוי זייער געטאָן, ווי מען וואָלט פּאַראומרייניקט דעם הייליקסטן ווינקל אין איר נשמה. זי האָט דערשפּירט ווי עס רוקט זיך אָן אויף איר אַ גוואַלדיקער איבערברוך אין לעבן, זי וועט פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס. ווו וועט זי איצט שטעלן אירע טריט? איז זי דאָך געקומען דאָ אין לאַנד מיט אַ ציל. געבליט האָט ביי איר אַ גלויבן מיט זאַפטן פון ערב־פרילינג. דאַניע האָט איר געגעבן כּוח און מוט צו אַ באַנייט לעבן. איצט, אין דער איינזאַמקייט פון דער תּפיסה, באַגרייפט זי שטאַר־קער דאַניעס מסירת־נפש פאַר איר, ער האָט געאייפערט, אַז אַ בליק פון אַן אַנדערן מאַן זאָל חלילה נישט אַ שטראַל טאָן אויף איר פּנים, און זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן זיין צאַפּלען אַרום איר. פון צופיל ליבשאַפט איז ער פאַרבלענדט געוואָרן און נישט אַרויסגעזען איר ערלעכקייט צו אים.

רינאַ פלעגט זיך איטלעכס מאָל אומקערן אין קאַמער פון די אָפּטע אויספאָרשונגען מיט אַלץ מער אויפרעגנדיקערע געדאַנקען. זי האָט זיך נישט געקענט שענקען פאַר דעם שטות וואָס זי האָט נישט משלח געווען פון קעשענע דאָס פאַרבאָטענע פלוג־בלעטל. זי האָט באַדאַרפט זיין שפּירעוודיק ווי אַ קאַץ, וואָלט זי אויסגעמיטן אַ צרה אויף איר קאָפּ. ווי אַזוי קען דער מענטש זיין אַנדערש ווי ער איז? קליידער איז לייכט צו טוישן אויפן לייב, אָבער נישט די נשמה.

איינמאָל ווען רינאַ איז געקומען פון אַן אויספאָרשונג און די טיר האָט זיך הינטער איר פאַריגלט אין קאַמער, איז שוין ברוריה גע־שטאַנען פאַר איר מיט אַן אומגעדולדיקן — נו, וואָס הערט מען?!

ברוריה וואָרט גאָרנישט וואָס רינאַ וועט איר ענטפערן, זי ווייסט פאָרויס, אַז „זיי" שטייט גאָרנישט אָן מיט אונדז זיך צו פאַרנעמען, די אויספאָרשונג איז נאָר אַ שפּיל, אונדזער גירוש איז געחתמעט איידער

מיר האָבן איבערגעטרעטן די שוועל פון דער תּפֿיסה.

רינאַ ענטפֿערט נישט אויף ברוריהס זעלבסטזיכערע רייד. עס זענען געווען מינוטן וואָס זי האָט איר ממש געהאַסט, — „אונדזער גירוש איז געחתמעט״, וואָס נעמט זי מיך אַריין אונטער אירע פֿליגלען? – האָט איר געאַרט ברוריהס טענות. זי האָט זיך איר אייגענעם גאַנג אויף אַ באַזונדערן, פֿיל־געפּרוּווטן שליאַך, מעגן די אויספֿאָרשער איר איינשליירן אינאײנעם מיט ברוריהן אונטער איין דעק־טוך.

אָט האָט מען רינען ווידער גערופֿן צום תּפֿיסה־אינספּעקטאָר. ביי ברוריהן האָבן זיך די צעפּלעך ממש געוואָרפֿן פֿאַר כּעס — ווער ווייסט צי רינאַ דרייט שוין נישט אַנדערש מיטן צונג? — האָט זי זיך געיאַדעט אין געדאַנק. דאָ אין תּפֿיסה טאָר מען שוין נישט געטרויען די אייגענע טריט.

ברוריה איז פֿון פֿאַרדאַכט און אויפֿרעגונג אַרומגעלאָפֿן ווילד איבער דער קאַמער. פֿון די דיקע ווענט און שטיינערנער פּאָדלאָגע האָט געשלאָגן מיט פֿייער און אומרו.

אַז פֿאַר רינען האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון אויספֿאָרשונגס־קאַמער, האָט זי ראַפּטום זיך געגעבן אַ צי אויף צוריק, ווי אַ הייסער פֿייער וואָלט איר אַ שלאָג געטאָן אין פּנים. זי האָט פֿאַר זיך דערזען שטיין האָניען מיטן אַדוואָקאַט. די אומגעריכטע באַגעגעניש האָט איר צע־טומלט און געפּלעפֿט, אירע אויגן האָבן זיך געגעפּלט אין הייסע טרערן.

— אָט האָב איך זיך באַמיט פֿאַר אייער „בחור״ אַ זעאונג — האָט דער אַדוואָקאַט זיך אַ וויג געטאָן אַנטקעגן איר ווי אַ זיגער.

רינאַ איז אַזוי צעטומלט, אַז זי הערט נישט וואָס דאָניע רעדט צו איר מיט פֿיבער און מיט אַן איבערפֿולטן האַרץ.

— פֿאַרוואָס האָסטו זיך דערווייטערט פֿון מיר?... ביסט אַוועק אויף אַנדערע וועגן... — די ווערטער ווי זיי וואָלטן זיך געוואָרגן אין טרערן. ווערטער וואָס ער וויל פֿאַר איר אַרויסברענגען בלייבן דערטרונקען נישט דעררעדטע.

רינאַ, אין געשטרייפטן תפיסה־לבוש קומט ביסלעכווייז צו זיך. אירע אויגן פלעמלען בלאָ אין אויסגעצערטן בלאַסן פּנים. דאָס נישט טרעפן זיך מיט דאניען אַזאַ לאַנגע צייט האָט גראָד ביי איר איצט נישט אַרויסגערופן קיין געפאַלנקייט (ווי זי פלעגט טיילמאָל דער־שפירן אין תפיסה־איינזאַמקייט), נאָר להיפך, — עס האָט ביי איר איצט דערוואַכט אַ פאַרבאָרגענער שטאָלץ.

— איך בין נישט אַוועק אויף „אַנדערע וועגן" — האָט רינאַ מיט ווירדע אים געענטפערט, — איך גיי אין מ י י ן וועג.

די טרערן וואָס האָבן געוואָרגן אין דאניעס האַלדז האָבן אויך דערגרייכט צו איר, זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו די הילצערנע טרעפּעס.

— בלייב מיט מיר, — האָט דאניע אַרויסגעפּיבערט.

— אַז דו וועסט מיטגיין — האָט דאָס נעזל אַ ציטער געטאָן — וווהין מ'וועט מיך אַוועקשיקן.

דער זייגער וואָס איז אָנגעשטעלט געווען אויף די באַשטימטע מינוטן פון דער „זעאונג" האָט זיך כריפּענדיק צעקלונגען, און די וועכטערין אין פּאָליציי־אישן מונדור האָט געטריבן רינען אין קאָרידאָר, ווו עס האָבן געווימלט מיט פּאָליציי־לייט און ביקסן.

אַז די טיר פון קאַמער האָט זיך מיט אַ סקריפּ פאַריגלט הינטער רינען, האָט ברוריה אַ שפּרונג געטאָן צו איר ווי אַ פלינקע קאַץ — נו, וואָס איז נייעס?

רינאַ איז געבליבן שטיין מיט צעשטרייטע אויגן, דאָס פּנים איז בלאַס און דערשיטערט, דאָס נעזל האָט נישט אויפגעהערט צו פּאָכן אין אַנגסטן.

— נעם מיר שוין נישט אַרויס די נשמה! — איז ברוריה נישט אָפּגעטרעטן פון איר — מ'האָט דיך שוין ווידער געפּאָרשט?

— מ'האָט מיך נישט ג־ע־פּ־אָ־ר־ש־ט, — האָט רינאַ שלאַבעריק איר אָפּגעפּטערט, צושאַרנדיק זיך אָן אויסגעשעפּטע צו איר פּריטשע.

— טאָ וואָס האָט מען דיך דאָרט אויפגעהאַלטן? — האָט ברוריהס אויגל געפינצטערט פאַר קנאה.

— איך האָב געהאַט אַ „זעאונג״.

— אַ „זעאונג״?! — האָט ברוריה ממש אויסגעשריגן — אוודאי מיט שעכטערן?!

— זיי נישט קיין נודניצע — האָט רינאַ זי אָפּגעקילט.

ברוריהס אויגל האָט געפינצטערט אין אלכסון אויף רינען. דער פאַרדאַכט אַז רינאַ דרייט מסתמא אנדערש מיטן צונג, האָט זיך ביי איר אַלץ מערער פאַרשטאַרקט — ס'האָט איר ווי געטאָן, וואָס רינאַ איז צו איר נישט אויפריכטיק און אַנטפּלעקט נישט פאַר איר אַלץ וואָס אונטערן לעפעלע פון האַרצן. זי האָט אַ זיפץ געטאָן צו זיך אַליין — אַ פאַרמשפּטן פאַר דער תליה, גיט מען אַלץ נאָך, פאַרן אַרויסשיקן דערלויבט מען אויך אַ „זעאונג״.

זיי זענען ביידע געזעסן אויף די פּריטשעס און לאַנג געשוויגן. פאַר ברוריהן איז אַ רעטעניש מיט וועמען רינאַ האָט זיך איצט געקענט זען. זי האָט זיך שוין מער נישט אָנגערופן מיט אַ וואָרט. אין ברוסט האָט גענאָגט און געטאָטשעט. פאַר כעס האָט זי אויפגעפלאָכטן און צוריק פאַרפלאָכטן איר מאָגער צעפּל, און דאָס אויגל האָט בייז געפינצ־טערט אויף די אָפּגעקראָכענע ווענט.

זיי זענען לאַנג געזעסן און פיינלעך געשוויגן. דורכן פאַרקראַטע־וועטן פענצטערל האָבן זיך דערטראָגן פאַרדומפּטע, אומעטיקע קלאַנגען פון מאָנאַסטיר־גלאָקן. די קלאַנגען האָבן מאָנאָטאָן וויברירט אין דרויסן מיט שטומען ווייטיק, זיי האָבן באַגלייט מיט אומעט דאָס פאַרביסענע מיידלשע שווייגן אין תפיסה־קאַמער.

.13

דאַניע, עפּעס צו אָפט פאַרסטו מיר לעצטנס אין תל־אביב? — האָט נאַכומאָוו געהאַט טענות צו אים, נאָך זיין צוריקקער אין קיבוץ, דו ביסט שוין מער באַלד אין דרויסן ווי דאָ אויפן אָרט.

דאַניע טראַכט זיך אַז אַ שטיק אמת איז שוין באַלד דאָ אין נאַכומאָווס רייד.

— אַ פּנים איך וועל זיך דאַרפן אַנטווייגען פון די נסיעות — האָט דאַניע אַ באַזאָרגטער אַרונטערגעלאָזט די אויגן צו די גראָזן.

— וואָס איז, מ׳האָט זי שוין אַרויסגעלאָזט, רינען?

— אַזוי ווייט האַלט נאָך נישט — מ׳וועט איר, גלויב איך, משלח זיין פון לאַנד.

— דאָס טויג נישט! — האָט נאָכומאָוו אַ מאַך געטאָן דעם קאָפּ אויף „ניין״. — און וואָס קלערסטו צו טאָן?

מיט אָט דעם „וואָס קלערסטו צו טאָן?״, טראָגט זיך אַרום דאַניע די לעצטע טעג. ער האָט ממש פאַרלוירן דעם טעם אין דער אַרבעט. אין צעטראָגנקייט פאַרטוישט ער די כלים בעת דער אַרבעט, זיינע מחשבות פלאָנטערן זיך נאָר אַרום רינען. רינעס זאָג בעת דער זעאונג אין תפיסה: „אַז דו וועסט מיטגיין וווּהין מ׳וועט מיך אָוועקשיקן״, האָט אים באַגלייט די גאַנצע צייט. — וואָס מיינט זי טאַקע, ער וועט איר נאָכלויפן לעבר הים? ער האָט מיט זיך אַליין נישט געקענט שלום מאַכן אין די געדאַנקען. ער ווייסט קלאָר אַז די ענגלענדער ווייסן נישט פון קיין סענטימענטן, די קאַלירטע שבטים אין זייערע קאָלאָניעס ווילן זיי נישט אַרויסשיקן ערגעץ אַנדערש. מיט אונדזערע איינגעוואַנדערטע יידן, וואָס זענען מורד אין בריטישן מלכות פּראָווען זיי נישט קיין צערעמאָניעס — לך־לך, נעם דיר דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און זוך זיך אַנדערע לענדער!

דאָס קאָמפּאַקטע לעבן אין קיבוץ איז ברויזנדיק, און מיטן שפּראָץ פון פאַרטאָג צעשפּילט זיך עס ווי אַ הילכיקער אָרקעסטער מיט בליאַס־קענדיקע אינסטרומענטן אַנטקעגן דער צעשטראַלטער זון. פאַרבן און קלאַנגען פלעכטן זיך איינס אין אַנדערן, פאַרשמעלצן זיך אין אַ וויבּרירנדיקער מוזיקאַלישער סימפאָניע. — און דאָס פאַרשלינגט און דולדעט נישט דאַניעס יחידישע איבערלעבונגען. וואָס גייט אָן דעם קיבוץ דער געראַנגל פון אַ דאַניען וועגן אַ צעקריגטער בחורה, וואָס דער נציב גרייט זיך איר אַרויסצושיקן פון לאַנד? די אַרבעט אין קיבוץ ברענט אונטער די הענט. דעם אָנגעזאַמלטן ווייץ אין שייער דאַרף מען ליפערן אין דער צענטראַלע. די לאַסט־מאַשינען וואַרטן ביי די טויערן.

פולע שווערע זעק מיט קערנער ווערן אַרויסגעפּירט אויף שטופּוועגעלעך צו דער הויב־מאַשין. די לאַדונג טראָגט זיך באַלד אין דער לופטן און גלייך אַרונטערגעלאָזט אין דער לאַסט־מאַשין.

דאַניע טוישט זיך אין דער ריי ביי פאַרשידנערליי אַרבעטן. אָט נייט ער צונויף די פול־אָנגעפּראָפּטע זעק מיט קערנער מיט אַ קרומער נאָדל, ווי אַ סערפּ, איינגעפעדימט מיט אַ שפּאַגאַט. אַז דאַניע איז שוין זאַט מיט דער־אָ אַרבעט, שטעקט ער אָפּ די נאָדל אַן אַנדערן חבר. ווידער שפּאַנט ער זיך איין אין שטופּ־וועגעלע, די נאַקעט בראָנדזענע אָרעמס דראָלן זיך אין געביילטע שטייפע מוסקולן. — די לאַדונג לויפט ראַש צו דער הויב־מאַשין.

אין די הייסע חדשים פּרוכפּערט די ערד פעטע גראָזן און קרייטעכצער, נאַרהאַפטיקע פּאַשע פאַר די עטלעכע הונדערט בהמות אין קיבוץ. די קוקורוזע־פּאַטראָוועס אין די מולטערס סטייען נישט פאַר די מילך־בהמות, ווערן זיי אַרויסגעיאָגט אין די פרימאָרגן־שעהען צום פּאַשעפעלד, ווו די פעטע גראָזן שפּראָצן און מערן זיך אין די טויאיקע נעכט.

דאַניע מיט נאָך עטלעכע חברים היטן מיט לאַנגע בייטשן אין די הענט, די קי זאָלן נישט אַרויסגיין פון גבול, ווו עס פלאַטערן אין דער לופטן, ווינטיקע פענער. דאַניע גיט אַ לאָז נאָך די בייטש אין דער לופטן, עס הערט זיך אַ סווישטש, ווי פון אַ בייזער, צעפּאַכעטער שלאַנג. אַ שטיפערישער קו פאַרגלוסט זיך איבערשפּרינגען אין פאַרבאָטענעם פעלד פאַר די פּירפּיסיקע. צעבאַלעוועטע קעלבלעך האָפּסקען מיט פאַריסענע הינטערשטע פיסלעך אין דער לופטן, לעקן און צופּן די פעטע גראָזן פון דער ערד. די ליכטיקע אייטערס פון די מאַמע־קי קיצלען ביי זיי דיעם דאָרשט אין די צינגער. זומער־פלאַטערלעך, ווייסע און זון־געלע, שפּרינגען און קרייזן אין הייסער לופט, צאַפּלען און פאַרפּלאָנטערן זיך אין גרינע גראָזן, אַרום ברוינע און ווייס־געפלעקטע בהמות, וואָס מעקען פון צייט צו צייט אַרויס מיט אַ גריליך, ווי פון אַן אומעטיקן טרומייט. דאַניעס בייטש גיט אַלעמאָל אַ סווישטש אין דער לופטן און היט דעם גבול פאַר די ווידערשפּעניקע בהמות.

עס ווערן צייטיק די פלומען־בוימער. דאַניע איז איינגעשפּאַנט

ביים פּאַקן די פּלוימען אין קעסטלעך. אין דער צענטראַלע פון „תנובה" ווערן אויך געליפערט טאָנען פון רויטע פּאָמידאָרן, גרינע אוגערקעס און פעפערלעך; גאָלד־געלע מייערן און טונקל־באָרדאָ בוריקעס, ראָזע און ווייסע רעטעכער. עס קומען אויף די זאַמד־קאָלירנדיקע שאַרסקע מעלאָנען, וואָס לאָקן מיט זייער גאָלד־זיסן אינגעווייד.

דאָס יאָר האָבן זיך איינגעגעבן די אַרבוזן, זיי שעמען זיך נישט פאַר די אַרבוזן פון תל־כרם — זענען לענגלעכע ווי די קאַרטעטשן און בליאַסקען אין די אויגן מיט פּאָלירט־טונקעלן גרין, דער אינגעווייד איז בלוט־רויט און זיס.

נאַכומאָוס קאָפּ שטראַלט דאָס מאָל מער ווי אַלעמאָל מיט זילבער־נעם יום־טוב. זיינע אויגן צינדן זיך און גלאַנצן פאַר פרייד פון דער שפע וואָס די ערד גיט פון זיך אַרויס, ער איז שטאָלץ וואָס חברים העלפן אַרויסצוכישופן די ברכה פון דער ערד.

ווען נאַכומאָוו דערזעט דאַניען ביי דער אַרבעט, פאַרשאָטנט זיך ביי אים די אינעווייניקסטע פרייד, ער האָט מיטלייד מיט דאַניעס פאַרבאָרגענע ליידן.

פאַר דאַניען איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע מיט דער פּאָסט פאַרן קיבוץ.

נאַכומאָוו האָט אויפגעזוכט דאַניען ביי די פּלוימען־בוימער, ער האָט אים אַנטקעגן געטראָגן די פאַרמאַכטע טעלעגראַמע אין האַנט.

דאַניע, דערזעענדיק פון דערווייטנס אין נאַכומאָווס הענט ווייס, פּאַפּירנדיקס, האָט באַלד דערשפּירט אַ נישט פריילעכן פאַרגעפיל.

נאַ, דאַניע, אָט האָסטו אַ טעלעגראַם!

דאַניע האָט אויף גיך אַ צעפּראַל געטאָן דאָס פּאַפּירל און פאַר די אויגן האָבן אַ שפּרונג געטאָן די פאָר ווערטער: „מאָרגן פאָרט אָפּ די שיף מיט רינען פון חיפה — שעכטער". די פאָר ווערטער האָבן זיך ביי אים אין האַרצן צעקלינגען מיט טונקעלע, פיינלעכע אַקאָרדן. הגם ער איז די לעצטע טעג געווען גרייט אויף אַזאַ ידיעה — אָבער איצט, האַלטנדיק די טעלעגראַמע אין האַנט האָט ער דורכגעלעבט טאָפּלט שטאַרקער דעם פיינלעכן מאָמענט.

— איך וועל מאָרגן פאַרטאָג פאָרן קיין חיפה! — האָט ער אַ צעשטרייטער אַ זאָג געטאָן צו נאַכומאָוון.

— ס'איז נייעס וועגן רינען?

— יאָ — האָבן ביי דאַניען זיך געכמורעט די ברעמען — דאָס „קאַפּיטל”, זע איך, איז פאַרענדיקט.

אַז דער באַגינען האָט אָנגעהויבן בלאָען, איז שוין דאַניע געזעסן אין דער מאַשין וואָס האָט זיך געיאָגט איבערן אַספּאַלט־גלאַטן שאָסיי קיין חיפה.

חיפה מיט אירע הייזער און גאַסן צעשטראַלן זיך אַלץ מער אין דער פרימאָרגנדיקער זון. חיפה, אַ צעוואַקסענע אויף ווייטע שטחים, לאָזט זיך אַרונטער באַרג אַראָפּ צום בלאָען ים, וואָס פון דערווייטן, דוכט זיך, גלעט אין פנים אַ שטילע ווייכע בלאָקייט — אָבער נאָענט צום ברעג ברויזט דער ים און ברומט מיט צעשריגענעם שוים.

אויפן וועג צום פּאָרט זעט דאַניע ווי האָרעפּאַשנע יונגען טראָגן געדולדיק אויף זיך דעם עול פון פּראַצע. פּאָר דאַניעס אויגן לויפן אַדורך געביידעס אין מיטן בוי, מויערער און בעטאָן־גיסער זענען איינגעשפּאַנט מיט אַרבעטס־כלים אויף רושטאָוואַניעס און פיבערן אויס הייסן דינאַמישן כוח. די שטאָט קימערט ווייניק, וואָס אַ פאַרזאָרגטער און אומרויקער דאַניע איילט צום פּאָרט דעריאָגן זיינס אַ חברטע, וואָס פאַרשווינדט פון אים איבערן ים.

פון דער נאָענט לויפן כוואַליעס און שווילן מיט ריזיקע בייכער — ס'רייסט זיך מיט שוימיקן געוואַלט צום ברעג. ווינטן פרייכן מיט געזאַלצנס און פיש־ריחות. טיפער אין ים וויגן זיך, ווי שיכורים, באַרזשעס און שיפן מיט סטאַרטשנדיקע מאַסטן און קוימענס — זיי קענען נישט אַנקערן נאָענט צום פּאָרט. אַראַבער, טרעגער, פאַרבראָנדזטע פון הייסע זונען און ימישע ווינטן, שפּרייזן האַלב־נאַקעטע אין די וואַסערן און שלעפּן אויף די רוקנס שווערע משאות אָפּגעלאַדענע פון די באַרזשעס. אַ לאַנגע שורה פאַרבראָנדזטע גופים שלעפּן אויף זיך אין די וואַסערן שטויסן ברעטער, רעלסן און זעק מיט תבואה.

אַ שורה האַראַפּאַשניקעס, ווי די מוראַשקעס, שלעפּן פון די באַרזשעס לאַדונג צום ברעג. די מאַנדאַטן־מאַכט פירט דורך ציוויליזאַציע מיט די האַלב־נאַקעטע פּאַרט־טרעגער, וואָס די אָפּגעשליסענע זאַק־טראַנטעס פאַרדעקן נישט זייערע נאַקעטע ערוהס, ביים שפּרייזן אין די טיפע וואַסערן. מיט דער צייט וועלן שיפן דערגרייכן צו אַן אויסגעמויערטן פּאַרט, פון וואַנען מען וועט קענען אָפּלאָדן סחורות גלייך אויף דער יבשה.

פון די שטיין־האַקערייען אין עתלית יאָגן זיך צוגן אָנגעלאָדענע מיט ריזן־שטיינער; די באַן־ליניע שניידט זיך אין ים אַריין, די הילכיקע לאָקאָמאָטיוו־סיגנאַלן וועקן ביי דאַניען פאַרבענקטע עכאָס, ער זעט ווי די הויבערס לאָדן אַרונטער פון די וואַגאָנען ריזיקע קוב־שטיינער. די שטיינער הויפן זיך איינער איבערן אַנדערן, פאַרוואַנדלען זיך אין אַ הויך־פעלדזיקער שטאַרקער ראַמפּע. ליידיקע צוגן לויפן צוריק איבע די רעלסן, טרעפן זיך אַן מיט פולע אָנגעהויפטע צוגן, וועלכע רייסן זיך מיט פולער פאַרע אָפּצולאָדן פון זיך די שטיין־סקאַלעס.

אַז דאַניע איז אָנגעקומען אין פּאַרט, האָבן שוין דאָרט געווימלט מענטשן און שוטרים מיט ביקסן אָנגעהאָנגענע אויף די אַקסלען. גראָד איז דעם פרימאָרגן אָנגעקומען אַ פּאַסאַזשיר־שיף מיט עולים יידן, אָנגעפּראָפּטע שיפלעך מיט יידן וויגן זיך אויף די וואַסערן, טונקען זיך אין דער נידער און קומען ווידער אַרויף פון אויבן מיט קוראַזש און נצחון — די שיפלעך דערנענטערן זיך אַלץ מער צו דער יבשה.

פאַר דאַניען איז אויסגעוואַקסן שעכטער מיט אַ בוקעט בלומען אין האַנט. רויט־צאַפּלדיקע נעגעלעך האָבן פאַרשמעקט דאַניען אין פּנים.

— שלום! — האָט שעכטער אויסגערופן.

שעכטערס „שלום” האָט נישט געקלינגען מיט פרייד, נאָר מיט אַ געמיש פון מיטלייד און טרייסט. די אויגן האָבן זיך ביי שעכטערן אַ צעיאָג געטאָן צעטומלטע, נישט אויסגעהאַלטן דאַניעס קלאָרן בליק, אָנגעטרונקען מיט אַזוי פיל צער.

— איך דאַנק אייך פאַר דער טעלעגראַמע — האָט דאַניע אים געדריקט מיט געפיל די האַנט — ווען פאָרט אָפּ די שיף?

ער וויל דערגיין ביי שעכטערן וועגן רינען, צי מ'האָט זי שוין דאָ געברענגט און צי עמעצער איז נאָך דאָ געקומען. ווו איז גרושקין?

דאניע האָט זיך געיאָדעט, געהאַט פּאַריבל אויף זיך אַליין — ער איז קעגן רינען באַגאַנגען אַ סך „עוולות", אפילו איצט איז אים נישט געלעגן אין זינען אַנצוגרייטן פּאַר איר בלומען.

שעכטערס פיין־פּאַרקעמטער קאָפּ האָר צעלייכט זיך אין דער זון גאָלדיק געקאַרבט, זיין שטערן איז פּאַרוואָלקנט, נישט אַלץ וואָס ער טראָגט אין האַרצן וועגן רינען קען ער פּאַר דאניען דערציילן. ער זעט זיך אין דער מערכה פון איינעם, וואָס דאַרף אָפּצאָלן דעם לעצטן חוב צו אַזאַ געשטאַלט, וואָס פּאַרשווינדט אויף תמיד פון דער היגער וועלט. ער זעט דאָך איצט ווי יידן קומען דאָ דווקא לעבן. קומען דאָ באַנייען זייער לעבן. — יאָ, אַ שאָד, — אַ שאָד — באַדויערט ער פּאַר דאניען — רינאַ האָט זיך פּאַרפּלאָנטערט אין דער סטרא אחרא. עקש־נות איז ערגער פון אַ קרענק — פון אַ קרענק קען מען זיך נאָך אויס־היילן. שעכטער האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח נישט צו רעדן וועגן רינען. גערעדט האָט ער פּאַר דאניען וועגן דער מאַנדאַטן־מאַכט. וואָס פון איין זייט קולטיווירט זי דאָס לאַנד, און פון דער אַנדערער זייט שלאָגט זי אונדז איבערן לייב. — אָט — ווייזט ער אָן מיט דער האַנט צום ים, ווו עס לויפן די צוגן מיט קוב־שטיינער פון עתלית — דאָ וועט דער ים מיט דער צייט אויסגעטריקנט ווערן; אויף דעם אָרט וועלן אויס־וואַקסן גאַסן און בולוואַרן. — אַמאָל האָט משה רבינו געשפּאָלטן דעם ים און אַנטפּלעקט יבשה אונטער די פיס פון די בני־ישראל, אין היינטיקע צייטן איז דאָס נישט פון די גרויסע נסים. דער ווילן און כוח פונעם מענטש ענדערט היינט די געשטאַלטיקונג פון דער וועלט.

דאניע איז אומרויק, רייסט איבער דעם שטראָם רייד פון שעכטערן — ווער ווייס צי מיר האָבן נישט פּאַרשפּעטיקט? ווו זעען מיר רינען?

— איך בין גוט אינפאָרמירט — באַרויקט אים שעכטער — אָט דאָרט אין ים — ווייזט ער אָן מיטן בוקעט בלומען אין דער ווייט אַריין — איז פּאַראַנקערט די שיף „טשיטשערין", עס ווערט פּאַרענדיקט אָפּצולאָדן אַ טראַנספּאָרט ברעטער, די שיף וועט צוריקפירן די...

— וואָס? „טשיטשערין״? — האָט דאַניע ממש אויסגעשריגן.

— נו־יאָ, וואָס איז דאָ נתפּעל צו ווערן?

— מיט דער שיף „טשיטשערין״ זענען מיר דאָך אָהערגעקומען אין לאַנד! — האָט זיך דאַניע נישט געקענט באַרויקן.

— לאָמיר זיך פאַרנעמען לינקס מיט דער־אָ ראַמפּע — האָט שעכטער אים געוואָרפן ווי אַ וועגווייזער, — דאָרט ביים ברעג פּאַטראָ־לירט אַ מאָטאָר־שיפל פון דער פּאָליציי, מ׳וועט אוודאי זיי אַהער־ברענגען צו דער שיף.

דער מרחק פון צייט האָט פאַר דאַניען מיטאַמאָל זיך אַ שרומפּ געטאָן — ווי לאַנג איז ווי ער איז אַהערגעקומען מיט דער מחנה חלוצים אויף דער זעלבער שיף „טשיטשערין״? ער פלעגט מוחל זיין רינעס קאַפּריזן, אָן איר האָט ער זיך געזען פאַראַרעמט — און זי האָט אים באַרויבט זיין עשירות. ווו זענט איר איצט, טייערע חברים — רעדט ער צו זיך — ער זעט דאָ קיינעם נישט פאַר די אויגן, ווו איז גרושקין? ווו איז יאַשאַ און שולמית? — אַלע זענען זיי איינגעשפּאַנט אין עול פון לעבן און בוי פון לאַנד. ווי אַלע וואָלטן אים איצט פאַראַטן, הברט ער זיך מיט זיין אייגענער איינזאַמקייט. ווי דאַנקבאַר ער איז איצט שעכטערן. ער קען אים ערשט אַ קורצע צייט און וויפל שותפות ער טיילט מיט אים אין זיין גורל.

דאַניע האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן זיינע טראַכטונגען.

— אָט קומען זיי אָן! — האָט שעכטער אויסגערופן מיט האַרץ.

ער איז געוואָרן אומרויק און די בלומען האָבן געציטערט אין זיין האַנט.

צוערשט איז אָנגעפאָרן אַ טונקל־גרינער טענדער. אינעווייניק זענען געזעסן צוויי שורות צעיאַכמערטע שוטרים, וואָס האָבן אָנגעקוקט אין די פּנימער איינער אַנטקעגן אַנדערן, צוויי שורות באַראַשקענע קוגל־היטלען אויף די קעפּ, צוויי שורות ברוינע ביקסן אין די הענט. באַלד נאָכן טענדער האָט זיך האַסטיק אָפּגעשטעלט אַ פאַרמאַכטער תפיסה־אויטאָ מיט אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל, ווי אַ שטייג פאַר חיות. עס האָבן זיך פון דאָרטן אַרויסגעשאָטן תפיסה־וועכטער, אויסגע־צויגענע ענגלענדער מיט שאַרפע גאָמבעס און פאַרשאַרצטע נעז. איבער

די ברוינע אוניפאָרמען האָבן זיך געבאָמבלט און געהוידעט פאַרשייטע פּיסטאָלעטן, אָנגעהאָנגענע אויף שוואַרצע שנירן. די תּפיסה־וועכטער און שוטרים האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ רעדל אַרום דער טיר פון אויטאָ־שטייג.

פון די הויכע טרעפּלעך האָבן זיך צוערשט אַרונטערגעלאָזט דורכן צעעפנטן טירל עטלעכע חברה מיט צעפּאַטלטע שויבערס אין די אויגן, די אויגן האָבן געצאָרנט מיט פאַראַכטונג אויף די אַרומגערינגלטע באַוואָפנטע תּקיפים. מיט פעקלעך און וואַליזקעס אין די הענט זענען זיי פאַרשלונגען געוואָרן צווישן ביקסן און ענגלישע קאַסקעטן מיט דענקעס, ווי אויסגעבויגענע טעלערס. אָט באַווייזן זיך אויף די טרעפּ־לעך ברוריה מיט רינען. דער ים־ווינט האָט זיי אַ שלאָג געטאָן אין די פּנימער, אַ פרייע וועלט האָט געבלויט מיט רחבֿות אין די אויגן — זיי זענען אַריינגענומען געוואָרן אין „שוץ" פון ביקסן און פּאָליציי־אוניפאָרמען.

שעכטער האָט נאָך פון פריער דערזען אין טענדער אַ יידישן פּאָליציאַנט, זיינס אַ בן־עיר — האָט ער אים געבעטן ער זאָל איבער־געבן די בלומען אַ בחורה מיטן נאָמען „רינאַ".

— הע, האָסט שוין צו טאָן מיט „יעגע לייט"? — האָט ער אַ העקע געטאָן אויף שעכטערן.

— געאַרבעט מיט איר אין פאַבריק.

ער האָט צוליב געטאָן זיך בן־עיר און צוגענומען פון אים די „קאָנטראַבאַנדע".

ביים איינשטייגן אין מאָטאָר־שיפל האָט דער פּאָליציאַנט אַ פאָכע געטאָן מיט די בלומען פאַר די מיידלעך.

— ווער פון אייך איז „רינאַ"?

— א י ך — האָט רינאַ געענטפערט אָן חשק.

די בלומען זענען צוגעפלויגן צו איר זייט — און ברוריה האָט אויפגעכאַפּט מיט די הענט דעם בוקעט.

דאַניע און שעכטער זענען נישט געווען אַליין אויף דער ראַמפּע, אין דער לעצטער מינוט זענען אויסגעוואַקסן מיידלעך און בחורים,

און באַיאָרטע קרובים פון די „אַרויסגעשיקטע”. דאָס איינשטייגן אין שיפל איז צוגעגאַנגען אַזוי גיך און איילנדיק. אַן דעם מינדסטן פאַר־האַלטן זיך פון געזעגענען. די דעפּאָרטירטע זענען אונטערגעטריבן געוואָרן פון די שוטרים, ווי מען וואָלט פאַריאָגט מצורעים אויף וויסטן באַראָט פון ענדלאָזע ימען. אַן אומצופרידנקייט און אַנטוישונג רודערט אויף די כאַפּטע מענטשן ביים ברעג. עס הויבן זיך הענט, אין דער לופטן פאָכען טיכלעך, ווינט פאַרשרייט און צעדריוולט די געזעגע־נונגס־רופן — מיר וועלן זיך נאָך זען! מיר וועלן זיך נאָך זען!

דאניע און שעכטער האָבן אויך געהויבן די הענט צום געזעגענען. זיי האָבן שוין רינען מער נישט געזען פאַר די אויגן.

דאָס מאָטאָר־שיפל האָט געפיבערט און זיך געוויגט איבער די כוואַליענדיקע וואַסערן. רינעס אויגן טרעפן זיך ווידער אַן מיט אַ פאַרקראַטעוועט פענצטערל, וואַסערן פאַרשווענקען די צעזוניקטע שטאָט; זי איז צעטומלט און צעפייניקט פון דעם האַסטיקן אַוועקרייסן זי פון ברעג. דורך די געדיכט־צונויפגעדרענגטע פּאָליציי־באַגלייטער, האָבן אירע בליקן זיך נישט געקענט דורכרייסן צו די מענטשן אויפן ברעג. זי האָט געאַנט, אַז דאניע איז יאָ געווען צווישן די געזעגענער, און מסתמא זענען אויך געקומען אירע שיפס־ברידער און שוועסטער? — און ווער האָט איר געקענט צושיקן די בלומען?

אָט דער „ווער האָט איר געקענט צושיקן די בלומען” האָט מערער פאַרנומען די געדאַנקען ביי ברוריהן, ווי ביי רינען. ברוריהן טאָטשעט אַ ווייבערישע גייציקייט און אייפערזוכט צו רינען — אָט די קנאה האָט זיך ביי איר צעבליט פון יענע גוטע צייטן אַן, בעת זיי האָבן נאָך געאַרבעט אין זיידנבייטלס פאַבריק. — איר קנאה צו רינען האָט זיך אויך נישט אויסגעוועפּט איצט אין מאָטאָר־שיפל. דאָס קאָסאַקע אויגל צילט צום דערווייטערטן ברעג, און דאָס צווייטע אויג פינצטערט אויף די רויטע נעגעלעך, וואָס זענען אַוועקגעשליידערט ערגעץ אין אַ זייט אויף אַ פּעקל.

— זי וועט שווערן — פאַרזיכערט זי רינען — אַז די בלומען האָט אַהערגעברענגט שעכטער. זי איז מער ווי זיכער, אַז זי האָט אים

געזען אין טומל פון צונויפגעדרענגטן עולם.

— זאָל זיין אַז יאָ — איז רינאַ גלייכגילטיק צו ברוריהס רייד — וואָס גייט זי שוין אָן וועלכער „ריטער“ עס האָט איר די בלומען געשיקט, און וואָס גייט זי אָן ווער ס'איז געקומען באַגלייטן צו דער „רייזע“? — סיי־ווי האָט זי קיינעם נישט אָנגעזען פאַר די אויגן. — פאַר די אויגן זעט זי קלאָר די אָנגעכמורעטע שיף, וואָס וועט זי אַוועקפירן אין דער ווייטער אומבאַשטימטער וועלט — —

* * *

רינאַ האָט זיך איצט דערוווסט אויף דער שיף, אַז זי געפינט זיך אויף דער זעלבער „טשיטשערין“, וואָס האָט איר אַהערגעבערענגט מיט אַ צוויי יאָר צוריק אין חיפה. די שיף וועט זי איצט צוריקפירן איבער ווייטע ימען און אומבאַשטימטע לענדער. ווי אַ קאָשמאַר קומען איר פאַר אירע אייגענע פּאַסירונגען, פּאַרלאָפענע אין משך פון דער צייט. דאָס געפינען זיך ווידער אויף דער שיף „טשיטשערין“, זעט איר אויס אַזוי פאַטאַל, ווי אַ פיינלעכער קוריאָז. — זי איז אָפּגעשיידט פון אַלעמען, פון פריינד און חברים, אָן יבשה אונטער די פיס.

די שיף גרייט זיך אין וועג. מאַטראָזן קלימפּערן אינעם בויך, פון די קוימענס קנוילט שוואַרץ־געדיכטער רויך. בלאָער ים ליכטיקט אין די אויגן מיט טויזנטער שפּיגלען, אָבער רינען טונקלט אין די אויגן — טרערן ווערגן איר אין האַלדז. זי דערווייטערט זיך פון דער גרופּע אויפן דעק, וווּ ברוריה איז אויסגעקאָכט מיט זיי און פּילדערט אויף אַ קוויטשיק שטימעלע, ווי זי וואָלט איבערגעשריגן די גוואַלדן פון ים.

די שיף „טשיטשערין“ האָט זיך מיטאַמאָל צערעוועט, ווי אַ פאַרווונדעטע חיה. ווידערקולות אומעטיקע, טונקעלע, האָבן זיך אָפּגעריסן פון אַלע זייטן און זענען צוריקגעפלויגן אין אומענדלעכער ימישער ווייטקייט. רינאַ דערשפּירט ווי די שיף פאַרנעמט זיך ווינקלדיק, וואַסערן קאָכן אויף מיט ווייסן שוים, מאַכן אַ וואַרע פאַרן מעטאַלענעם געמאַך, וואָס שניידט און רייסט זיך פאָרויס. זי איז צוגעפּרעסט צום באַריער,

א. ריוועס

ווי זי וואַלט זיך געעקשנט און גובר געווען די אימפּעדיקע אָנגרייפּנ־דיקע ווינטן, וואָס האָבן פון איר געריסן שטיקער. וואַסער ווערט האָט איר אינעווייניקסטער פּראָטעסט און געשריי צו וועלט און מענטש אָנטקעגן די געוואַלדן און געשרייען פון אויפגעלאָפּענע בייזע כוואַליעס? אַ רויטע זון, ווי אַ גרויסער באַלעם, דערגרייכט שוין באַלד די וואַסערן, וואַסערן טוישן זיך פון בלאָ אין גרין, פון גרין אין גראָ — אַ געמיש פון קאָלירן און געוואַלדן. רינאַ זעט פאַר זיך ים און הימל מיט צעצונדענע גרעלע פאַרבן — און זי געפינט זיך אין מיטן דער צעשריגענער שריפה. עס פאַרשווינד און פאַרקלענערט זיך אַלץ מער דער באַזעסענער ברעג, וואָס פולסירט פון דערווייטן מיט קאָכיקן לעבן. די שיף טראָגט איר אויף וואַסערן צו אומבאַשטימטע ברעגעס, פאַרשלייערטע אין אַ פאַרנעפּלטן גורל.

אין פארלאג י. ל. פרץ־ביבליאטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאלגנדע ביכער:

י. זרבבל:	בלעטער פון א לעבן (2 בענדער)
מענדל מאן:	נאכט איבער גלושינא
אברהם סוצקעווער:	אין מדבר סיני
ישראל טאבאקמאן:	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי:	בילדער און דערציילונגען
פאפיערניקאוו:	היימישע און נאענטע
מענדל מאן:	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק:	דאס הויז פון די ליאלקעס
יוסף בירשטיין:	אויף שמאלע טראטוארן (ראמאן פון קיבוץ לעבן)
מלך נוי—ניישטאדט:	דאס ערשטע און דאס צענטע יאר מדינת־ישראל
אפרים שרייער:	קונסט און טעאטער (העברעיש)
יצחק לעוו:	אין געראנגל — געקליבענע שריפטן
מרדכי יפה:	צען ישראל־דיכטער
יצחק פאנער:	שלום אש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראנאטשטיין:	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האפער:	א הויף אויף פאקארנע (2 בענדער)
נחמן דרוזדוב:	אחד העם
עזרא קארמאן:	צייכנס און צירופים
ה. לייוויק:	אויף צארישער קאטארגע
י. לעשצינסקי:	הדמות הלאומית של יהדות הגולה (דאס נאציאנאלע פנים פון גלות־יידנטום) — עברית
יעקב פאט:	שיחות עם סופרים יהודיים (שמועסן מיט יידישע שרייבער) — עברית
רבקה באסמאן:	טויבן ביים ברונעם
י. צ. שארגעל:	פון וויי און גלויבן
דוד זאקאליק:	געראנגל
א. קארפינאוויטש:	דער וועג קיין סדום

פון זעלבן מחבר:

איבערפלאַנץ — דערציילונגען, דערשינען אין יאָר 1947